צו „יודישע וועלט״ 1915
ליטעראטור און לעבן
[illegible]
פון
ה. ד. נאמבערג

מיטן פרץ-[illegible]
„פרץ״ ד״ר גרשון-לעווין

I. מחמת סיבות, וואָס זיינען אונאָפּהענגיג פון דער רעדאַקציע האָבּען אין דיעם בוך ניט געקאָנט געדרוקט ווערען: „עטליכע מאָמענטען פון פרץ׳ס לעצטע טעג״ פון יעקב דינעזאָן און „פרץ—דער פאָטער פון דער ליטעראַרישער משפחה״ פון ה. ד. נאָמבּערג.

II. די אומשטאַנדען פון דער צייט שאַפען כסדר מניעות פאַר׳ן פינקטליכען אַרויסלאָזען די ביכער פון זשורנאַל. חוץ אַנדערע שטערונ-גען, קומט אויס צו ליידען פון דער שווערקייט צו בּעקומען פינקטליך מאַנוסקריפּטען; בּעזונדערס שווער איז דאָס געווען בּנוגע צום ספּעציע-לען פרץ-נומער. מיר בּעטען אונזערע אַבּאָנענטען און לעזער גלויבּען, אַז די אַדמיניסטראַציע און רעדאַקציע פון דער „יוד. וועלט״ ווענדען אָן אַלע כּחות, בּכדי צו זיכערן דאָס פּינקטליכע ערשיינען פון׳ם זשורנאַל. אין דער פאַרשפּעטיגונג פון׳ם איצטיגען פרץ-נומער זיינען שולדיג נאָר די אויבּען דערמאָנטע מניעות.

די ייִדישע וועלט 1915
ליטעראַטור און לעבן
פּובליציסטישער-ב׳ר
פֿון
ה. ד. נאָמבערג

מיט'ן פּרץ'ן – מאָריס ראָזענפֿעלד
„פּרץ" ד"ר גרשון-לעווין

פרץ אויפ'ן טויטען-בעט.

די יודישע וועלט

ליטעראַריש־געזעלשאַפטליכע מאָנאַטסשריפט.

פערטער יאָהרגאַנג 1915 באַנד II בוך 2-1

אַפּריל־מאַי.

צום אנדענק פון י. ל. פרץ.

ווילנער פערלאַג פון ב. א. קלעצקין.

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין

איבערדרוקען און איבערזעצען
אָהן דער ערלויבניש פון די
מחברים איז פערבאָטען (געזעץ
פון 20-טען מערץ 1911).

פון דער רעדאַקציע:

קליינע מאַנוסקריפּטען ווערען ניט אומגעקעהרט צוריק, גרעסערע — נאָר ווען עס זיינען צוגעשיקט מאַרקעס.

אויף אויף צו בעקומען אַן ענטפער מוז צוגעלעגט ווערען א מאַרקע.

אבאנעמענטס-פּרייז.

אין רוסלאַנד: אַ יאָהר—5 ר. א האַלב יאָהר 2.50 ר. אַ $\frac{1}{4}$ יאָהר 1.25 ר. אַ חודש 42 ק.

אין אויסלאַנד: אַ יאָהר 6 ר. אַ $\frac{1}{2}$ יאָהר 3 ר. $\frac{1}{4}$ יאָהר 1.50 ר׳.

איינצעלנע ביכער צו 80 קאָפּ.

„Ди Юдише Велтъ“, ежемѣсячный журналъ, № 4-5.
Апрѣль-Май 1915.

דרוקעריי פון ב. א. קלעצקין ווילנא.

י. ל. פּרץ.

אַ בריף*

זיץ איך מיר ר׳ יעקל, אין האָטעל סיטי אין ציריך, נאָכֿן פֿרישטיק, אויף דער צוריק-רייזע פֿון טאַראַספּ... זיץ איך מיר און טראַכֿט נאָך, און קלער, און קלער איבער. פּערזענליך האָב איך פֿון די 5 וואָכֿען אין דער שווייץ, אין אונטערענגאַדין, צווישען בערג און שניי-בערג, וויזען און משוגענע וואַסער-פֿאַלען פיעל פּערדינט: אַ ביסל אויסגערוהט זיך דעם קאָפּ, אַ ביסל שטאַרקער געוואָרען דאָס האַרץ. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכֿט אָבער דער פֿאַקט פֿון 5 וואָכֿען אַ נ ד ע ר ש לעבען; פֿון אַ שטיק צייט, וואָס שווימט נישט אַרויס פֿון געוועזענעם, שווימט נישט אַריין אין׳ם קומענדיגען: אַ בעזונדערער שטראָם פֿון שטונדען, טעג און וואָכֿען, וואָס האָט זיך אַריין און דורכֿגעריסען, בעוויזען אָבגעבראָכען און פֿאַרשוואונדען....

און די אַ ל ט ע צייט, די ב ע ש ט ע נ ד י ג ע, די יעהרליכֿע וועט צוריקקומען, ווייטער פֿליסען. און דו פיהלסט, אַז דאָס ב ע ש ט ע נ ד י ג ע איז דאָס ריכֿטיגע, דאָס ווירקליכֿע; דאָס בוך, וואָס איך שרייב מיט אָפּט-מיעדע נערוון און צורינען בלוט, און דאָס 5-וואָכֿענדיגע, אַריינגעריסענע איז עפּיס אַ מין משונה׳נער חלום, אַ פֿערווענדט-פּרעמדער טעקסט, אַ דרוק-פּעהלער, אַ מאָדנע קונץ פֿון הבחור הזעצער...

אַ מענש לעבט מיט אידעען, מיט געפֿיהלען; מיט מאָמענטען פֿון ווילען, פֿון ליעבע און האַס, — פּלוצלונג קומט ער צווישען בערג און דאָס אַליך פֿאַלט פֿון איהם בליץ-שנעל אַראָב. די אויגען — פּערקוקט אין שניי-פֿעלדער, אין אויער רוישט דער באַך, שטורמט דער וואַסער-פֿאַל; עס רייסט זיך אַריין אַ מוזיקאַליש-געשטימט ציעגען- אָדער קוה-גלעקיל. אַמאָל זיצסט דאָ און אונטער דיינע פֿיס צופּאַרבט זיך אַ רעגענבויגען; נישט אין הימעל העגנגט ער. רבי, ער לעגט זיך איבער׳ן רוקען פֿון באַרג, ווי אַ קאָליערטע לענטע, צום פֿערציערען... דו קוקסט אויף שטילע גרינע בערג, פּלוצלינג שווימען פֿון לעכֿער און שפּאַלטען טיולענע, לייכֿט-לופטיגע בענדער אַרויס, האַלז-בענדער, גאַרטלען, נעמען אַזוי ליעבליך אַרום און הייבען זיך און צורייכֿערען זיך, און צופֿליהען זיך. האָסט געהאַט אַ בלאָהעם הימעל, פֿליהען זיך שוין אַרום, וואַנדערן, בלאָזען אַרום שטיקער און שטיקלעך וואָלקען. די זון — אַ ברענענדיגע, שווימט זיך איהר וועג, אָט איז זי אין אַ שטיקעל וואָלקען אַריין — עס צוגיסט זיך אין רעגענדיל, עס פֿאַלט אַראָב גלייך; וואַסערדיגע שנירליך לאָזען זיך אַראָב, אויס וואָלקען-שטיק. דאַן ענדיגט אַזוי אַ צווייטס, אַ דריטס. צווישען איינעם און

* דעם בריף האָט י. ל. פּרץ געשריבען פֿון ציריך צו זיין פֿריינד יעקב דינעזאָהן אין יאָהר 1912, סוף זומער.

דעם צווייטען ברענט אַ קון; און אָט, זי ווערט ווײַטער פערטרונקען. דער גרינער באַרג ווערט פיאָלעט סאַמיטען, טיעפער פיאָלעט, נור אָט שליסען זיי זיך די שטיקער וואָלקען. פלוצלונג — עס גיסט; אויף אַ מבול! די זון איז שוין לאַנג פערגעסען. די לופט אָבגעקיהלט.—„גוט — זאָגט דער שווייצער — עס וועט פאַלען שניי, דערנאָך וועט זײַן זון.“ און אין דער פריה, דו האַפּסט זיך אויף. אַ ווײַסע וועלט, דער שניי פערדעקט די בערג כמעט ביז צו פיס... אין דער הייך — אַ גאָלדענע זון אינ'ם בלאָהסטען הימעל... מיטאָג צײַט: פון די וואַלדיגע בערג־רוקען איז דער שניי פערשוואונדען, פון אונטערן וואַלד קוקען אַריבער שנייענע בערג־שפּיצען, ווײַסע, אָנגעהייער ווײַסע... גרויסאַרטיג־שטיל ווײַסע.

זעץ דו אַרײַן דײַן ווילען, דײַן ליעבשאַפט, דײַן האַס, דײַנע פערלאַנגען. עס גערט גישט. מען קוקט, מען איז אַ שטילער, זעהר שטילער, אָהן־ווילענדיגער צושויער... וואָס האָט צוטהון די וואַהל־פראַגע מיט'ן שוואַרץ־זעע? נשמות פליהען נאַכט אויף נאַכט אַרויף אין הימעל אַרײַן און פערשרײַבען זייער טאָג... מיאוסע זאַכען, ווערט דער מלאך־הממונה בייז, האַפּט דעם טינטער און גיט אַ וואָרף, גיעסט זיך אַראָב אַ שוואַרץזעע צווישען טאַראַספּ און דאַוואָס. שווימט ער אָב פון צווי קעגענאיבערדיגע זײַטען; רעכטס אַראָב — צוריק קײַן טאַראַספּ, לינקס אַראָב — ווײַטער קײַן דאַוואָס. וואָס האָט עס צוטהון מיט'ן דאָקטאָר בייער? מיר פאָהרען מיט'ן טראַקט, רעכטס, אינ'ם באַרג־רוקען, — אויסגעהאַקטע גאַלערעען מיט ליכטער אַרויס... וואָס איז דאָס? ווינטער איז דער טראַקט געפעהרליך, באַרגאָב לאָזען זיך לאַווינען פון שניי. הערסט, עפּיס אַ גערויש פון דער הייך? לויף שנעל אַרײַן דורך אַ ליכט אין דער גאַלערעע. די לאַווינע לאָזט זיך אַראָב, זי וועט דיך פערשיטען אין דעם שטיינערנעם קבר. זײַ דאָרט רוהיג. די לאַווינע וועט זיך אָבזועצען, די טראַקט־אַרבייטער וועלען קומען און דיך אויפגראָבען; וואַרים וועט דיך זײַן אונטערן שניי.

און אַ יונגער בערגמאַן אינ'ם פּאָסטוואָגען פערצייהלט:

— ווינטער, איך און נאָך איין עלטערער הערר האָבען פערלאַנגט אַ פּאָסט־שליטען מיט פערד קײַן דאַוואָס. מען האָט אונז קוים געגעבען. געפעהרליך געווען. געגעבען אָהן אַ שמײַסער, איך, האָב איך פערזיכערט, קען „אָנטרײַבען“, קען דעם וועג...

ער פערצייהלט נישט מיר. און רעכטס און לינקס בײַם טראַקט—הויכע, הויכע שטאַנגען, וועג־ווײַזער, וואָס זאָלען ווינטער שטאַרען איבערן שניי, און נישט לאָזען אַראָב פון טראַקט אין טאָל, אין אָבגרונד אַרײַן. די שטאַנגען שאָקלען זיך, גלײַך זיי מאַכען מיט די קעפּ, בעדויערענדיג און הוזק־מאַכענדיג פון אַ מענש, וואָס „קען דעם טראַקט“, וואָס קען אָנטרײַבען און שפּיעלט זיך מיט לאַווינען... דער שווייצער פערצייהלט

װײַטער, איך הער, האַפֿענדיג אײנצעלנע װערטער און שטױס מיך צו די רעשט:

— פֿלוצלינג — אַ שאַרף פֿון דער הײך, פֿון שפּײן באַרג. איך פֿערשטעה. איך גיב מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַ ציה די מיטעל־לײן, דאָס פֿערד גיט אַ ריס אַרויף דעם קאָפּ, און דער קאָפּ בלײַבט שױן איבערן שנײ. די לאַװינע איז אַראָב, האָט אונז שױן אַראָבגעשלײַדערט. דער שליטען — פֿערדעקט. אײן מיטרײַזענדער אין גאַנצען פֿערדעקט מיט שנײ, דער פֿערדס־קאָפּ שנױבט, האַפּט לופֿט... איך בין אין שנײ ביז׳ן גאַרטעל...“

נור ער בעמערקט, אַז די אין װאָגען, װעלכע ער האָט פֿערצײלט זענען אײַנגעדרימעלט, אײַנגעװיעגט פֿון שטילען װינטעל פֿון טאָל.

— „קוים אַרױסגעצױגען!“ — װאַרפֿט ער מיר, דעם פֿרעמדען, צו, און האַקט אָב, און פֿערדרײכערט אַ לאַנגען, דינען עסטרײַכער, נאָכ׳ן אַרױסציהען די שטרױ, און פּיפּצט אין דרימעלט אויך אײַן. און פֿלוצלינג װערט קאַלט. מיר זענען אַרויף אויפֿ׳ן פֿליעלאַפּאַס, צװײטױזענד מיט הונדערטער מעטער אין דער הײך. אַלע עפֿענען די בלאַסע אױגען, ציהען זיך אײַן, מאַכען צוריק די אױגען צו. דער יונגער בערג־מאַן דעקט זיך נישט איבער, גיט עטליכע שטאַרקערע פּיפּײן פֿונ׳ם עסטרײַכער, דרימעלט װײַטער אײַן. װי אַזוי ער האָט אַרױסגעראַטעװעט זיך, זײַן מיטרײַזענדען און דאָס פֿערד מיט׳ן שליטען, װײס איך נישט: די לאַװינע האָט זײ אַראָבגעװאָרפֿען פֿון טראַקט אין טאָל אַרײַן... דעם שליטען האָבען זײ געמוזט אַרױפֿטראָגען.

ענדליך — פֿליעלא, אײן אײנזאַם הױז, בעװאָהנט נור זומער. פֿון אַלע פּאָסט־װעגען שפּרינגט מען אַרױס, מאַנכע קריכען אויך אַרױס — פֿערשטאַרטע פֿיס. אין גאַסט הױז אַרײַן. אַ געדרופּערײַ: טײ, קאַפֿע, בוליאָן, גליה־װײַן... ענגליש, פֿראַנצױזיש, דײַטש, ראָמאַניש און אַלע האָבען אײן פֿערלאַנג: עפּיס װאַרימס! אָהן אויסנאַם־געזעצען, דער טיש פֿאַר אַלע...

גענוג. עפּיס אײן אַנדער װעלט. כ׳בין אָבער שױן אין ציריך. שבת, צי זונטאָג אין דער פֿריה — אין װאַרשע. צוריק די אַלטע װעלט.. צװײ דרײַ שנײ־טעג איבערן יאָהר; דער רעשט װינטער — קױטיג. רעגענבױגענס און װאָלקען, װײַט, װײַט אין דער הײך איבערן קאָפּ. רבי, איך גלױב: דער רעגענבױגען הענגט אין הימעל. איך זעה דאָך, יענץ איז אַ חלום געװען... װאָס רױשט אין דרױסען? די װאַהל־קאַמפּאַניע, נישט קײן װאַסער־פֿאַל, נישט דער זילבערנער משוגע צופֿלאָסענער באַך... מענשען טראָגען שױן קײן גענאָגעלטע שוה, — אָבער שטיװעל דאַרף מען, גרױסע, שטאַרקע, אַריבערצוגעהן איבער דער שמוציגער בלאָטע...

זײַ געזונד...

עס איז טרױעריג — דײַן יל״פּ.

י. דינעזאָהן.

עטליכע מאָמענטען פון פּרץ'ס לעצטע טעג.

י. דינעזאָהן. — עטליכע מאָמענטען פֿון פּרצ'ס לעצטע טעג.

י. ל. פרץ און זיין פריינד יעקב דינעזאָן.

(פון א פאָטאָגראַפיע, אראָבגענומען 3 חדשים פאר פרץ'ס טויט.)

י. דינעזאָהן. — עטליכֿע מאָמענטען פֿון פּרצס לעצטע טעג.

י. דינעזאָהן. — עטליכע מאָמענטען פֿון פּרצ׳ס לעצטע טעג.

די יודישע וועלט.

י. דינעזאָהן. — עטליכע מאָמענטען פֿון פּרצ׳ס לעצטע טעג.

די יודישע וועלט.

י. דינעזאָהן. — עטליכע מאָמענטען פֿון פּרצ׳ס לעצטע טעג.

ש. אַנ—סקי.

יצחק לייבוש פּרץ.

(ערינערונגען).

I

איך געדענק ניט אויף ריכטיג, ווען און ביי וועלכע אומשטאַנדען איך האָב צום ערשטען מאָל געהערט פּרצ'ס נאָמען, צום ערשטען מאָל געלייענט עטוואָס פון זיינע ווערק. נאָר דאָס געדענק איך קלאָר, אַז ווען מיר האָט זיך געמאַכט צו זעהן — אין דער ערשטער העלפט פון די 90-ער יאָהרען דאָס זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבען“ און דאָרט האָב איך אין איינעם פון זיי דורכגעלייענט פּרצ'ס נאָוועלע „אין אַ קעלער שטוב“—האָט עס אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקען איינדרוק. איך בין געווען פאַרוואונדערט, וואָס איך האָב אַזאַ עכט ליטעראַרישע (אין איראָפּעאישען זין) זאַך געטראָפען אין אַן אָרעם-דינינקער אויסגאַבע, א י ן י ו ד י ש.

גענומען האָט זיך מיין פאַרוואונדערונג ניט דערפון, וואָס איך בין חס ושלום געווען אַ געגנער פון יודיש, געהאַלטען די שפּראַך פאַר אַ נידעריגע, ניט-ליטעראַרישע. פאַרקעהרט, ווען דאַן וואָלטען זיין שוין די איצטיגע „שפּראַך-ריכטונגען“, וואָלט איך געוויס געווען אַ הייסער יודי-שיסט, — נאָר פּשוט פאַר מיר איז געווען א ו מ ג ע ר י כ ט צו טרעפען אַ ז אַ ווערק אין יודיש. אמת, צו יענער צייט האָב איך שוין געלייענט פיל שענע, טאַלאַנטפולע, ווערק אין יודיש: „די קליאַטשע“ מענדעלע מוכר ספרים'ס, שלום-עליכמ'ס „סטעמפעניו“, דינעזאָנס „דער שוואַרצער יונגער מאַנטשיק“, לינעצקים „דער פוילישער יונגעל“ א. ד. גל. נאָר די אַלע ראָמאַנען און נאָוועלען זיינען ביי מיר געשטאַנען ווי אָן דער זייט, זיינען פאַר מיר ניט געווען צונויפגעבונדען מיט דער ליטעראַטור. שענע, וואונ-דערבאַרע ערצעהלונגען, אָבער די יודישע ליטעראַטור איז אין מיינע גע-דאַנקען געווען פאַרגעשטעלט נ א ָ ר פון שמר'ן און בלאָשטיינען: זיי זיינען געווען פאַר מיר איהרע איינציגע שעפער, בעלי-בתים און געזעצ-געבער.

מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער, אין יאָהר 1890, בין איך געווען אין קיעוו ביי שלום עליכמ'ן, וועלכער האָט שוין אַרויסגעגעבען זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק“. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען זיינע ליטעראַרישע פּלענער און געלייענט מיר זיין פלאַם-פייערדיגען פּאָלעמישען אַרטיקעל קעגען שמר'ן און זיין „ריכטונג“ אין דער ליטעראַטור. איך האָב מיט אַן אמת'ן פאַרגעניגען צוגעהערט, געווען אינגאַנצען איינשטימיג מיט שלום עליכמ'ן, אָבער טיף אין האַרצען איז ביי מיר געווען די איבערצייגונג,



י. ל. פרץ אין זיין קאבינעט אויף יערוזאלימסקא 89.

ש. אַנ–סקי. — יצחק לייבוש פּרץ.

אַז דאָ וועט קיין שום פּאָלעמיק ניט העלפֿען, און שמ״ר וועט בלייבען דער איינציגער הערשער פֿון דער יודישער ליטעראַטור.

און דאָ האָט די איין קליינינקע נאָוועלע פּרצ׳ס געמאַכט ביי מיר אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. איך האָב מיט אַ מאָל דערפֿיהלט, אַז אין דער יודישער ליטעראַטור האָבען זיך געוויזען נייע בעלי־הבתּים און אַז די איז אַריין אין דער משפּחה פֿון די אייראָפּעאישע ליטעראַטורען.

אין דער זעלביגער צייט איז פֿאָרגעקומען מיין ערשטע שריפֿטליכע בעקאַנטשאַפֿט מיט פּרצ׳ן. איך האָב איהם געשיקט אַ סקיצע „די כּתבים“, וועלכע ער האָט אָבגעדרוקט אין איינעם פֿון די „יום־טוב־בלעטלעך“. נאָכ־דעם האָב איך איהם געשיקט אַ גרויסע ערצעהלונג, וועלכע איך האָב געשריבען אין יודיש, נאָר די איבערזעצונג פֿון איהר איז שוין געווען גע־דרוקט אין רוסיש („וואָסכאָד“). פּרץ האָט עס צוגעזאָגט צו דרוקען, נאָר איך געדענק שוין ניט מחמת וועלכע סיבּות האָט ער זי ניט געדרוקט און אַפֿילו ניט אומגעקערט מיר צוריק דעם מאַנוסקריפּט. איך האָב איהם עט־ליכע מאָל געשריבען און ניט בעקומען קיין ענטפֿער. איך געדענק, אַז איך בין געווען דאַן שטאַרק ברוגז דערפֿאַר — און מיט דעם האָט זיך אויף אַ לאַנגער צייט איבערגעריסען אונזער בעקאַנטשאַפֿט.

איך בין אָבגעפֿאָהרען קיין פּאַריז אַריין אין אַ נייער סביבה מיט נייע אינטערעסען, וועלכע זיינען געווען זעהר ווייט פֿון דער יודישער ליטעראַטור. אָבער מיט יודען, מיט פּאַריזער רוסישע יודען — סטודענטען, אַרבייטער, עמיגראַנטען, האָב איך די גאַנצע צייט געהאַט נאָהענטע פֿאַר־בינדונגען. איך בין בעקאַנט געוואָרען און בעפֿריינדעט זיך מיט אַ ווילנער יונגען מאַן א. באָרעל, וועלכער האָט ניט לאַנג פֿאַר דעם עמיגרירט קיין פֿראַנקרייך.

איין מאָל אין מיטען די געוועהנטליכע דעבאַטען

ווענדט זיך צו מיר באָרעל

מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב פֿאַר אייך אַ מתּנה.

און דערלאַנגט מיר אַ בוך.

איך עפֿען אויף — „פּרצ׳ס אַלע ווערק“, אַ יובּילעאום־אויסגאַבע. אויף דעם שער־בלאַט — באָרעל׳ס אַ שיר אין העבּרעאיש, נאָך דעם אַלטען סקאַרבאָווען נוסח, מיט אַן אַקראָסטיך, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שלמה שמך“.

אַ יודיש בוך, דערצו נאָך פּרצ׳ס, אַ העבּרעאישער שיר און די אומגעריכטהייט פֿון דער מתּנה האָבען געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי אַ גרוס פֿון דער ווייטער און ליבער היים.

מיין בעל־מתּנה האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט שענקען מיר דאָס בוך. ער האָט מיך שטיל אָנגענומען פֿאַר האַנט און מיט אַ צופֿרידענהייט

די יודישע וועלט.

פֿון אַ „זולל וסובֿא'ניק", וואָס גרייט זיך פֿאַרזוכֿען אַן אידעלע און זעהר גוטע שפּייז, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אָט, לאָזט אַוויילע אָן דער זייט אייערע דעבאַטען, קומט בעסער, איך וועל אייך לייענען פּרצ'ן.

ער האָט מיך אָבגעפֿיהרט צו זיך און אַליין מיט דעם געלאַסענעם צופֿרידענעם שמייכֿעל גענומען לייענען מיר פּרצ'ס ערצעהלונגען. געענדיגט איינע, אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַ גליקליכֿען בליק, אַרויסגערעדט נאָר דאָס וואָרט: „נו?" — און אָנגעהויבען אַ צווייטע.

אַזוי זיינען מיר געזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכֿט. איך בין געווען פֿאַרוואונדערט, פֿאַר'כשופֿ'ט. דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל דערקענט פּרצ'ן, פֿאַרשטאַנען, ווי גרויס ער איז — און ער איז מיר גלייך געוואָרען נאָהענט און טייער, געוואָרען נויטיג פֿאַר מיין אייגענעם גייסט.

דאָס איז געווען בערך אין יאָהר 1901. די צייטען זיינען שוין געווען אַנדערע. די שטימונג אין די אויסלענדישע יודישע קאָלאָניעס האָט אָנגעהויבען צו ווערען פֿון טאָג צו טאָג אַליין נאַציאָנאַלער. און פּרץ — האָט אין דעם געשפּילט אַ וויכֿטיגע ראָלע. פּרצ'ן האָט קיינער ניט געקענט פֿאַרלייקענען, אַפּילו די פֿאַרביסענסטע סאָציאַלדעמאָקראַטען. פּרץ איז געווען אַן אַרגומענט, אַ פֿאָהן. אין זיינע ווערק האָבען יונגע לייט געלערנט דאָס יודישע פֿאָלק און דאָס יודענטום, צוליב איהם האָבען אַסימילירטע בחורים און מיידלעך געלערנט יודיש. זעלטען וועלבער יודישער אָוונט, סיי אַ ציוניסטישער, סיי אַ בונדיסטישער (ביידע פּאַרטייען האָבען געהאַלטען פּרצ'ן פֿאַר „זייערען") איז זיך בעגאַנגען אָהן אַ לייעניש פֿון פּרצ'ן. אָפּט האָט מען געלייענט רעפֿעראַטען וועגען פּרצ'ן. דערהויפּט זיינען אינטערעסאַנט געווען די פֿאָרטראָגען וועגען איהם פֿון ד"ר ח"ים זשיטלאָווסקי.

II

אין יאָהר 1906 האָב איך זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, נאָר עס זיינען פֿאַרביי נאָך עטליכֿע יאָהר ביז איך האָב זיך פּערזענליך בעקענט מיט פּרצ'ן. פֿאָרגעקומען איז אונזער בעקענען זיך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין יאָהר 1908 אָדער 1909, ווען פּרץ איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין פּעטערבורג, איינגעלאַדען פֿון אַ ראַדיקאַלער גרופּע אויף אַ פֿאָרלעזונג. בעגעגענט האָבען מיר זיך אין זאַל, וואו עס איז פֿאָרגעקומען די לעזונג, פֿאַר עטליכֿע מינוט איידער פּרץ האָט געדאַרפֿט אַרויסטרעטען. מיר האָבען זיך אַרומגענומען און צעקושט ווי אַלטע בעקאַנטע.

איך האָב שוין פֿריהער געזעהן פּרצ'ס בילד, נאָר איך וואָלט פּרצ'ן ניט דערקענען. ער איז געווען ניט קיין הויכֿער, אַ ברייטפּלייציגער, מיט אַ גרויסען, שענעם, הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ פֿריען, ענערגישען

אויסזעהן און קלוגע פֿינקלענדע אויגען. איך געדענק, אַז דערזעהענדיג איהם איז מיר געקומען אין זינען דער געדאַנק, אַז ווען איך בּעגעגען איהם אין גאַס, וואָלט איך אפשר ניט גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ יוד. אַ טיפּיש יודיש געזיכט, נאָך מעהר יודישע אויגען,—אָבער דעם קאָפּ אויפֿגעהויבּען, די בּעוועגונגען פריַיע, אויפ׳ן פּנים דער אויסדרוק פון שטאָלץ און רוהיגער זיכערהייט. אין דער גאַנצער פֿיגור — קיין שום זכר פון גלות! אַזאַ פֿרייַקייט פון גלות האָבּ איך ניט בּעמערקט אין דעם אויסזעהן כּמעט פֿון קיינעם פון די אַסימילירטע פּעטערבּורגער יודען.

אויף דער פֿאָרלעזונג איז געשעהן אַ אינצידענט, וועלכער איז געווען כאַראַקטעריסטיש אי פֿאַר פּרצ׳ן, אי פֿאַר דער דאַמאָלסדיגער פּעטערבּורגער יודישער יוגענט.

דער זאַל איז געווען פֿאַרשטעהט זיך געפּאַקט, נאָר אַ גרויסער טייל פֿון דעם פּובּליקום איז בּעשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס זייַנען געקומען זעהן פּרצ׳ן און ניט הערען איהם. געווען ניט ווייניג אַזעלכע, וואָס האָבּען ניט פֿאַרשטאַנען אָדער קוים פֿאַרשטאַנען יודיש.

פּרץ האָט מייַסטערהאַפֿט געלייענט זייַנע ווערק. נאָר פּרץ איז דאָך בּכלל געווען ניט פֿאַר אַ המון, ער איז געווען צו אינטים, צו אידעל און איינגנאַרטיג, און זייַן מייַסטערהאַפֿט לעזען איז געווען צוגעפּאַסט צו אַ קליינעם אינטימען קרייַז. פֿאַר אַ גרויסען פּובּליקום איז זייַן שטים געווען צו שוואַך, די אינטאָנאַציע ניט גענוג שאַרף. דערצו האָט זייַן פּוילישער אַקצענט געקלונגען פֿאַר דעם ליטווישען פּובּליקום פרעמד, געמאַכט פֿיל ווערטער אומפֿאַרשטאַנדליך.

די, וואָס זייַנען געזעסען אין די ערשטע 3—4 רייהען האָבּען נאָך געהערט און פֿיל ווייניג פֿאַרשטאַנען, וואָס פּרץ האָט געלייענט. אָבּער צו דעם איבּעריגען פּובּליקום האָבּען דערגרייכט נאָר איינציגע ווערטער, אָהן אַ צוזאַמענבּונד. די ערשטע 10 מינוט איז געווען שטיל. נאָכדעם האָט דאָס פּובּליקום אָנגעהויבּען צו בּעוועגען זיך, מען האָט גענומען שמועסען שטילערהייט צווישען זיך, בּיסלעכווייַז האָט מען אָנגעהויבּען אַרויסגעהן פֿון זאַל, פריהער איינציגווייַז, געלאַסען, דערנאָך אַלץ רעשדיגער, אַזוי, אַז בּשעת פּרץ האָט געענדיגט איז דער פֿריהער אָנגעפּאַקטער זאַל געווען האַלבּ פּוסט, און פֿון צווייטען חדר האָט זיך געטראָגען אַ רעש פֿון געשפּרעכען.

בּעת דעם אַנטראַקט איז מיר געווען שווער צו בּעגעגענען זיך מיט פּרצ׳ן. איך האָבּ זיך געשעמט פֿאַר דער אויפֿפֿיהרונג פֿון דעם פּובּליקום און מיר האָט דאָס האַרץ וועה געטון, וואָס דער יום־טוב איז פֿאַרשטערט.

פּרץ האָט מיך פֿון דערווייַטען דערזעהן, דורכגעשלאָגען זיך דורך דעם עולם און מיט אַ פֿרעהליכען, „שטיפֿערישען“ געלעכטער, מיט דעם טאָן פֿון אַ זיגער, אַרויסגערעדט:

— אַדרבה, ווער נאָך וועט קאָנען אַזוי גיך און גוט צעטרײַבען פֿון אַ זאַל אַזאַ עולם? אַ? דאָס איז דאָך אַ קונסט!

איך האָב געזעהן, אַז זײַן געלעכטער איז ניט קיין געמאַכטער, אַז ער איז באמת געווען צופֿרידען, וואָס דאָ, אין פּעטערבורג, וועלכען ער האָט פֿײַנט געהאַט, האָט מען איהם בעגעגענט, ווי עס פּאַסט פֿאַר עם-הארצים.

דער אַנטראַקט האָט זיך געענדיגט. פּרץ האָט געדאַרפֿט ווידער אַרויסצוטרעטען.

— וואָס זאָל איך לעזען? — האָט ער גענומען פֿרעגען בײַ די עטליכע „אײגענע מענשען“, וועלכע האָבען איהם אַרומגערינגעלט.

אײנער האָט אַן עצה געגעבען לעזען „דעם שטרײַמעל“, דער אַנדערער — „באָנצי שווײַג“, נאָך אײנער — „אַ גלגול פֿון אַ נגון“.

פּרץ האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: עס געפֿעלט איהם ניט.

געטראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם אָבגערופֿען מיך אָן אַ זײַט.

— וואו זיצט איהר? ווײַט פֿון מיר? זאָגט דער אָנפֿיהרערקע, זי זאָל אײַך געבען אַן אָרט אין דער ערשטער רייה, איך זאָל אײַך זעהן.

— צו וואָס?

— אַקוראַט אַנטקעגען מיר זיצט אַ פֿאַרזעהעניש, וואָס גענעצט די גאַנצע צײַט. זי נערווירט מיך.

און ער האָט צוגעגעבען מיט אַ דרייסטען, שטיפֿערישען שמייכעל:

— איהר ווייסט, וואָס איך וועל טון? איך וועל גאָרנישט ניט לעזען. איהר וועט זיצען אַנטקעגען מיר, וועל איך אײַך דערצעהלען אַ מעשׂה, איך וועל אימפּראָוויזירען.

איך האָב דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ שפּאַס. נאָר פּרץ האָט געהאַלטען וואָרט. אַז ער האָט געדאַרפֿט אָנהויבען לעזען, האָט ער זיך אַביסעל איבער-געבויגען צו מיר און האָט גענומען רוהיג דערצעהלען מיר אַ מעשׂה, גלײַך ווי אין זאַל וואָלט מעהר קײנער ניט זײַן ווי מיר בײדע. די מעשׂה איז געווען וועגען אַ שטראַל, וואָס האָט זיך מיט בענקעניש פֿאַרקוקט אויף דער ערד און ניט בעמערקט, ווי מיט דעם פֿאַרגעהן פֿון דער זון האָט זיך דער הימעל געשלאָסען. ער האָט ניט געקאָנט מעהר אומקעהרען זיך אויף זײַן אָרט. האָט ער געפּרובט אַראָבלאָזען זיך אויף דער ערד און ווידער ניט געקאָנט, ווײַל ער האָט זיך ניט געקאָנט אָברײַסען פֿון הימעל... דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען די מעשׂה מיט דעם שטראַל. אַ וואונדער-שענע אַלע-גאָריע. אָבער הערען זי חוץ מיר, האָבען געקאָנט אפשר נאָך אַ צעהן מענשען פֿון די 300—400, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אין זאַל.

דאָס פּובליקום האָט אין אָנהויב ניט פֿאַרשטאַנען, צי פּרץ לעזט אָדער ער שמועסט מיט עמיצען, וואָס זיצט אַקעגען איהם. נאָכדעם האָט

זיך אין זאַל ווײַטער אָנגעהויבּען אַ בּעווענונג, שטילע געשפּרעכען און דאָס פּובּליקום איז זיך בּיסלעכווײַז פאַנאַנדערגעגאַנגען..

III

חסידים דערצעהלען וועגען ר׳ ישׂראל רוזינער אַזאַ מעשׂה. עטליכע פון זײַנע חסידים זײַנען געווען אויף ימים נוראים בּײַם אַפּטער. אויף סופות זײַנען זיי געקומען אין רוזין, האָט זיי ר׳ ישׂראל גענומען פונאַנדערפרעגען, ווי אַזוי פיהרט זיך אויף דער אַפּטער. די חסידים זײַנען געווען דערשראָקען און האָבּען געענטפערט, אַז זיי וואַגען ניט צו דערצעהלען, וואָס זיי האָבּען דאָרטען געזעהן.

— נו, וואָשׂ, וואָשׂ? — האָט זיי ר׳ ישׂראל געהייסען דערצעהלען. (ער האָט גערעדט אויף אַ שׂ).

— דער אַפּטער איז יום־כּפּור געקומען אין שול צו שחרית מיט נאַסע פּיאות!! — האָט ענדליך אַרויסגעפּלאַצט איינער פון די חסידים. הייסט דאָס, דער אַפּטער האָט יום־כּפּור זיך טובל געווען, וואָס מען טאָר ניט.

דער חסיד האָט געוואַרט, אַז ר׳ ישׂראל וועט אויפשפּרינגען פון אָרט פאַר שרעק. אָנשטאָט דעם האָט ער אויסגעשריען ענטציקט:

— אַ! איך בּין איהם מקנא, דעם גרייזשען חשיד! ער טוט וואָשׂ ער ווילי! וואָשׂ ער וויל!!

פּרצ׳ן האָט מען אויך געמעגט מקנא זײַן: ער האָט אויך געטון, „וואָס ער האָט געוואָלט“.

זײַן אויפפיהרונג אויף דער פאַרלעזונג איז ניט געווען קיין צופאַל זאַך: ער האָט אָפט געטון „וואָס ער האָט געוועלט“, ניט רעכענענדיג זיך מיט גאָרנישט און מיט קיינעם. קומענדיג דעם צווייטען מאָל קײַן פּעטערבּורג וועגען שאַפען אַ יודישען טעאַטער, אויף וועלכען ער האָט געהאָפט דאָ צו בּעקומען בּײַ אַ 15,000 ר׳בּעל, איז ער אויף דעם בּאַנקעט, וואָס די פּעטערבּורגער יודישע אינטעליגענץ האָט געמאַכט פון זײַן כּבוד וועגען, אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפען און בּייזען פּראָטעסט, וואָס מען ווענדט זיך צו איהם מיט רעדעס ניט אויף יודיש. פיל פון די אָנטייל־נעמער פון בּאַנקעט האָבּען זיך געפונען בּעליידיגט, און דער גאַנצער פּלאַן פון דער געלט־זאַמלונג פאַרן טעאַטער האָט געפּלאַצט.

פּרץ האָט „געטון, וואָס ער האָט געוועלט“, נאָר ער האָט שטענדיג געוואוסט, וואָס ער „וויל“. און דאָס, וואָס אַן אַנדערן פון דער זײַט האָט געקאָנט אויסווײַזען ווי אַ שגעון, האָט בּאמת געהאַט אַ טיפען זין.

פּרצ׳ס שטאָלצע און אייגענאַרטיגע נשמה האָט געטראָגען אין זיך עטליכע שמאַרצליכע וואונדען. פון דעם ערשטען אַריסטריט זײַנעם האָט פּרץ זיך געפיהלט טיף פאַרוואונדעט און בּעליידיגט, ווי אַ יוד, ווי אַ

די יודישע װעלט.

יודישער שרײַבער, װי אַ שרײַבער אין יודיש. ער האָט געפֿיהלט אַרום זיך אַן אַטמאָספֿער פֿון האַס, פֿאַראַכטונג און ביטול, אי מצד דער ניט־יודישער בעפֿעלקערונג, אי מצד די יודישע אַסימילאַטאָרען, אי מצד דער העבּרעאיסטישער אינטעליגענץ. זײַנענדיג פֿיל אידעלער און קולטורעלער, װי די פֿיל שע אַריסטאָקראַטען, אידאָפּעאיש־געשטימטער אידער די אַסימילירטסטע יודען, קענענדיג די העבּרעאישע ליטעראַטור אפֿשר בּעסער און טיפֿער פֿון די פֿאַרקאָלטסטע העבּראיסטען, — האָט פּרץ געענטפֿערט אויף דעם האַס און פֿאַראַכטונג, װעלכע עס האָבּען אַרומגערינגעלט דעם נאָמען „יוד“, די יודישע ליטעראַטור און די יודישע שפּראַך, מיט אַ גרעסערן האַס און שטאָלצערער פֿאַראַכטונג — אין ער האָט געפֿיהלט אַן אמת׳ע צופֿרידענהײַט, װען ער האָט געקאָנט אַ װאָרף טון אין פּנים אַ פּויל אָדער אַן אַסימילירטען יודען אַ שאַרף װאָרט.

אין דעם, װאָס פּרץ האָט „געטון, װאָס ער האָט געװאָלט“, איז געװען נאָך אַ מאָטיװ, אַ פֿיל טיפֿערער, אַ מאָטיװ, װאָס האָט געשטאַמט פֿון דעם װיכטיגסטען שטריך פֿון פּרצ׳ס כאַראַקטער: זײַן פֿאַנאַטישען קולט פֿון אמת.

ער איז געװען דורכגעדרונגען מיט אַ שטרעבּונג צו אמת, האָט אָרגאַניש ניט געקאָנט מיט אַ װאָרט, אַ בּליק אָדער אַ תּנועה אויסדריקען ניט דאָס, װאָס ער װייס און דענקט אין דעם מאָמענט, און האָט ממש ניט געקאָנט אַריבּערטראָגען אַ ליגנער אָדער אַ פֿאַלשען מענשען: װעגען אַזעלכען פֿלעגט ער זיך אָבּרופֿען ניט מיט האַס, נאָר מיט עקעל. און מיט אַ פּראַקטקײַט פֿון גאָר אַמאָליגע „אויסדערװעהלטע“ האָט ער אָפֿען און פֿרײַ יעדערען אין די אויגען אַרויסגעזאָגט דעם אמת, װי האַרבּ און בּיטער ער זאָל ניט זײַן. דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַזויפֿיל שונאים, נאָר זײַנע שונאים האָבּען איהם ניט אַזוי פֿײַנד געהאַט, װי מורא געהאַט פֿאַר איהם, װי מען האָט מורא פֿאַר אַ שטרענגען ריכטער, װאָס קוקט גלײַך אין געװיסען.

דער קולט פֿון אמת האָט פּרצ׳ן געבּראַכט דערצו, אַז ער האָט ניט אָנערקענט פֿיל פֿון די אָנגענומענע אויפֿפֿיהרונגען, מנהגים און צערעמאָניעס, רעליגיעזע און קולטורעלע, װעלכע רעכענען זיך פֿאַר אַ מוז־זאַך אין בּורזשואַזען לעבּען. דערבּײַ האָט איהם אַ האָר ניט געריהרט, „װאָס לײַט װעלען זאָגען“. אין יעדער עטיקעט־זאַך, אין יעדען מנהג ליגט אַן אינעװייניגסטער ליגען, װײַל אַ לעבּעדיגער מענש מיט לעבּעדיגע חושים הזרט איבּער עטװאָס אַזוינס, װאָס איז טויט און פֿאַרגליװערט פֿון פֿילע דורות.

װי כאַראַקטעריסטיש איז עס, װאָס פּרץ, דער גרויסער פּאָעט פֿון דער אַלטער טראַדיציע, פּרץ, װעלכער האָט אַזוי טיף געפֿיהלט און פֿאַרשטאַנען איהר פּאָעזיע און שענקײַט אין לעבּען פֿון די פּראָסטע און נאַאיװ־גלויבּיגע, האָט אַליין אויסגעמײַדט, כּמעט דעמאָנסטראַטיװ אַלע מנהגים,

וועלכע האָבען נישט געשטימט מיט זיינע מיינונגען. דער העכסטער פּאָעט פון דער חסידישער לעגענדע, האָט ניט ליב געהאַט, כמעט געהאַסט „גוטע יודען“, האַלטענדיג דעם גרעסטען טייל פון זיי פאַר שווינדלער.

פרץ האָט געהאַט אין זיך אַ לעבעדיגען קוואַל פון שאַפונג, וואָס האָט אָהן אויפהער שטאַרק און שטורמיש געשלאָגען. פרץ האָט ניט געוואוסט פון מידקייט, ער איז געווען שטענדיג אין בעוועגונג, שטענדיג געאַרבייט, געשאַפען, שטענדיג געזוכט, געפאָרשט און געריסען זיך אַלץ העכער און העכער, שטענדיג דרייסט געפּרובט נייע וועגען, נייע פאָרמען. זיין קינסטלערישער היינט האָט תמיד מלחמה געהאַלטען מיט דעם נעכטען, וויל דער נעכטען איז שוין געווען אַ ביסעל אָבגעקיהלט, פאַרגליווערט.

אָט דער שטאַרקער דורשט צום קאָכעדיגען אינטענסיווען לעבען, צו דעם, אַז אַלץ אַרום איהם זאָל זיין אין מצב פון בעוועגונג און שאַפונג, פון בליהונג און לעבען־התלהבות, האָט געבראַכט פרצן דערצו, אַז ער האָט מלחמה געהאַלטען אַפילו מיט דעם איינציגען ווערקצייג פון אַ ליטעראַרישען קינסטלער, מיט ד ע ם וואָ ר ט. פרץ האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, וואָס ער מוז אָפּערירען מיט ווערטער, וועלכע זיינען בעשאַפען מיט טויזענטער יאָהרען צוריק און זיינען טויט און פאַרגליווערט. דערפון האָט זיך גענומען זיין זוכען נייע אויסדריקען, זיין קאַרגקייט אין ווערטער, זיינע רמזים־פראַזען, און זיין טיפע בענקעניש נאָך דעם העכסטען ניגון, וועלכער זינגט זיך אָהן ווערטער, אַפילו אָהן אַ שטים: „כל עצמותי תאמרנה“. פרץ האָט זיך שטענדיג געצויגען צו אַ מוזיקאַלען אויסדרוק פון געפיהלען און געדאַנקען. אין דעם מעהרסטען טייל פון זיינע ווערק רעדט זיך ניט אומזיסט וועגען מוזיק און געזאַנג.

און נאָך מעהר ווי פאַרגליווערטע טראַדיציעס און ווערטער האָט פרץ ניט געקאָנט סובל זיין פאַרגליווערטע מענשען, קאָנטעטע און בערוהיגטע. אַזעלכע מענשען האָט ער פיינט געהאַט אפשר נאָך מעהר ווי ליגנער.

די, וואָס האָבען וועניג געקענט אָדער וועניג פאַרשטאַנען פ־צן, האָבען איהם אַליין גערעכענט פאַר אַ מענשען, וואָס איז קאָנטעט מיט זיך און מיט זיינע ווערק. פרץ האָט אַן אַנדערש מאָל געגעבען שטאָף צו אַזעלכע מיינונגען מיט דער זיכערקייט פון זיין אַרויסזאָגען זיך, מיט דעם, וואָס ער האָט ניט צוגעגעבען קיין ווערט די קריטישע אַרטיקלען איבער זיינע ווערק און וואָס ער פלעגט אַן אַנדערש מאָל אַליין זעהר הויך שאַצען זיינע ווערק.

איין מאָל, אַז איך בין געווען ביי איהם, זאָגט ער מיר:

— איהר ווילט הערען אַ געניאַלע זאַך? און האָט גענומען לייענען זיין דראַמע: „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק“, אַן אולטראַ־סמבאָליש ווערק, וואָס איך האָב כמעט ניט פאַרשטאַנען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פרץ האָט געמאַכט צו איהם אַ גרויסע הקדמה.

אַז ער האָט געענדיגט, האָב איך איהם אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג:

— אין דעם פּרט פֿון שווערקײַט צו פֿאַרשטעהן איז דאָס אַ מין צווייטער טייל „פֿויסט“.

— צווייטער טייל „פֿויסט?“ — האָט פּרץ איבערגעפּרעגט פֿאַרוואונדערט. — אַ פֿינפֿטער טייל!!

דאָס, פֿאַרשטעהט זיך, איז געווען איינער פֿון די געוועהנטליכע פּרץ־שפּאַסען. ווי שטרענג פּרץ אַליין האָט זיך פֿאַרהאַלטען צו זײַנע ווערק קאָן מען זעהן פֿון דעם, וואָס ער האָט יעדעס ווערק פֿיל מאָל איבערגעאַרבייט און איבערגעשריבען. איינע פֿון זײַנע בעסטע דראַמעס, „די גאָלדענע קייט“, האָט ער אַ מאָל צעהן איבערגעאַרבייט, און זײַן לעצט ווערק, די איבערזעצונג פֿון „קהלת“, האָט ער איבערגעאַרבייט און איבערגעשריבען — אַ שרעק צו זאָגען — זיבען און זעכציג מאָל!!

IV

אינגיכען נאָך דער ערשטער בעקאַנטשאַפֿט מיט פּרצן בין איך געווען אין וואַרשע, וואו איך האָב געקאָנט זעהן פּרצן אין זײַן אַלטעגליכען לעבען, אין זײַן געוועהנליכער סביבה.

אין די לעצטע יאָהרען האָבען יודישע נאַציאָנאַל־געשטימטע אינטעליגענטען אָנגעהויבען אײַנצואָרדנען זייערע וואוינונגען אויף אַ יודישען שטייגער, אין יודישען סטיל. אויף די ווענט קאָפּעס פֿון יודישע בילדער, כמעט אומעטום דיזעלבע („שלעכטע נײַס“, „גלות“ א. ד. ג.), אויף די טישען אַלערליי יודישע זאַכען, בצלאל־אַרבייט.

בײַ פּרצ'ן אין וואוינונג האָב איך ניט געפֿונען ניט איינע פֿון די געוועהנליכע יודישע בילדער, און דאָך איז עס געווען די יודישליכסטע וואוינונג, וואָס איך האָב געזעהן. אויף יעדער וואַנט, אין יעדען ווינקעל יודישע בילדער, גראַווירען, סקולפּטאָרישע גרופּען, באַרעליעפֿען אין אַנדערע זאַכען פֿון יודישער קונסט. צווישען זיי קינסטלערישע אַדרעסען און יובילעאום־מתנות, אַלטע יודישע אַנטיקען. די אַלע נײַע קונסט־זאַכען זײַנען געווען אָריגינאַלען, ווערק פֿון יודישע קינסטלער, מיט וועלכע פּרץ האָט זיך געפֿונען אין נאָהענטער פֿאַרבינדונג, געהאָלפֿען זיי אַרויסגעהן אין דער פֿרײַער וועלט. גענוג געווען איין בליק אויף דער וואוינונג, מען זאָל פֿאַרשטעהן, אַז דאָ לעבט אַ מענש, וואָס געפֿינט זיך אין צענטער פֿון דער נײַער יודישער קולטור, וואָס, דורכשטראָמענדיג, זעצט זי דאָ אָב איינינע פֿון איהרע עלעמענטען.

אין וואַרשע האָב איך מיך פּערזענליך בעקענט מיט יעקב דינעזאָן, מיט וועלכען איך בין שריפֿטליך שוין פֿריהער בעקאַנט געווען. איך האָב איהם געטראָפֿען בײַ פּרצ'ן אָדער פּרץ האָט מיך געפֿיהרט צו איהם — און נאָכדעם האָב איך שוין כמעט שטענדיג זיי בײדען געטראָפֿען צוזאַמען.

און וואָס נעהענטער איך בין מיט זיי בעקאַנט געוואָרען, האָב איך אַלץ טיפֿער געפֿיהלט זייער אינטימע פֿרײַנדשאַפֿט צווישען זיך, ביז זיי זײַנען געוואָרען אין מײַן זינען — און אויך בײַ מיר אין האַרצען — אינגעשיידט. איינעם אָהן דעם צווייטען האָב איך זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלען.

עס איז דאָ אַ פֿאָלקס-אויסדרוק וועגען דער העכסטער פֿאָרם פֿון פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע צווישען צוויי מענשען: „איין נשמה אין צוויי גופֿים“. וועגען פּרצ'ן און דינעזאָנען האָט מען געקאָנט דאָס זעלבע ווערטיל זאָגען פֿאַרקערט: „צוויי נשמות אין איין גוף“. שווער פֿאָרצושטעלען זיך צוויי כאַראַקטאָרען, צוויי אינדיווידואַליטעטען, וואָס זאָלען זײַן אַזוי ווײַט איינער פֿון אַנדערען, ווי די דאָזיגע פֿרײַנד, וועלכע זײַנען געווען אינטים בעהעפֿט און אומגעשיידט יאָהרען-לאַנג.

פּרץ מיט זײַנע פֿינקלענדיגע וואונדערבאַר קלוגע אויגען, מיט זײַנע לעבהאַפֿטע בעוועגונגען, מיט זײַנע בליצענדיגע און בלאַנקענדיגע ווערטער האָט בײַ מיר שטענדיג אַרויסגערופֿען די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ גרויסען טײַערען פֿילפֿאַכיג געשליפֿענעם בריליאַנט: ווי אַ בריליאַנט איז דער מענש געווען ריין און ליכטיג, ווי אַ בריליאַנט האָט ער געפֿינקעלט מיט יעדען געשליפֿענעם קאַנט, ווי אַ בריליאַנט איז ער געווען שטאַרק אין זײַנע מיינונגען, און אויך ווי אַ בריליאַנט האָט ער אַן אַנדערש מאָל שאַרף געשניטען די יעניגע, וועלכע זײַנען געשטאַנען אויף דעם וועג צו זײַן הויכען ציל. דינעזאָן — מיט זײַן שטילער געלאַסענקײַט, מיט זײַן ליבליכען בליק, וועלכער שטראַלט מיט אַן אונענדליכער צאַרטקײַט, רחמנות און איבערגעבענקײַט, מיט זײַן שטענדיגער גרייטקײַט אָבגעבען זיך אינגאַנצען דעם צווייטען; דינעזאָן, וועלכער איז אָרגאַניש אומפֿעהיג זאָגען עמיצען אַ שאַרף וואָרט, פֿאַרשאַפֿען וועמען דעם קלענסטען צער, איז געווען אין פֿיל פּרטים דער היפּוך פֿון דעם שטורמיש פֿלאַמענדיגען שטאַרקען

פּרצ'ן און די ביידע פֿרײַנד זײַנען געווען ווי בעהעפּט אין איין גוף. עס איז ניט געווען קיין זאַך, קיין ליטעראַרישער פּלאַן, קיין אויפֿטו, קיין רעיון פֿון איינעם, וואָס דער אַנדערער זאָל עס ניט וויסען. ביידע געלעבט מיט דעם זעלביגען לעבען, מיט די זעלביגע אינטערעסען, מיט די זעלביגע פֿריידען און דאַגות. בײַ פּרצ'ן אין הויז איז דינעזאָן געווען דער זעלביגער בעל-הבית, ווי פּרץ. ער האָט געוואוסט, וואו יעדעס פּאַפּירעל ליגט, פֿלעגט אָפֿט ניט פֿרעגענדיג פּרצ'ן ענטפֿערן אויף זײַנע בריף.

— פּרץ, פֿאַרוואָס האָט איהר מיר ניט געענטפֿערט אויף מײַן בריף? האָב איך איהם איינמאָל געפֿרעגט.

— איך האָב גערעכענט, אַז דינעזאָן האָט אײַך אויף איהם געענטפֿערט.

די יודישע וועלט.

וואָס געענטפֿערט ? — דאָס האָט דינעזאָן, פֿאַרשטעהט זיך, געדאַרפֿט וויסען אַזוי גוט ווי ער אַליין.

זייער נאָהענטשאַפֿט האָט שוין אַפילו אַריבערגעשטיגען די מדרגה פֿון פריינדשאַפֿט. אַזאַ אינטימער צוזאַמענבונד טרעפֿט נאָר בײַ אַן אַלטען פּאָר־פֿאָלק, וואָס אָבלעבענדיג אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוזאַמען אין ליבע און טרײַהײַט, פֿאַרלירען זיי איינער בנוגע צום אַנדערן די גרעניצען פֿון דעם אייגענעם „איך".

און חוץ דינעזאָנען — קיינער נישט ! ניט איין נאָהענטען מענשען האָט פּרץ געהאַט נעבען זיך. שטעהענדיג אין צענטער פֿון דער זיך שאַפֿענדיגער יודישער ליטעראַטור, כמעט פֿון דער גאַנצער נײַער יודישער קולטור — איז פּרץ געווען שרעקליך עלענד. דאָס איז געווען אַ גרויסע טראַגעדיע פֿאַר דעם ריזיגען מענשען.

זײַענדיג דער גײַסטיגער אָנפֿיהרער פֿון גאַנצע דורות פֿון יודישע שרײַבער, פֿיהלענדיג די גרויסע פֿאַראַנטוואָרטליכקײַט פֿון דעם פּאָסט, וועלכען ער האָט פֿאַרנומען — האָט פּרץ ניט געהאַט קיין סביבה, ניט געפֿיהלט קיין באָדען אונטער די פֿיס. אַלץ האָט זיך געפֿונען אין אַ כאַאָטישען צושטאַנד, ניט רייף, ניט אָרגאַניזירט, גרייט פֿאַרשטערט צו ווערען, צו פֿאַרשווינדען. און פּרץ האָט אַליין געמוזט וואַרפֿען זיך אויף אַלע זײַטען, אַרבייטען אויף אַלע געביטען. ער האָט שטענדיג געמוזט אָברייסען זיך פֿון זײַנע קינסטלערישע שאַפֿונגען אין אַרויסטרעטען ווי אַ פּובליציסט, אַ קריטיקער, אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר, רעדאַקטירען און אַרויסגעבען „בלעטלעך", מאָנאַטשריפֿטען, וואָכענשריפֿטען, זאַמעלביכער, האַלטען פֿאָרטראָגען, און אַז. וו. נאָר מעהר פֿאַר אַלץ צײַט און קרעפֿטען האָט ער אָבגעגעבען די יונגע שרײַבער. ער האָט אויפֿגעצויגען, אויסגעהאָדעוועט גאַנצע דורות מיט ליטעראַטען. כמעט די אַלע, וועלכע האָבען איצט אַ נאָמען אין דער יודישער ליטעראַטור, זײַנען דורכגעגאַנגען זײַן חדר, דאַרפֿען איהם פֿאַרדאַנקען זייער ליטעראַרישע ערציהונג. און אויף וויפֿיל ער איז געווען שאַרף און שטרענג מיט יענע הונדערטער און טויזענטער יונגע לײַט, וואָס האָבען איהם געדולט אַ קאָפּ מיט טאַלאַנטלויזע שרײַבעכצען, אויף אַזויפֿיל איז ער געווען צאַרט און צוגעלאָזען צו יענע, בײַ וועלכע ער האָט בעמערקט אַ פֿונק טאַלאַנט. זיי האָט ער אָבגעגעבען זײַן צײַט, זײַן אַרבייט, געשטיצט זיי, געהאָלפֿען אַרויסטרעטען אין דער ליטעראַטור.

מיט פּרצ'ס טויט איז פֿאַר'יתומ'ט געוואָרען ניט נאָר די יודישע ליטעראַטור, נאָר אויך דער גאַנצער דור יודישע שרײַבער !

———————

נאָך דעם ערשטען קומען קײַן וואַרשע בין איך דאָרט געווען נאָך עטליכע מאָל. צוויי דריי מאָל איז געווען פּרץ אין פּעטערבורג — און מיט

יעדען מאָל האָבען מיר זיך אַלץ מעהר דערנעהענט איינער צום אַנדערן. נאָר פאַרשטאַרקט האָט זיך אונזער פריינדשאַפט מיט אַ יאָהר 4—3 צוריק, בעת איך האָב אָרגאַניזירט די יודישע עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע, אָנגעהויבען אַרומפאָהרען איבער שטעט און שטעטלעך און זאַמלען פאָלקס־מעשׂיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים ולדומה. פּרץ און דינעזאָן זיינען געווען ענטציקט פון דער אונטערנעמונג. יעדעס מאָל, ווען איך בין געווען אין וואַרשע, פלעגט פּרץ מיך „אַנידערזעצען" דערצעהלען איהם חסידישע מעשׂיות. אָפטמאָל פלעג איך שעה'ן לאַנג זיצען און דערצעהלען איהם איין מעשׂה נאָך דער אַנדערער. ער האָט צוגעהערט און ניט געקאָנט זיך אָנזעטיגען. דערביי האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צוצוזעהן, ווי עס קומט פאָר די שעפערישע אַרבייט פון פּרצ'ס גייסט. דאָ גופא, בעת איך האָב נאָך די מעשׂה דערצעהלט, האָט פּרץ זי שוין אויפגענומען, אַסימילירט, אַרויסגעוואָרפען פון איהר די נישט קינסטלערישע שטריכען, צוגעגעבען נייע, צוזאַמענגעבונדען מיט פּרטים פון אַן אַנדער מעשׂה. און איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיגען, ווי פּרץ האָט שוין מיר דערצעהלט די איגענע מעשׂה אַן איבערגעאַרבייטע אין אַ „פאָלקסטימליכער געשיכטע", וועלכע איז געווען אַזוי וויט פון דעם ערשטען נוסח, ווי אַ געשליפענער בריליאַנט פון אַ נאָר וואָס אויסגעגראָבענעם בריליאַנטען־שטיינדעל. אויף מאָרגען איז איינע אַזאַ מעשׂה געווען אָנגעשריבען און אין אַ פּאָר טעג אַרום געדרוקט מיט דער ווידמונג „אַנ—סקי'ן, דעם זאַמלער".

פּרץ און דינעזאָן זיינען געווען אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דער עקספּעדיציע, אַז זיי ביידע האָבען בעשטימט צו נעמען אַנטייל אין איהר און אַ פּאָר וואָכען אַרומפאָהרען מיט מיר איבער די שטעטלעך. פאַר צוויי יאָהרען זומער, בעת פּרץ און דינעזאָן האָבען זיך געפונען צו גאַסט אויף אַ זומער־וואוינונג ביי ב. א. קלעצקינען, האָבען מיר זיך וועגען דעם דורכגעשריבען. איך האָב געוואַרט אויף זיי, נאָר בעקומען אַ דעפּעשע, אַז איינִיגע אומשטאַנדען (דולט זיך דער געזונט־צושטאַנד) דערלויבען זיי ניט צו פאָהרען.

V

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געזעהן מיט פּרצ'ן סוף פאָריגען יאָהר, בעת איך האָב פאַרבראַכט אין וואַרשע צוויי חדשים, נאָוועמבער און דעצעמבער. איינִיגע וואָכען אין דער צייט האָב איך געוואוינט ביי פּרצ'ן.

די צייט איז געווען אַ שרעקליכע. וואַרשע, וועלכע האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם שטורמישען אָנקום פון די דייטשען אין די אָקטאָבער־טעג, האָט זיך גערייכט אויף אַ נייעם נאָך אַ שטאַרקערן אָנפאַל. דער פיינד איז שוין געווען ביי סאָכאַטשאָוו, ביי באָלימאָוו. אין וואַרשע האָט

זיך דײַטליך געהערט, ווי ווײַטע דונערן, די קאַנאָנען=שיסערײַ. איבערן שטאָט זײַנען געפֿלויגען אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבען געוואָרפֿען באָמבעס. די שטאָט איז געווען פֿול מיט מיליטער, די גאַסען געפּאַקט מיט „אָבאָזען“, מיט סאַניטאַר=וועגענס, מיט אַרטילעריע. דאָס לעבען אין שטאָט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון נערוואָזיטעט.

נאָר פֿאַר אונז יודען האָט דאָס אַלץ, האָבען די סכּנות פֿון ערד= און לופֿט=מלחמה אָבגעטראָטען אָן אַ זײַט אַקעגען דעם שרעקליכסטען אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿון די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך... יעדען טאָג פֿלעגען אָנקומען הונדערטער און טויזענטער אַנטלאָפֿענע, אַרויסגעיאָגטע, זיי פֿלעגען קומען צופֿוס, נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריגע, פֿאַרפֿראָרענע, דערשראָקענע און הילפֿלויזע. און אַרום האָט געקאָכט אין אַלץ שטאַרקער פֿונאַנדערגעברענט זיך די פּוילישע מלחמה אַקעגען יודען, די אויפֿהעצונגען, בלבולים און מסירות. יעדער טאָג האָט געבראַכט נײַע שרעקען, נײַע צרות, נײַע גזרות און מען האָט זיך געריכט נאָך אויף ערגערע.

אָט אין דעם העלישען גיהנום האָט געלעבט די גאַנצע צײַט פּרץ, וועלכען די מלחמה האָט דערצו אינגאַנצען רואינירט מאַטעריעל... דערצו נאָך האָט פּרץ געאַרבייט אין דער יודישער גמינע, וואוהין עס האָבען זיך געצויגען נאָך הילף גאַנצע מחנות היימלויזע און פֿאַרוואָגלטע.

די שרעקליכע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפֿע האָט מיט אַ מאָל אָבגעשוואַכט פּרץ'ס כּחות, זײַן געזונטהײַט, האָט איהם צעבראָכען. אַז איך בין געקומען, בערך אין מיטען נאָוועמבער, האָב איך גלײַך דערזעהן, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע ענדערונג עס איז אין איהם פֿאָרגעקומען.

פּרץ האָט פֿײַנט געהאַט צו רעדען וועגען אייגענע שמערצען און קראַנקהײַטען, פֿלעגט זיך ניט אונטערגעבען קיין קראַנקהײַט. אָבער דאָ האָט ער ניט געקאָנט פֿאַרלייקענען זײַן פֿיזישען צושטאַנד: ער איז געווען שטענדיג מיד, פֿאַרטרויערט, איז ניט גערן אַרויסגעגאַנגען פֿון הויז. עטליכע מאָל, אַז מיר זײַנען געגאַנגען שפּאַצירען, האָבען מיט איהם געטראָפֿען האַרץ=אָנפֿאַלען, און ער האָט געמוזט גלײַך אומקעהרן זיך. בײַנאַכט איז געווענליך געווען דער מינדסטער רעש, ער זאָל זיך אויפֿכאַפּען — און האָט שוין מעהר ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿען און איז נאָכדעם אַ גאַנצען טאָג געווען אַ מידער, אַ קראַנקער.

און נאָך אַ גרעסערן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די אומענדערונג אין פּרץ'ס גײַסטיגען צושטאַנד. איך האָב דערזעהן פֿאַר זיך אַן אַנדער פּרץ'ן: אַ צעבראָכענעם, אַ צעטרייסעלטען. ער האָט פֿאַרלאָרען זײַן זיכערקײַט. אין די אויגען האָט זיך בעוויזען גאָר אַ נײַער אויסדרוק: אַן אומזיכערע פֿראַגע, ווי ער וואָלט פֿאָרשען און זוכען אַן ענטפֿער אויף דעם, וואָס קומט פֿאָר.

ש. אַנ–סקי. — יצחק לייבוש פּרץ.

עס האָט זיך אומגעביטען זײַן בעציהונג צום „יודישען פּעטערבורג“, וועלכען ער האָט פריהער ניט צוגעגעבען קיין ווערט, ווײַל זײַן אַרבייט איז ניט קיין אינערליך־יודישע, נאָר אַן אויסענווייניגסטע. איצט האָט ער זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו דעם, וואָס מען טוט אין פּעטערבורג, האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגען ידער ריכטונג פון דער אַרבייט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז פּרץ האָט אָבגעגעבען זײַן גאַנצע צײַט און זײַנע קרעפטען די היימלויזע. ער האָט געגרינדעט אין „הזמיר“, וואו ער איז געווען דער פאָרזיצענדער, אַ היים פאַר עטליכע הונדערט אַנטרונענע, האָט געזאָרגט וועגען מיטלען פון זייערטוועגען. מיט דער ברייטער האַנט, צו וועלכער ער איז געוועהנט געווען, האָט ער אָבגעגעבען אויף אַ לאָטערייע פאַר די היימלויזע אַלע שענע און טײַערע מתנות, וואָס ער האָט בעקומען צו זײַנע יובילעען און פון זײַנע פאַרעהרער.

נאָר אָט די גאַנצע אַרבייט און די אַלע קרבנות האָבען אַ האָר ניט בערוהיגט פּרצ'ן. זײַן מיד קראַנק האַרץ האָט געוועהטאָגט, איז געווען פאַרגאָסען מיט בלוט, און זײַן שטאַרקער ריזיגער גײַסט האָט שטענדיג געזוכט אַן ענטפער אויף דעם היסטאָרישען חורבן אין יודישען לעבען. דעם ערשטען טאָג, אַז איך בין געקומען, האָבען מיר געהאַט אַ לאַנגען שמועס וועגען דער לאַגע. און איך האָב פון פּרצ'ן דערהערט אַ וואָרט פון ביטערען און שטאַרקען יאוש אין דער מענשהײַט.

און אַז איך בין שפּעט בײַנאַכט צו איהם ווידער געקומען, האָב איך איהם געפונען בײַם שרײַב־טיש מיט דער פען אין האַנט. ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זעץ זיך, איך וועל דיר לעזען מײַן איבערזעצונג פון „קהלת“, איך אַרבייט אויף דעם די לעצטע חדשים.

און ער האָט מיר געלייענט דאָס, נאָך מײַן מיינונג, מוזיקאַלישסטע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפען: זײַן קהלת, און איך האָב געפיהלט, אַז זײַן געבראָכענער גײַסט האָט זיך ניט צופעליג פאַרטיפט אין קהלת, וואו צוגלײַך מיט דעם „הבל הבלים“ זײַנען דאָ שטאַרקע און זיכערע יסודות, „דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת“. איך האָב געפיהלט, אַז דאָ זוכט ער אַן ענטפער אויף דער שרעקליכער פראַגע פון הײַנטיגען טאָג.

איך האָב איהם אומישנע געפרעגט, אויב ער רעכענט איבערזעצען „איכה“. ער האָט זיך אַ קרים געטון.

— ניין. אַ קלאָג, אָהן בילדער, אָהן אַ געדאַנק וועגען צוקונפט...

און אויף מאָרגען האָט ער מיר געזאָגט:

— איך בין זעהר צופרידען, וואָס דו ביסט געקומען. דו וועסט מיך אָברײַסען פון דער אַרבייט, איך דאַרף עטליכע טעג פאַרגעסען אָן איהר, כדי איך זאָל זי קאָנען נאָך אַמאָל איבעראַרבייטען.

די יודישע וועלט.

און נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום:

— איך האָב געהאַט אַ טעות. איך האָב גערעכענט, אַז איך וויל זיך אָבּרײַסען נאָר אויף אַ פּאָר טעג פֿון דער אַרבייט, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב פֿאַרלאָרען צו איהר דעם חשק, דעם אינטערעס. ניט דאָס...

אין אַ טאָג אַרום האָט ער מיר דורכגעלייענט די ערצעהלונג „נעילה אין גיהנום"*. אַז ער איז געקומען צום אָרט, ווי דורך דעם חזנ'ס ניגון ווערען בּעפֿרײַט פֿון גיהנום אַלע זינדיגע, נאָר דער חזן אַליין בּלײַבּט דאָרט, האָט ער זיך אָבּגעשטעלט.

— און ווי וועל איך ענדיגען די מעשׂה?

— איך ווייס ניט.

— איך ווייס אויך ניט.

און ער האָט זי טאַקע ניט געענדיגט.

אויפ'ן צווייטען טאָג פֿון מײַן קומען, האָט ער מיך גערופֿען געהן אין „הזמיר", צו די היימלויזע.

— די היימלויזע זײַנען ניט אינטערעסאַנט, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט טרויער. — געוועהנליכע אָרימע יודען, וואָס ווילען עסען, אַ נדבה. אינטערעסאַנט איז דאָרט דער מענש, וואָס האָט זיך אינגאַנצען מקריב געווען פֿון דייערטוועגען, ל.-ע. דאָס איז אַ זעלטענער מענש, קוק זיך צו צו איהם, און נאָך אינטערעסאַנט זײַנען די קינדער, צו זיי געה איך.

אָט אַזוי האָט זיך געוואָרפֿען פּרצ'ס געבּראָכענער גײַסט פֿון דעם גרײַז-אַלטען אייביגען „קהלת" צו דער לעבּעדיגער האָפֿענונג פֿון פֿאָלק, צו די קינדערלעך, האָט געשאַפֿען טרוימען וועגען אַ מעגליכקײַט גערעטעט צו ווערען פֿון די קעסלען פֿון גיהנום. עס איז מעגליך, אַז דער מעכטיגער גײַסט פֿון דעם ריזיגען מענשען האָט געפֿונען אַן ענטפֿער אויף דער שרעקליכער פּראָבּלעם פֿון יודישען לעבּען, האָט מנצח געווען דעם צווייפֿעל, אָבער דאָס קראַנקע מידע האַרץ האָט ניט אויסגעהאַלטען.

און פּרץ איז אַוועק פֿון אונז.

ער האָט אונז איבּערגעלאָזען אַ גרויסע און אומשטערבּליכע ירושה. אָבער די שענסטע, די איידעלסטע, די מוזיקאַלישסטע פּאָעמע — פּרצ'ן אַליין — האָבּען מיר פֿאַרלאָרען.

* געדרוקט געווען אין דער „יוד. וועלט", יאַנואַר, 1915.

בעל מחשבות.

י. ל. פּרץ ז"ל.

I

„ז"ל"... מיט ציטערנדיגע פֿינגער שרײַב איך דעם קורצען ראשי־תּיבֿות, און מײַנע אויגען ווערען טונקעל פֿאַר טרערען.

י. ל. פּרץ, דער לעבעדיגער, דער אויסדערוועהלטער, וואָס איז בעשענקט געוואָרען מיט אַ טאָפּעלטען, דרײַפֿאַכען לעבען אין פֿאַרגלײַך מיט אונז, די וועניגער גאָט־געבענשטע נאַטורען, דאָט בעקומען אַ נײַעם צונאָב צו זײַן קלינגענדיגען נאָמען; אַ בײַווערטעל, וואָס פּרובירט אויסמעקען די פֿאַרביגע אותיות פֿאַר אונזערע פֿלײשענע אויגען און פֿאַרפֿינסטערט זיי מיט אַ שוואַרצען טרויער־שלייער. י. ל. פּרץ, דער דאָזיגער קלאַנג, וואָס האָט פֿאַר אַ סך אַ סך פֿון זײַנע לעזער, פֿרײַנד און שעצער פֿון זײַן וואָרט געקלונגען, ווי אַ גאַנצער מוזיקאַלישער אַקאָרד, איז אָבגעשטאָרבען פֿאַר אונזער לעבעדיגער וועלטעל, איז געוואָרען אַ ניגון פֿון אַן אַנדער וועלט.

מיר וועלען שרײַבען וועגען איהם הספּדים, ערינערונגען, ביכער, קריטישע און ביאָגראַפֿישע, אָבער מיר וועלען שוין קיינמאָל נישט האָבען די מעגליכקײַט צו הערען זײַן לעבעדיגען וואָרט, צו פֿאָלעמיזירען מיט איהם, אויסצופּרובירען אונזערע גײַסטיגע וואָפֿען אין קאַמף מיט איהם אָדער אַקעגען איהם.

דער אָרט, וואו עס ליגט זײַן הײַפֿעל אַש, וועט נאָך אַ צײַט לאַנג ווערען בעקרענצט מיט בלומען פֿון די טרויערנדיגע, אָבער ער וועט שוין נישט זײַן מיט אונז.

די ראָלען האָבען זיך געביטען, די פֿרײַגיביגע הענט ליגען שלאַף אויף אַנאַנד, און מיר, די אַמאָליגע בעשענקטע, ווערען איצט די ברייטע געבער. זײַנע הענט וועלען אָבער זיך שוין נישט אויסשטרעקען נאָך דער מתּנה, און זײַנע אויערן וועלען שוין מעהר נישט הערען די בית־עלמין־שבחים.

ז"ל... אַ ראשי תּיבֿות'ל נאָר, אָבער וואָס פֿאַר אַ גיפֿט ליגט עס אין איהם. ווי האָט דאָס פֿאַרסמ'ט אַ גאַנצען קוואַל פֿון אונזער געמיט, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך דעם נאָמען י. ל. פּרץ...

II

פֿאַר דעם ברייטען לעזער־קרײַז, וואָס האָט נישט געקענט פּרץ'ן פּערזענליך, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגליכקײַט צו הערען איהם אין די פֿאָלקס־לעזונגען, בלײַבט נאָך וועניגסטענס אַ טרייסט אין דער געשטאַלט פֿון פּרצ'ס געזאַמעלטע שריפֿטען. די אָבער, וואָס האָבען מיט איהם יאָהרענ־

לאַנג נאָהענט פֿאַרקעהרט, קאָנען זיך דערמיט נישט בעגנוגענען. פֿאַר מיר, למשל, איז לעת עתּה אוממעגליך זיך פֿאָרצושטעלען די יודישע וואַרשע אָהן פּרצ'ן. און אין מײַן דימיון זעהט פֿאַר מיר אויס די יערוזאָלימסקע אַלע'ע 89 (דאָס הויז, וואו פּרץ האָט געוואוינט די לעצטע יאָהרען), ווי אַן אָבגע־ברענטע.

און כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פּרץ איז נישט שטענדיג געווען דער אָנפֿיהרער פֿון אונזערע יודישע ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטליכע אינטערעסען, אַז אונזער ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט איז שוין נישט אַזוי איינפֿאַך, ווי פֿאַר 15 יאָהרען צוריק, אַז אונזערע נאַציאָנאַלע כּוחות זײַנען שוין פֿיל שטאַרקער, ווי אַמאָל, און דעריבער אויך דיפֿערענצירטער, — פֿונדעסטוועגען איז מיר שווער זיך פֿאָרצושטעלען אונזערע קומענדיגע ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע עסקים אין וואַרשע אָהן פּרצ'ן, ווי אַ פֿאָר־זיצענדען, אָדער ווי אַ בּײַזיצער.

וואָרום פּרץ, ווי אַן אויסנאַמס־מענש, איז שטענדיג געווען אונזער קאָפּ, אַפֿילו דענסטמאָל, ווען ער האָט געמאַכט אַ מינע פֿון אַ גלײַכגילטיגען, אָדער פֿון איינעם, וואָס פּראָטעסטירט קעגען אַלע אונזערע פּלענער און געדאַנקען.

ס'איז טאַקע אמת, אַז ער איז נישט געווען דאָס, וואָס מען רופֿט די אָרגאַניזירענדיגע קראַפֿט. אין זײַנע אויפֿטועכצען איז עפּטער געלעגען אַ צעשטערענדיגע קראַפֿט, ווי אַ אויפֿבויענדיגע. אָבער דערפֿון איז נאָך נישט קיין ראַיה, אַז ער איז נישט געווען בײַ אונז דער ראש לחבורא.

אין פּרצ'ס צעשטערונגס־מאַניע האָט זיך שטענדיג אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט קעגען בּטלנות, פּעטער בעל־הבּתישקייט, קעגען דעם פֿוילען לאַנג־זאַמען טריט פֿון אונזערע לײַט, וואָס האָבען זיך ליב אויסצורוהען נאָך דעם ערשטען קליינליכען נצחון.

זײַן צעשטערונגס־קראַפֿט האָט געזויגען פֿון צוויי וואָרצלען, ערשטענס פֿון דעם, וואָס מאַכט פֿאַר אונז מיט אַמאָל קלאָר, אַז די בּולטע רעאַלע ער־פֿילונג פֿון אונזערע פּלענער איז קליין און נישטיג אַקעגען דעם אידעאַל, וואָס מיר האָבען געהאַט וועגען דיי, כּל זמן זיי זײַנען נאָך נישט אַרויס לפּועל, און צווייטענס, פֿון דער מוטהאַרציגקייט, צו צעבּרעכען דעם בנין, אויף וועלכען איך האָב אַוועקגעלעגט אַזוי פֿיל צײַט, און אָנהויבען בויען פֿון דאָס נײַ, לויט אַ נײַעם מאָסשטאַב, מיט אַ נײַעם מאַטעריאַל.

פּרץ האָט נישט נאָר צעשטערט אָפֿט קליינליכע ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטליכע חבֿרה'לעך און אונטערנעמונגען, — ער פֿלעגט אויך זיך אַליין, זײַנע אייגענע ליטעראַרישע שאַפֿונגען צעפֿליקען און צעדריבּלען, ווי אַ נישט־געראָטענעם בגד. למשל, זײַן „גאָלדענע קייט“, וואָס איז צוערשט ער־שינען אין העבּרעאיש אונטערן טיטעל „חורבן בית צדיק“, דערנאָך אין אַ נײַער איבּעראַרבּייטונג אויף יודיש מיט'ן נאָמען „דער נסיון“, איז שפּעטער אַרויס



י. ל. פרץ. — בארעליעף—פון קראטקא.

אין דער פאָרם פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס איז ווידער צוויי מאָל איבערגעמאַכט געוואָרען. זיין „נאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק" (וואו ער, — אַז עס קומט שוין צו רייד, — האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלען אין דער געשטאַלט פון אַלטען בדחן, און וואָס איז געווען פּרצ'ס נשמה־אָבקלאַנג פון די יאָהרען 1904—1905) איז צוויי מאָל איבערגעבויט געוואָרען פון אַווטאָר, און נאָך אין אָקטאָבער 1914 האָט ער מיר פאָרגעלעזען אַ דריטע נייע רעדאַקציע פון דער דאָזיגער סימבאָלישער דראַמע, וועלכע וועט שוין ווערען געדרוקט אין זיינע פאָסטומע שריפטען (נישט פאַרענדיגטערהייט, לײדער). פון אַ נאָוועלע „דער טויט פון אַ כלי־זמר", האָט ער שפּעטער געמאַכט אַ דראַמע „אַמאָל איז געווען אַ מלך"... א. אַז. וו. א. אַז. וו.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַזעלכע ביישפּיעלען, וואָס בעווייזען, אַז פּרצ'ס צעשטערונגס־קראַפט איז נישט געווען דאָס קאַפּריזען זיך פון אַ געניאַלען קינד, נאָר די אייביגע אומצופרידענהייט פון שאַפער מיט זיין ווערק, און צוגלייך די אינסטינקטיווע איבערצייגונג אין די מוטהאַרציגקייט פון מייסטער, וואָס פיהלט, אַז ער איז בכח עפּעס בעסערס צו געבען, ווי דאָס, וואָס ער צעשטערט און צעבּרעכט.

און דעריבער איז געלעגען אין פּרץ צעשטערונגס־מאַניע עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צוגלייך געהאַט עפּעס בויענדיגעס, זיין פאַראַכטונגס־בליק, זיין עקעל־גרימאַסע האָט נישט וועלענדיג געוועקט אַ פּראָטעסט קעגען דאָס נישטיגע, אַלערליי האַלבקייטען און כמעט אָנגעטריבען ווי מיט אַ בייטש די לייט, וואָס האָבען שוין געוואָלט זיך אויסרוהען אין קאָרטען־בנינים — און זיך שפּייזען מיט אַלערליי סוראָגאַטען.

יאָ, נישט געקוקט דערויף וואָס אין דער צאָהל פון אונזערע בעדייטענדע טאַלענטען (ש. אַבראַמאָוויטש, שלום־עליכם, ש. אַש און אַנד.), איז פּרץ געווען צום ווענינגסטענס קלאַסיש, ד. ה. אויסגעשטאַלירט, הן בנוגע צו דער פאָרם, צום סטיל, ווי צום אינהאַלט, — איז ער פאָרט געווען ביי אונז דער ראש לחבורא נישט נאָר אין דער יודישער ליטעראַרישער וואַרשוי, נאָר בכלל אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט. איך זיין יובּילײ אין 1901, וואָס איז אין דער אמת'ן געווען דער ערשטער ריכטיגער יובּילײ פון אַ יודישען שרייבער *, די ערשטע קרעפטיגע דעמאָנסטראַציע פאַר יודיש, ווי אַ פאָלקסשפּראַך מיט אַ בעדייטענדער ליטעראַרישער צוקונפט, האָט חברה ליטעראַטען ביי דער מאָלצייט, געזונגען דאָס חסידישע ליד „אונזער רבּינ'ו". שוין דעמאָלט איז פאַראַן געווען די האַלבבעוואוסטזיניגע הכּרה, אַז פּרץ איז עפּעס אַ מדריך, אַ וועגווייזער, אַ צוזאָג

* ש. י. אבראמאָוויצעס יובּילײ אין יאָהר 1894 האָט נישט געהאַט קיין שום אָבקלאַנג אין פאָלק. ס'איז ביכער געווען אַ קאַמער־יובּילײ פון עטליכע געשמאַקפולע ליטעראַטען און אינטעליגענטען.

איך ווײַטער, אַ רבינו. פֿון דעמאָלט אָן זײַנען פֿאַרבײַ 14 יאָהר, און פֿון דער האַלב-בעוואוסטזיניגקייט בנוגע צו פּרצ׳ס אָרט אין אונזער ליטעראַטור איז געוואָרען אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג.

און דעריבער איז נישט נאָר מיך, וואָס איז יאָהרענלאַנג געווען פֿאַרבונדען מיט פּרצ׳ן אין פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און פּלענער, נאָר אויך איטליכען יודישען ליטעראַט אוממעגליך לעת-עתּה זיך פֿאָרצושטעלען אונזער ליטעראַטור אָהן פּרץ. עס איז נישט וויכטיג, צי האָבען איהם אַלע געהאַלטען פֿאַר אַ „רבינו“, צי נישט. אָבער קיינער פֿון אונז האָט זיך נישט געשעמט צו זינגען דאָס לידעל „אונזער רבינו“, ווען ביים מאָלצייט-טיש איז געזעסען פּרץ.

III

אין ליטעראַרישען, קינסטלערישען לעבען בעמערקען מיר, אַז די אומרוהיגע טאַלענטען שפּילען אָפֿט אַ גרעסערע היסטאָרישע ראָלע, ווי די רוהיגע, קלאַסישע, ווי די, וואָס זײַנען די גליקליכע גאָלדענע פּרוכט פֿון אַ לאַנגער טראַדיציע אין אַן אַלטער קולטור.

איך האָב שטענדיג ליב געהאַט צו ציהען אַ פּאַראַלעל צווישען דעם האָלענדישען גרויסען שרייבער מולטאַטולי און אונזער פּרצ׳ן. און דאָס איז נישט געווען נאָר אַ קאָמבינאַציע פֿון אַ קריטיקער. אין יאָהר 1903, ווען פּרץ האָט זיך ווייטער גענומען פֿאַר דער אַרויסגאַבע פֿון זײַנע זאַמעלביכער „יודישע ביבליאָטעק“, האָט פּרץ בעשטעלט ביי מיר אַ גרעסערען קריטישען אַרטיקעל וועגען מולטאַטולי. אין די ווייטערדיגע פֿיר ביכלעך (דער סך הכּל פֿון דער לעצטער נישט געלונגענער אַרויסגאַבע), געפֿינען זיך עטליכע פּרצ׳ס איבערזעצונגען פֿון מולטאַטולי׳ס קליינע שריפֿטען.

פּרץ האָט אינסטינקטיוו געפֿיהלט אַ גײַסטיגע קרובֿשאַפֿט צו מולטאַטולי׳ס שעפֿער-גייניע. אַזוי ווי ביי מולטאַטולי, האָבען זיך ביי איהם אויסגעמישט ליריק, סאַטירע, הומאָר און טרוקענע לאָגיק. דער קורצער געשליפֿענער אַפֿאָריזם, די בלאַנק-שאַרפֿע פּאָלעמישע פֿעדער האָט זיך פֿאַראייניגט מיט דער אַלעגאָריע, מיט דער קורצער מעשׂה׳לע, מיט דער עזאָפּישער פֿאַבעל. און צו אַלעם דעם איז נאָך צוגעקומען זײַן ליידענשאַפֿט צו שרייבען געדיכטען, פּאָעמען, לידער און ווײַסע פֿערזען, וואָס זייער ריטם ווערט געבויט אויף אַן אינערליכער מוזיק. ווי ביי מולטאַטולי, פֿלעגט זיך זײַן פּובליציסטיק אָפֿט פֿאַרוואַנדלען אין אַ געדיכט אין פּראָזע, און אין זײַנע פּאָעטישע ווערק פֿלעגען זיך אַרײַנגנבֿ׳ען טרוקענע, פּובליציסטישע פּראָזען. זײַנע לירישע נאָוועלען האָט ער ליב געהאַט איבערצורײַסען מיט אַן אַקאָרד פֿון אַ סאַטיריקער („כּעס פֿון אַ יודענע“) און זײַנע סאַטירען פֿלעגען ווערען איבערגעריסען פֿון פֿײַנע לירישע סצענעס („דער שטרײַ-

מעל"). זײַנע ערשטע געדיכטען זײַנען כּמעט נאָר געװען געבױט אױף דעם קאָנטראַסט פֿון צװײ שטימונגען, און כּמעט אומעטום אין פּרצ'ס שאַפֿונגען קאָן מען בעמערקען זײַן גלוסט ´אױסצומישען אַלערלײ פֿאָרמען, זיך נישט צו לאָזען בענדיגען פֿון אײן שטימונג, פֿון אײן אײנציגען ליטעראַרישען אױסדרוקס־מיטעל.

אָבער פּרץ דער אומרוהיגער   טאַלענט האָט, װי מול־טאַטילי, געהאַט אײן מעלה, װאָס מחמת איהר איז ער געװאָרען דער קאָפּ פֿון אַ גאַנצער ליטעראַרישער בעװעגונג. די מעלה פֿון דעם, װאָס שיט זימען און זעצט פֿלאַנצען אױף אַ פֿאַרװילדעטען נישט בעבױטען באָדען. דאָס איז   געװען

די איבערצײַגונג פֿון אַ גאָט געבענשטער נאַטור, אַז אױף דעם דאָזיגען באָדען איז יעדער קערנדעל װערט פֿאַרזײדט צו װערען.

מען קאָן איהם פֿאַרגלײַכען בנוגע צו זײַן ליטעראַרישער טעטיגקײַט מיט אַ רײַכען קרוב, װאָס איז געקומען אין זײַן שטעטעל, מיט פֿולע קעשענע גרױס־ און קלײן־געלט, שיט ער אױס זײַן מותרות, און ס'אַרט איהם נישט, װאָס צװישען די זילבערנע און גאָלדענע מטבעות װאַרפֿען זיך דורך קופּערנע צעדגערס און בלאַנקע גראָשענדלעך. אױף די גראָשענדלעך װעלען עמיצען צוניץ קומען; אױך זײ קאָנען, אַרײַנגעפֿאַלען אין ריכטיגע הענט, נאָך געבען עמיצען די מעגליכקײַט אַלײן אַמאָל צו טײלען גראָשענדלעך.

פּרץ, אַלס מענש, אַלס טאַלענט און . אַלס אײנער פֿון די ערשטע בעװאוסטזיניגע קעמפֿער פֿאַר אַ פֿולען נאַצ'אָנאַלען פֿאָלקסלעבען, האָט זיך געפֿיהלט, װי דער ע ר ש ט ע ר, װאָס האָט נישט די צײַט און דאָס רעכט זיך אױסצוקלײַבען אַן ענגען קרײַז פֿון אינטערעסען און קינסטלערישע אױפֿגאַבען. אין דעם תּוהו ובוהו פֿון אונזער דעמאָלטיגען לעבען האָט ער געמוזט האָבען לײַכטע פֿליגלען, בכדי צו קאָנען זײַן אומעטום און צו זײַן בכח אומעטום צו װאַרפֿען טראָפּענס פֿון זײַן גײַסט ליט דער פֿאַרב נאָך און דער נעבעלדהאַפֿטיגקײַט פֿון דעם אַרומיגען כאַאָס.

אַזױנע מענשען, װי פּרץ (װי מולטאַטולי אין האָלאַנד), שײַנען אונז   נו זײַן   מיט דער

צײַט די שאַפֿער פֿון אַ נײַער ליטעראַטור, די, צו װעמען עס ציהען זיך פֿעדים פֿון איטליכען צוקינפֿטיגען שרײַבער, די, װאָס װערען די אונטערלאַגע פֿון אַלץ, װאָס קומט נאָך זײ.

אום צו בעװײַזען, װי ריכטיג עס זײַנען די דאָזיגע װערטער, קלעקט נאָר צו מאַכען אַן אַנקעטע בײַ אַלע אונזערע איצטיגע שרײַבער (אונזער ליטעראַטור איז נאָך יונג, און כּמעט אַלע איהרע שרײַבער לעבען און שאַפֿען נאָך), איטליכען אױסצופֿרעגען, װי װײַט און טיף עס האָט אױף איהם משפּיע געװען י. ל. פּרץ, — און איך בין זיכער, אַז דער סך־הכל פֿון דער דאָזיגער אַנקעטע װעט אפֿשר נאָך זאָגען אַ סך מעהר, װי

די יודישע וועלט.

דאָס, וואָס שטעהט דאָ געשריבען. איבעריגענס, נישט נאָר דער תוהו ובוהו פֿון יודישען לעבען אין די 80־ער און 90־ער יאָהרען איז געווען די סיבה פֿון פּרץ'ס פֿרייער נישט געבונדענער אַרט צו שאַפֿען, צו רעדען אין געזעל־שאַפֿטליך צו אַרבייטען — עס איז נאָך פֿאַראַן אַ טיפֿערער גרונד.

IV

פּרץ אַלס קינסטלער, אַלס עסטעטיקער, האָט מיט'ן גאַנצען האַרצען ליב געהאַט די קינסטלערישע פֿאָרם, דעם עסטעטישען טאַקט און דאָס גע־שליפֿענע מייסטערהאַפֿטע אָבגעטאָקטע וואָרט.

פּרץ אָבער אַלס יוד, אַלס אַ קינד פֿון אַ טויזענט־יאָהריגער טראַדיציע האָט שטענדיג פּראָטעסטירט קעגען יעדען שענהייט־אידעאַל, קעגען איט־ליכער פֿאָרם, וואָס האָט געוואָלט מעהר בעדייטען אין דער געדאַנקען־וועלט, ווי עס פֿאַרדיענט דאָס. אין פּרץ'ס נשמה האָט שטענדיג געקעמפֿט דער יוד מיט דעם אַריער, וואָס זיגט זיין גייסט־בילדונג פֿון דעם העלענישען גריכענטום. דער דאָזיגער קאַמף קומט פֿאָר ביי איטליכען היכבעגאַבטען יודען, אָנגעהויבען פֿון היינריך הײנע ביז אַ פּרץ. דער דאָזיגער האַרצענס־ און מוח־קאָנטראַסט איז בשום אופֿן נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּרץ'ן אַלס פּאָעט. אַלע בעדייטענדע יודישע פּאָעטען האָבען דאָס געפֿיהלט און דורכ־געלעבט. ער איז אָבער העכסט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּרץ אַלס אַ יודען, אַלס אַ געטרייען קינד פֿון זיין שטומען, פֿאַראומערטען פֿאָלק.

אַלע, אַלע, אָנגעהויבען פֿון היינריך הײנע ביז אַ פּעטער אַלטענבערג, האָבען זיי צעריסען די אָנגענומענע קינסטלערישע פֿאָרמען, אָבער קיינער פֿון זיי האָט נישט געהאַט אַזוי קלאָר די הכרה, אַז די פֿאָרם מוז צעריסען ווערען, חוץ עטליכע יודישע קינסטלער, וואָס שאַפֿען אין העברעאיש און יודיש, ווי למשל, אַ פּרץ, אַ מ. י. בערדיטשעווסקי און אַ ביאַליק.

די פֿאָרם מוז צעריסען ווערען... אַ קינד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט שוין מיט טויזענטער יאָהרען צוריק פֿאַרלאַנגט, אַז „איטליכער באַרג זאָל דערנידעריגט ווערען און איטליכער טאָל זאָל דערהויבען ווערען“, וואָס האָט נישט געקאָנט ליידען קיין שום חניפֿהלע אַפֿילו אין דער שטומער נאַטור, וואָס האָט אייביג געזונגען דעם פֿאַנאַטישען מאַרש פֿון אַ גלייכער גערעכטיגקייט, פֿון אַ גלייכער פֿרייהייט, פֿון אַ גלייכער ברידערליכקייט צווישען מענש און מענש, — אַזאַ אויסדערוועהלט קינד, וואָס טראָגט אין די פֿאַלבען פֿון זיין נשמה דעם וועהטאָג פֿון אַ ישעיהו, דעם גייסט פֿון אַ הלל, דעם הייסען פֿאַרלאַנג פֿון אַ יוסף־די לא ריינא ביז צום לעצטען זוכער פֿון דעם קץ כל הקצים — קאָן נישט האָבען די אַכטונג און די ליבשאַפֿט צו דער הוילער פֿאָרם, ווי דער אַריער, למשל, אַנונציאָ, וואָס לאָבט זיך מיט אַ געלונגענער סאָנעטע, ווי מיט דעם געשמאַקסטען איינגע־מאַכץ.

ניין, ער קאן זיך נישט לאבען מיט דער פארם. נאך מעהר, ציטענווייז כאפט איהם אן א כעס אויף דאס, וואס איז באמת׳ן א נעץ פאר דער נשמה, א שמייכעל פון דער לילית, א געטראנק, וואס פאר׳שכור׳ט און פיהרט אראב פון ריכט׳גען וועג.

נאר חוץ דעם היסטארישען פראטעסט קעגען דער פארם קומט נאך צו דאס, וואס דאס ממשות׳דיגע לעבען פון איטליכען הויכבעגאבטען יידען, וואס איז געטריי איבערגעגעבען צו זיין פאלק, קומט פאר אין א סביבה, וואו אלץ איז פארמלויז, וואו קיין זאך איז נישט ארגאניזירט, וואו די קרעפטען ליפען בלינד אויף אלע פיר עקען, וואו יעדער געזעלשאפטליכער טאלענט ווערט צעריסען אין צוויי שטיקער, וואו עס איז נישטא קיין גאנצע שפראך, קיין גאנצער טיפ, אפילו קיין גאנצער יום־טוב.

דער געוועהנליכער דענקענדיגער ייד ליידט פון אזא סביבה, און ליגענדיג האלב אין די ארעמס פון דער היינטיגער איראפעאישער קולטור, זיפצט ער מיט א אמת׳ען הארצוועהטאג:

„אן אומגליק איז אונז געשעהן, אונזער לעבען איז צעריסען און האט נישט קיין שום פארם״.

דער הויכבעגאבטער ייד אבער, וואס זעהט, אז פון דער דאזיגער פארמלויזיגקייט איז אוממעגליך ארויסצוקריכען, ווייל זי נעמט זיך פון א פיל טיפערן קוואל, —
דערהייבט זיך טיילמאל צו דעם נביאישען אפטימיזם, וואס לייקענט בכלל אב די נויטיגקייט פון וואסער עס איז פארם, און אין זיינע בעסטע בעגייסטערטע מינוטען רופט ער אויס מיט א פרעהליכען זינגענדיגען געמיט:

„א גליק איז אונז געשעהן, אונזער לעבען ווייס, גאט צו דאנקען, נישט פון דער הוילער נארישער פארם״.

און פרץ איז געווען איינער פון די שטאלצסטע ביי אונזער פאלק, וואס האט אפט זיך דערהייבען צו דעם איבען־כאראקטער׳יזירטען אפטימיזם בנוגע צו אונזער פארמלויזען לעבען.

די יודישע וועלט.

אין די לעצטע יאָהרען פֿלעגט פּרץ מיט גרויס בעגײַסטערונג ענטוויקלען דעם געדאַנק, אַז מיר האָבען נאָך נישט קיין ריכטיגע יודישע ליטעראַטור. זי איז אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט אַן אַרישען אינהאַלט, אָנגעהויבען פֿון אונזערע געדאַנקען, ביז צו דער פֿאָרם. אַ נײַע פֿאָרם מוז מוז געשאַפֿען ווערען, אַ יודישע, אַזוינע, וואָס וועט און קאָן נישט עדגליך זײַן צו זייערע! מיט די דאָזיגע ווערטער פֿלעגט ער אָפֿט פֿאַרענדיגען זײַנע עפֿענטליכע פֿאָרלעזונגען אין וואַרשעהער „הזמיר“.

פֿאַר דעם זײַטיגען קריטישען בעאָבאַכטער פֿלעגט זײַן אַ ביסעל טשיקאַווע צו הערען אַזוינע ווערטער פֿון דעם, וואָס האָט געשאַפֿען אַזוי פֿיל ריין יודישע זאַכען סײַ אין אינהאַלט, ווי אין דער פֿאָרם, וואָס איז נאָך דערצו געווען איינער פֿון די, וועלכע האָבען זיך נישט אָבגעשטעלט פֿאַר קיין מניעה, בכדי נאָר אַרײַנצוברענגען אין דער יודישער ליטעראַטור אַ נײַע אייראָפּעאישע פֿאָרם.

אָבער גלײַכצײַטיג האָט דער דאָזיגער בעאָבאַכטער געמוזט אַ טראַכט טון, אַז פּרצ׳ס אומצופֿרידענקײַט מיט דעם, וואָס מיר האָבען אין זיך איינגענומען אַזוי פֿיל פֿרעמדס, איז נישט קיין קאַפּריז פֿון אַ געניאַלען קינד.

טאָמער איז זי גאָר די אינסטינקטיווע הכרה, אַז מיר האָבען אונזער אייגענע פֿאָרם, אַז דאָס אַרומיגע יודישע לעבען דוכט זיך אונז אויס פֿאָרמלויז נאָר דערפֿאַר, ווײַל מיר שטעהען צו איהם צו נאָהענט? פּרובֿ זיך נאָר דערווײַטערן פֿון איהם מיט די פֿליגלען פֿון פּאָעט אין טיפֿען דענקער, און דאָס, וואָס דוכט זיך דיר אויס אָהן אַ פֿאָרם און אָהן אַ סדר, האָט פֿאָרט זײַן אייגענעם פּנים. אַ ציגעל, וואָס פֿאַלט פֿון דאַך, דוכט זיך אונז אויס, ווי אַן אומגעלומפּערטער שלים־מזל, וואָס פֿאַלט, וואו מען דאַרף נישט. פֿאַר דעם מאַטעמאַטיקער אָבער געהט ער אַ גלײַכען וועג און געהט פֿאַלענדיג אַ סך געזעצטער, ווי אַ טענצערין אין באַלעט. אין אונזערע תּפֿילות האָבען מיר דעם שיר פֿון אַלץ, וואָס געהט אויף אַלע פֿיר און קריכט אויפֿ׳ן בויך. עס זינגען אויך אַ ליד צום בורא די גלגלים און די זון. שוין זשע זינגט אויך נישט דאָס האַרץ פֿון יודישען פֿאָלק זײַן ליד צו דער וועלט, צו דער נאַטור און צו זײַן בורא? און צי איז אפֿשר נישט גערעכט י. ל. פּרץ, ווען ער הייסט אונז אָנשטרענגען אַלע אונזערע חושים, אַבי נאָר צו כאַפּען אַן אַקאָרד פֿון דעם דאָזיגען שיר?

דעריבער, ווען מען פֿאַרטיפֿט זיך לענגער אין דעם מקור פֿון פּרצ׳ס היבט מען אָן צו פֿאַרשטעהן, פֿאַרוואָס ביי זײַן גרויסער ליבשאַפֿט צו דער פֿאָרם האָט ער געמוזט זי צערײַסען, פֿאַרוואָס ער האָט בכלל געקאָנט קוקען אָפּטימיסטיש אויף אונזער פֿאָרמלויזיגקײַט, ווײַל אין

אַלעם דעם איז געלעגן די בענקשאַפֿט נאָך דער אײגענער פֿאָרם, װײַל אין דעם איז געלעגן אַ שעפֿערישער װילן.

V

באַלד װעלען װערען 15 יאָהר זינט איך בין פּערזענליך באַקאַנט געװאָרען מיט פּרצ׳ן. ד״ר י. לוריע, אַלס רעדאַקטאָר פֿון „יוד״, האָט מיך מיט איהם צוזאַמענגעפֿיהרט. און איך קאָן נאָך ביז הײַנט נישט פֿאַרגעסען דעם אײַנדרוק, װאָס פּרץ האָט אויף מיר געמאַכט אין דעם ערשטען װינטער פֿון אונזער באַקאַנטשאַפֿט.

אין דעם ערשטען װינטער...

כמעט איטליכען טאָג פֿלעגען מיר זיך באַגעגענען אין דער רעדאַקציע פֿון „יוד״. אָפֿט פֿלעגען מיר שפּאַצירען איבער די װאַרשעװער גאַסען און פּלעצער. גאַנצע אָװענטען פֿלעגט מען פֿאַרברענגען אין אַ „קאַװיאַרניע״ אָדער אין אַ „מאָלאָטשנע״ בײַ אַ גלאָז קאַװע און פֿיהרען הײסע שמועסען װעגען אַלץ, װאָס איז, װאָס איז געװען, און װאָס מוז און װעט נאָך קומען אַמאָל.

פֿאַר פּרצ׳ן בין איך געװען אַ „נײַער מענש״, ד. ה. אַ מענש, װאָס קומט פֿון אַן אַנדער ספֿערע און װאָס האָט נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך דעם נײַ־מאָדנעם ציוניזם, דעם אַזוי גערופֿענעם אינדיװידואַליסטישען, קינסטלערישען, קורץ דעם ציוניזם, װאָס שעפּט נישט פֿון ליליענבלום און אחד העם, נאָר גאָר פֿון אַנדערע קװאַלען. און פּרץ האָט ברײט און װאַרעם אינטערעסירט זײַן בעפֿליגעלט האַרץ, מיך בײַסלעכװײַז אַרײַנציהענדיג אין דער װעלט פֿון זײַנע ליטעראַרישע אינטערעסען. דאָס איז נישט געװען דינעזאָנס מיטרליכע װאַרעמקײַט, װאָס האָט מיך געטולעט צו זיך, נאָר די מענישע קראַפֿט פֿון אײנעם, װאָס װילט אין דעם צװײטען אַ פֿרײַנד, אַ מיטאַרבײטער, נישט קײן קינד. זעהר אָפֿט פֿלעגען אונזערע פּאָלעמיקעס אָנגעמען אַזאַ האַרבע פֿאָרם, אַז אַ זײַטיגער װאָלט געמעגט גלײבען, אַז דאָס רעדען מיט אַנאַנד צװײ דם־שׂונאים. און דאָך האָבען מיר בײדע געפֿיהלט, אַז אין דער צײַט, װען עס קעמפֿען צװישען אונז בײדע די איבערצײַגונגען, ציהען זיך אונזערע הערצער אײנס צו דעם אַנדערן און זוכען מיטלען און װעגען, װי צו קאָנען אַרבײטען אינאײנעם. אָפֿט פֿלעג איך אַװעק פֿון פּרצ׳ן מיט דעם געפֿיהל, אַז איך האָב דאָ צו טון מיט אַ באַדײַטענדער אינטעליגענץ, װאָס דרינגט טיפֿער אַרײַן אין אַ פּראָבלעם, װי אַנדערע ספּעציאַליסטען און געלערנטע. ער פֿלעגט מיך אויך פֿאַרװאונדערן דערמיט, װי גיך און לעבעדיג ער פֿלעגט זיך אָריענטירען אין אַ װיסענשאַפֿטליכער פֿראַגע, נאָך דעם װי אײנער פֿון אונז פֿלעגט איהם אין קורצע װערטער איבערגעבען די טעאָריע פֿון דער דאָזיגער פֿראַגע.

פּרץ איז עהנליך געװען צו אַ שװאָם, װאָס פֿלעגט גיך און דאָרש־

די יודישע וועלט.

טיג איינגעזויגען איטליכען גייסטיגען און מאטעריעלען איינדרוק. א „נייער מענש" איז פאר איהם געווען א נייע קראפט, וואס האט איהם געשטויסען און שטארקער אנגעטריבען איסצופיהרען לפועל די פראבלעם אין קינסט־לערישע פלענער, וואס האבען שוין פון פריהער אן בעוועגט זיין גייסט. און אזוי ווי פרץ איז נישט נאר געווען א קינסטלער, נאר אויך א מענש מיט א גרויסען געזעלשאפטליכען טעמפעראמענט, האט יעדער נייער מענש געהאט פאר איהם א טאפעלטע בעדייטונג. ער פלעגט איהם באלד זוכען אריינצוציהען אין דעם קרייז פון די אינטערעסען, וואס זיינען צוגלייך געווען זיינע אייגענע, ווי אלגעמיין־געזעלשאפטליכע.

ווען איך וועל אמאל רעדען וועגען מיין יודישער ליטעראַרישער קאריערע, וועל איך מוזען, חוץ דר. י. לוריע, אפגעבען א בריטען פלאץ י. ל. פרצ'ן, וועלכער האט אן מיך כמעט קיינמאל נישט פארגעסען, וויבאלד עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א נייער ליטעראַרישער גרינדונג אדער פלאן. און דאס, וואס האט מיט מיר פאסירט, האט זיך איבער־געחזר'ט איטליכעס מאל, ווען אין די ד' אמות פון פרצ'ס גייסטיגער פער־זענליכקייט איז עמיצער אריינגעפאלען, ברענגענדיג מיט זיך א פערזענליך הורכגעלעבטען נייעם געדאנקען אדער דעם אויפריכטיגען וואונש, אנטייל צו נעמען אין דער יונגער יודישער ליטעראטור. נאך קורץ פאר זיין טויט, האבען דאס געקאנט בעאבאכטען זיינע נאהענטע מענשען — דעמאלט, בעת א יונגער דאקטאר פון פראנקרייך איז געקומען צו איהם מיט א רייה ליטעראַרישע ארבייטען, פארפאסטע אין דער יודישער שפראך.

איבעריגענס, א טליכער, וואס וועט דורכבלעטערן פרצ'ס אויסגאבען, אנגעהויבען פון די יו"ט־בלעטלעך ביז צו זיין לעצטען זאמעל־בוך „יודיש", וועט באלד בעמערקען, אז כמעט אין יעדער נייער אויסגאבע ווארפען זיך דורך נייע נעמען, נעמען, וואס א סך פון זיי זיינען מיט דער צייט געווארען נישט נאר געסט אין דער יודישער ליטעראטור, נאר אויך איהרע שטענדיגע געטרייע מיטארבייטער.

און אריינציהענדיג א נייעם מענשען אין דער ליטעראטור, פלעגט פרץ קיינמאל זיך נישט רעכענען דערמיט, וואס נישט אלע מאל האט יענער די אייגענע אנשויאונגען, וואס ער. למשל, איהם האט נישט געקימערט, וואס איך, אלס גיי־מאדנער יודישער נאציאנאליסט, פארהאלט זיך מיט א געוויסער איראניע צו די אלטע השכלה־געדאנקען, וואס האבען נאך פאר 15 יאהר צוריק געהאט אזא שטארקען איינפלוס אויף פרצ'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט. ווי א ביישפיל קאן איך ברענגען פאלגענדען קוריאז:

אין יאהר 1903 האט מיך ה. ד. נאמבערג אריינגעצויגען אין „הצופה", וואו ער איז געווען א הויפט־מיטארבייטער. אין מיין צווייטען מאנטאגס־פעליעטאן (מיין פעליעטאן פלעגט ערשיינען מאנטאג, י. ל. פרצ'ס דאנערש־טאג) האב איך אנאליזירט די פראגראם־ארטיקלען פון ד. פרישמאן און

י. ל. פרץ, וועלכע האָבען צו דער צייט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אייגענע מאָנאַטס-זשורנאַלען („הדור“ און „יודישע ביבליאָטעק“) און זיי מיט אַ געוויסען הומאָר שטאַרק קריטיזירט. באַלד דערויף האָט מיך פרץ איינגעלאַדען פֿאַרן הויפּט-סעקרעטאַר פֿון זיין זשורנאַל, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז איך וועל מיין שטאַנדפּונקט בשום אופן נישט בייטען. און טאַקע באַלד נאָכדעם פֿלעגען גאַנצע רעדאַקציאָנס-אָווענטען אַוועק, ווען מיר ביידע פֿלעגען זיך אַמפּערן איבער איטליכען אַרטיקעל, וועלכער האָט, לויט מיין מיינונג, געשמעקט מיט די אַלטע, אָבגעלעבטע השכלה-טענדענצען. איך געדענק, אַז איינמאָל נאָך אַ הייסען ויכוח האָט מיר פֿרוי פרץ אָבגערופען אָן אַ זייט און מיר געבעטען נישט צו פֿיהרען אָווענט-צייט אַזעלכע ביטערע פּאָלעמיקעס, ווייל „לעאָן“ קאָן דערנאָך אַ צייט לאַנג נישט איינשלאָפען פֿאַר האַרצקלאַפּעניש און אויפרעגונג. נישט געקוקט דערויף, איז פרץ'ן קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלען מיך אַרויסצושטויסען פֿון זיין אייגענער רעדאַקציע, וואו ער איז געווען דער גאַנצער בעל-הבית.

דאָס אַלץ בעווייזט קלאָר און דייטליך, אַז פרץ איז זיין פּערזענליכען פֿאַרקעהר מיט מענשען איז געווען געטריי צו זיין נאַטור , ווי טייל איבערפֿלעכליכע מיינען, צו זיין שעפּערישער, ווי איך האָב דאָס אין די פֿריהערדיגע צייל געפּרובט ערקלערן), וואָס האָט זיך נישט גערעכענט מיט דער פֿאָרם (אין ברייטסטען זין פֿון וואָרט), נאָר מיט דעם שעפּערישען וואונש, אַריינצוברענגען אַ פֿרישען אָטעם אימעטום, וואו ער האָט געהאַלטען זיין גאָלדענעם שרביט.

אין פֿאַרקעהר מיט מענשען, מיט נאָהענטע, האָבען זיך ביי פרץ'ן קיינמאָל נישט אַריינגעמישט סענטימענטאַלע פּערזענליכע פּריוואַטע קלייניגקייטען.

אין די 15 יאָהרען פֿון אונזער פריינדשאַפֿט קאָן איך זיך נישט דערמאָנען אַ מאָמענט, וואו פרץ האָט מיר אויסגעדריקט אַ ווייך געפֿיהל, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען מיין פּערזענליכען פּריוואַטען לעבען. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט צו שרייבען עמיצען „שלום לאהובי“-בריוועלעך, און יאָהרען האָבען געקאָנט אַוועקגעהן, דו האָסט געקאָנט אין דער צייט שווער קראַנק זיין, ווערען אויסגעריסען פֿון אַלערליי פּריוואַטע לעבענס-צרות, — און דו וועסט נישט בעקומען קיין איינציגען איינגעטונקען אות פֿון איהם, כאָטש דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז צו דיין פּערזענליכען שמערץ איז ער אַודאי נישט גלייכגילטיג.

אַלץ וואָס איז געווען עהנליך צו שמחות און צרות פֿון פּשוט'ן בעל-הבתישען לעבען האָט איהם אָבגעשטויסען, און אויך דערמאָלט, ווען געליטען האָט זיינער אַ פֿריינד. אין די פֿאָרמען פון דער געוועהנליכער לעבענס-פּראָזע האָט ער נישט געקאָנט געפֿינען אַ וואָרט פון (געוועהנליך פֿאַלשען) טרייסט, אָדער פֿון אויסערן מיטגעפֿיהל, וואָס דריקט זיך אויס געוועהנ-

די יודישע וועלט.

ליך טאַקע צום בעסטען אין די אַלטע נאַרישע בעל־דבֿתישע פֿאָרמען.

פרץ, אַלס עכטער קינסטלער, האָט ליב געהאַט זײַנע מענשען אין די יום־טובֿ׳דיגע פֿאַרבען פֿון זייער אינערליכער לעבעדיגקײַט און בעגײַסטערונג. ער האָט הנאה געהאַט, אַז דער מענש זאָל פֿאַר איהם גלאַנצען און פֿינקלען; ער פֿלעגט איהם אינסטינקטיוו אויסמײַדען, ווען דער טײַוועל פֿון לאַנגערווײַלע פֿלעגט אויסציהען זײַן לעבעדיג געזיכט און מאַכען דערפֿון אַ פֿאַרוועלקט אויסגעצויגען לײַלעכעל. זײַן נערוועזע נאַטור, וואָס פֿלעגט אַזוי געשווינד אָבשפּיגלען פֿרעמדע שטימונגען, פֿרעמדע א נערליכע וויבראַציעס, האָט אומישנע אויסגעמידען דעם נאָהענטען מענשען זײַנעם דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין שטאַנד פֿון אַן אינעווייניגסטער גײַסטיגער פּוסטקײַט, מיט אַלע די קראַנקהאַפֿטע צודאַטען דערצו.

ווײַל בײַ פרץ דעם מענשען איז דער קינסטלער געשטאַנען איבען־אָן.

(סוף קומט).

דוד בערגעלסאָן.

בריף צו דער יונגער יודישער אינטעליגענץ.

I

י. ל. פרץ.

געעהרטע פריינד.

שענע פריהלינגס־טעג וועלען קומען און וועלען ווירקען מיט דעם, וואָס אין יעדען פון זייערע פריהמאָרגענס ווערט געבוירען אַ נייַ פאַרבלענדעניש פון זון. קלאָרעס בלוי וועט זיך ציהען איבער אונזער אינגעוויינִגסט וועלטיל; קנאָספּען וועלען גרין ווערען ביַי אונז אין האַרצען; פויגעלעך וועלען צווישטשערען אין אונז און וועלען פאַרשרייַען דעם גרויסען שטורמישען געמורמעל. דעם נייַעם זומערס וואַרעמער זילבער וועט זיך שטיל און ווייך גיסען צו אונז אין דער נשמה. און שכור וועלען מיר ווערען פון פיל אומגעביטענע פאַרבען, פון טויזענטער שענע בעוועגונגען און געפיהלען, וואָס אין אונז און אַרום אונז, און אַ נאָמען וועלען מיר דעם אַלעם געבען: „דאָס לעבען“.

— דאָס לעבען ציהט, — אַזוי וועלען מיר זאָגען און מעהר ניט קאָנען אַיינזיצען אין שטוב.

אַרומבלאָנדזען וועלען מיר דאַן איבער די איבעגעפולטע גאַסען און וועלען זוכען דעם שליסעל צו אונזערע אייגענע געפיהלען; דעם שטיק „איך“, וואָס אונז פעהלט — די שענקייַט, וואָס קאָן ממלא זייַן דעם פגם אין אונזער נשמה. און אויסקומען וועט דאָך שוין ממילא, אַז דאָס וועלען מיר זוכען „איהם“ — אַזוי וועלען מיר רופען אונזער גרויסען געשטאָרבענעם פרצ'ן — דעם שענעם פיל־פאַרבּגען העלד פון אונזער—דער יודישער יוגענטס — ראָמאַן. און פאַרשטעהן וועלען מיר דאָך שוין מן הסתם דערביַי, אַז זייַן זילבער גיסט זיך דאָס אַזוי לייַכט און ווייך צו אונז אין האַרץ. וואָרום מיר נעמען דאָך שוין אַיינטייל אין דעם וואוקס פון אונזער אייגענער טיפקייַט; וואָרום סוף־כל־סוף זייַנען מיר דאָך אַליין דאָס ניט־פאַרענדיגטע קונסט־ווערק, וואָס זוכט זייַן גאַנצקייַט אינ'ם גרויסען מענשען; וואָרום מיר שטעהען דאָך שוין מעהר ניט אויסער די אינטעליגענטישע זוכענישען, וואָס אין אונזער העכערער שאַפונג. און פון וואַנען הויבט זיך דען אָן העכערע שאַפונג, אויב ניט פון אָט די בענקענדיגע געפיהלען, מיט וועלכע ראובן — דאָס ניט־פאַרענדיגטע קונסט־ווערק, — ציהט זיך צו שמעונ'ען — דעם גרויסען מענשען און קינסטלערישער נשמה?

די יודישע וועלט.

* *
*

ראובן און שמעון — צוויי קלוגע חברים און פריינד, וואס שטעהען לאנג אויסער דער שטאט אויף א בארג, קוקען זיך לאנג איין אין דער ווייט און פיהלען, ווי שטארק זיי ווילען לעבען אייביג. בעת די לאנגע שפאצירען האבען זיי שוין געווים גענוג אינטערעסאנטעס צו דער־צעהלען איינער דעם צווייטען. נאר איינמאל דערפיהלען זיי ביידע, ווי שטארק די שענקייט פון גאר דער וועלט נאגט ביי זיי אין הארץ און זיי צעשיידען זיך.

— איך וועל שאפען א שען לעבען, אזוי זאגט ראובן.

— און איך וועל שאפען פון דיין לעבען א שען בוך, אזוי זאגט שמעון. און פרץ איז דאס ביי אונז אי ראובן, אי שמעון —דאס ניט־פארענדיגטע קונסט־ווערק האט זיך געצויגען צום גרויסען מענשען און צו דער קינסטלערישער נשמה, וואס אין זיך אליין, זיך געצויגען שטארק מיט אלע כחות פון א ריז אין זיך זעלטען ווען דערגרייכט. און ווער ווייס? אפשר נעמט זיך טאקע פון דאגען זיין פילזייטיגער ארט שאפען, וואס ווי גלאנציג ער זאל ניט זיין, טראגט ער דאך דעם כאראקטער פון פרובען, פון ניט געפינען זיך אינ'ם פריהערדיגען, פון א ריזיג־פאר'עקשנ'טען „אפשר דא־ארום“.

* *
*

פון פרצ'ן האבען מיר געווארט דאס ווערק, וואס זאל אונז געבען די סכעמע מי'ט'ן טיפען אנאליז פון אונזערע — דער יודי'ש־וועלטליכער יוגענדס — איבערלעבונגען. ער האט בעדארפט אויך געבען דעם סינטעז פונ'ם אלטען און נייעם יודישען געדאנק.

— ווער דען, אז ניט פרץ? אזוי האבען מיר שטענדיג גערעדט צווישען זיך.

און וואו זאלען מיר זוכען די סיבות פון דעם, וואס פרץ — דער אבסטראקטער יודיש־וועלטליכער געדאנק — האט זיך, ווי מיט א כיון צעברעקעלט אויף קליינע שטיקער און, אייפ'ן ארט פון צו געבען דעם יודישען פויסט, גראבט ער זיך איין, ווי מיט א כיון, ביז'ן גארטעל אין יודישען „בית“ (бытъ) מיט וואס קאנען מיר דאס אליך פארענטפערען, אויב ניט מיט דעם, וואס ער האט בעדארפט געבוירען ווערען כאטש מיט דרייסיג יאהר שפעטער, ווי ער איז געבוירען און שוין דערמיט אליין איוסמיידען דעם קאפ־ברעכער שען משכילישען שפרונג?

ווארום אויב אט דער שפרונג, וואס מיר האבען געטאן פאר די לעצטע 50 יאהר — דער שטורמיש־פלוצימדיגער איבערגאנג פון יו־

דישקײַט צו וועלטליכקײַט, האָט באמת אין זײַן אָנהויב אויסגעזעהן צו זײַן קאַטאַסטראָפאַליש און ברענגען צו „רסוק־אברים“, האָבען מיר דאָך אין פרצ'ן אַליין כמעט די גאַנצע היסטאָריע פון אָט דעם איבערגאַנג. ער אַליין האָט איבערגעלעבט דעם קאַטאַסטראָפאַלישען אָנהויב; ער אַליין האָט נאָכדעם בעדאַרפט אײַנגראָבען כמעט דעם ערשטען שטיין אינ'ם פאַרוויסטען משכילישען „פוסטער“, לעגען דעם פונדאַמענט, מויערן די ווענט און בעפוצען דעם דאַך... פרץ האָט געמוזט ווערן דער אוניווערסאַלער שעפער. ס'מאַכט אַן אײַנדרוק, ווי ער טוט שטענדיג ניט די אַרבייט, וואָס ער דאַרף טאָן, און דערמאָנען דערמאָנט ער אַזוי שטאַרק אָנ'ם ריזיגען שמשונ'ען, וואָס איז צוגעשמידט צו דער זשאָרנע, וואָס ער דרעהט. ס'איז נאָך ערגער, ווײַל בײַ איהם זײַנען די אויגען ניט אויסגעשטאָכען. בעטריבט און ריזיג־בענקענדיג האַלטען זיי אין איין קוקען אויף די קורצע, פאַמעליכע טריט, וואָס ער איז תמיד געצוואונגען צו מאַכען.

* *

*

און רידיג איז געווען אָט דער שענער מענשען־לייב. ער האָט געהאַט אין זיך זודיג בלוט. קיינער קאָן ניט זאָגען, ווער איז אין איהם געווען שטאַרקער: דער קלוגער דעמאָן צי דער גאָט. פון גרויס גליק אין רײַכקײַט, וואָס טיף אין איהם, האָט ער געוויס אַמאָל אין מיטען דער נאַכט געקאָנט געווען אויפשפרינגען פון זײַן געלעגער און צופאַלען צו די ווײַסע בלעטלעך, וואָס בײַ איהם אויפ'ן שרײַב־טיש. נאָר ווער ווייס, וואָס ער האָט געטראַכט אין אַ צווייטער נאַכט, ווען איהם האָט דער שלאָף ניט גענומען? ווער קאָן זאָגען אויף קלאָר, אין וואָס זײַנען בעשטאַנען זײַנע ספקות, אויב ער אַליין האָט זיי אויסגעבעהאַלטען און האָט ווי מיט אַ כיון פאַרוואָרפען צו זיי דעם שליסעל... אין אונז זײַנען זיי דאָך אַזוי טײַער, די ספקות זײַנע, ווײַל קיינער קאָן דאָך ניט אָבלייקענען, אַז פרץ צוזאַמען מיט זײַנע ספיקות און האָפענונגען איז מעהר, ווי אַלעמענס געווען אונזעריגער — דער יודישער יוגענטס. זײַן „פאַרשפעטיגטע רויז“ האָט תמיד דערוועקט אין אונז ניט מעהר, ווי אַ גרינג סענטימענטאַל־געפיהל. אָבער גאָר אַנדערש, מאָדנע שטאַרק און טיף איז געווען דאָס געפיהל, וואָס אין אונז האָט אַרויסגערופען פרץ אַליין — די רויז, וואָס האָט אַרויסגעשפראָצט און אויפגעבליהט פאַר דער צײַט. דער קלוגער און ליבער פרץ־קאָפּ, אָט דער, וואָס איז שטענדיג שכור געוואָרען פון זײַנע אייגענע געדאַנקען, איז שטענדיג געווען אַרויסגעשטעקט העכער ווי אַלע קעפּ פון די, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהם געלעבט און געשאַפען. די קלוגע פרץ־אויגען האָבען דאַן פאַר אונז —

יונגע, שטענדיג געהאַט אַזאַ מין שמייכעל, וואָס איז געווען דער טײַטש:
— קוקט, זיי זײַנען אַלע אַלט, די, וואָס רינגלען מיך אַרום. אויפ'ן
עהרען־וואָרט: כ'בין ניט שולדיג, וואָס איך בין געבוירען מיט גאַנצע
יאָהר פריהער, ווי כ'האָב בעדאַרפט. 35

מיר אַליין איז איינמאָל אויסגעקומען צו זעהן איהם אין אַ שענעם
פריהלינגס אָוועגט, ווען מ'האָט איהם מיט גרויס כבוד אַרויסגעבעגלייט
פון אַ היפשער יודישער שטאָט, וואו ער האָט פריהער מיט אַ טאָג
געהאַט אַ לעזונג. צום וואָקזאַל זײַנען געקומען דורכאויס אַלטע יודען.—
גראָהע בערד האָבען איהם אַרומגערינגעלט אַרום טיש, וואו ער האָט זיי
מכבד געווען מיט טיי. און שען און פרצ'דיג־הונגעריג איז ער געווען
אין יענעם מאָמענט, ווען דערזעהענדיג אַ פריש־געקומענעם יונגען, האָט
ער זיך מיט אַמאָל אַ הייב געטאָן פון טיש און זיך געגעבען אַ לאָז צו
איהם מיט די ווערטער:

— קוקט ניט אויף מיר. ניט שטענדיג זעה איך אַזוי אויס...

* *

*

און מיט אָט דעם קלוגען אומצופרידענעם געזיכט דאַרפען מיר איהם
שוין תמיד זעהן. איהם — דעם גאון ניט פון זײַן צײַט, נאָר פון דער
צײַט, וואָס הויבט זיך אָקאָרשט אָן, פון דער, וואָס דאַרף קומען אָקאָרשט
איצט, נאָך זײַן טויט. זײַן האַרץ איז דער פאַרשאַרפטער שפּיץ פון דער
יוגענטס „זעקסטען חוש“, אָט פון דעם, וואָס דאַרף ערשט ענטוויקעלט
ווערען. נאָר טאָן מוז ער דאָס, וואָס אַלע אַרום, אויב נאָר ער וויל
ניט אַרומגעהן בטל... געפינט ער זיך אין ערגיץ קיין אָרט ניט, בלאָנזשעט
ער אַרום. מענשען, וואָס קומען איהם אַקעגען מײנען ניט אומזיסט, אַז ער
איז שיכור. ער האָט היים ברויזענדיג בלוט. אין זײַנע טיפע רויטליך־
הונגעריגע אויגען ברענט דער פראָמעטעאוס־פײַער. זײַן זשעסט איז אַ
קיניגליכער, אַ קורץ־אָבגעריסענער און אַן איבערצײַגענדיגער פאַר זיך אַליין.
ווײַל ער אַליין וויים, אַז זײַן געדאַנק געהערט דער צוקונפט און האָט
ניט אין אַרומיגען לעבען קיין לבוש. און וואָס נאַקעטער אָט דער גע־
דאַנק מוז בלײַבען, אַלץ שטאַרקער איז די פאַרצווייפלונג, אַלץ גרעסער
איז די אומצופרידענקײַט. מעגליך אַז איהם אַליין שרעקט שוין צײַטענווײַז
דאָס, וואָס ער איז צו קלוג, און דאַן טרייסט ער זיך מיט דעם, וואָס
ער האָט נאָך עד היום מעהר האַרץ אונטער זײַן ברוסט, ווי עמיצער אַן
אַנדערער — מח אונטער זײַן שאַרבען, און, אַז ער וויל... אַז ער וויל
קאָן ער אָנהויבען נאָך אַמאָל גאָר, גאָר פון אָנהויב...

און ער הויבט אָן אַלע מאָל נאָך אַמאָל, אין גאָר, גאָר פון אָנהויב.
אָט אַזוי שטעל איך מיר פאָר פרצ'ן פון תמיד אָן. אַזוי זעה איך 46

איהם לאַנג, לאַנג, נאָך איידער איך קען איהם. און פּלוצים ברענגט מען איהם אַראָב אויף אַ לעזונג אין דער שטאָט, וואו איך וואוין. די לעצטע דריי טעג פאַר זיין קומען זיינען מיינע געהייליגטע שלשת-ימי הגבלה. ביינאַכט איז מיין שלאָף מאָדנע גרינג, ווייל נאָהענט איז „ער” מיט זיין שכינה. דער זאַל, וואו ער דאַרף לעזען איז אויך עפּעס ווערט. ער שטעהט נאָך געשלאָסען, נאָר ס'איז כדאי זיך דורכגעהן און אַ קוק טון, ווי זעהט ער אויס — טיף אין זיך פיהלט דאָך אַ גאַנצע שטאָט, אַז ער איז אין איהר דער „עיקר”. און נאָכדעם איז פאַרנאַכט, און איך געה אַהין און דערזעה „איהם”. צווישען דעם יום-טוב'דיגען עולם, וואָס פילט אָן דאָס פּאָיע, געהט ער אַרום אין אַ שוואַרצען סורדוט מיט אַריינגענומענע הענט, און אַן אָנגעאַנגער שטעלט איהם אָב און שטעלט זיך פאַר:

— כ'האָב אייך ווינטער צוגעשיקט מיינע אַ זאַך.

— כ'געדענק נישט.

— איהר האָט מיר געענטפערט, אַז די זאַך טויג ניט.

— אויב כ'האָב אייך געענטפערט, איז אַ סימן, אַז כ'האָב עפּעס אין אייך געפונען.

און איך שטעה ביי דער זייט, און אויפ'ן זינען קומט מיר דאַן אַרויף אַזאַ מאָדנער געדאַנק.

— ער וואָלט בעדאַרפט זיין העכער אין וואוקס.

* *

*

אַן אַנדערש מאָל קומט מיר שוין אויס צו זעהן איהם אין האַרבסט, ביי איהם אין דערהיים, ווען ער מאַכט אַ נייע, ריזיג-שטאַרקע אָנשטרענגונג אויסצושעפּען זיין אַבסטראַקטען יודישען געדאַנק, זוכט ווידער זיין רעאַלען לבוש צווישען די פאַרשיידענע יודישע קלאַסען און געפינט ניט. ער זעהט אויס נערוועז אין קאַפּריזנע, בעת ער שפּאַנט אַרום ביי זיך אין קאַבינעט און רעדט קיינמאָל ניט דערפון. נאָר איינמאָל זאָגט ער מיר:

— אַזוי איז שוין אַלץ אין מיר פאַרטיג. זעהט, וויפיל ביכער כ'האָב צוליב דעם איבערגעלייענט.

און ווידער שפּאַנט ער נערוועז אַהין און צוריק און גיט-צו:

— אָך, ווען ס'קומט שוין גיכער דער ווינטער.

און איך שטעה ביי דער זייט, און אַלע מיינע פאַרלאַנגען גיסען זיך צוזאַמען: וואָס קאָן איהם העלפען דער ווינטער?

איך וויים, אַז דער רעאַלער טיפּ, וועלכען ער זוכט פאַר אַ כלי צו זיין אַבסטראַקטען געדאַנק און איבערלעבונגען, ליגט נאָך ביי אונז אין די וויקעלעך. איך ווייס אָבער נאָך איין זאַך:

די יודישע וועלט.

— היים בלוט, ווייס איך, ברויזט אים ווינטער פיל ווינציגער, ווי
אום זומער.

* *
*

און איצט, געעהרטע פריינד, איז זיך שווער פארצושטעלען, אַז
זיין היים בלוט ברויזט שוין מעהר ניט אין אונז — יונגע יודישע אינטע-
ליגענטען. ער אַליין איז דאך געבליבען דער אייגענער יודישער פּאָסט, וועל-
כען ער האָט אין זיינע ווערק ניט געגעבען. און אין דער געשטאַלט זעהען
מיר איהם, ווי ער דרעהט זיך אַרום צווישען אונז, קוקט אַריין אין אונזער
נשמה און קוקט, צי מיר זיינען שוין פאַרטיג איך צו זיין דער רעאַלער
לבוש צו זיין אַבסטראַקטען יודישען געדאַנק.

— דאָס לעבען ציהט, אַזוי זאָגען מיר און קאָנען מעהר ניט איינ-
זיצען אין שטוב.

בלאָנדזען, בלאָנדזען מיר איבער די איבערגעפּולטע גאַסען און
זוכען „איהם", דעם שטיק „איך", וואָס אונז פעהלט; די שענקייט, וואָס
קאָן ממלא זיין דעם פגם אין אונזער נשמה. און ווייסען ווייסען מיר דאָך,
אַז זיין וואַרעמער זילבער גיסט זיך דאָס אַזוי לייכט און ווייך צו אונז
אין האַרץ, וואָרום ער, פרץ, איז דער גאון פון אָט דער צייט, וואָס
קומט אָקאָרשט איצט נאָך זיין טויט — ער איז דער פאַרשאַרפטער
שפּיץ פון אונזערע מאָרגענדיגע געפיהלען.

בן=נתן.

י. ל. פּרץ'ס פילאָזאָפישע גרונד=געדאַנקען.

... „זיין זעלע האָט געשטרעבט צו דער לייזונג פון דעם לעבענס רעטעניש, פון דעם לעבענס=סוד; צום קערענדעל, וואָס ליגט אין דער בלישצענדער שאָלאכץ, צום גייסט, צו דער נשמה, וואָס ליגט אין די רעדער, צום ווילען — צום ווילען פון דער וועלט“.

(י. ל. פרץ „דער קינסטלער אין גלות“).

קונסט און פילאָזאָפיע, ווי אויך רעליגיע, שטאַמען פון איין מקור. אַלע דריי שלאָגען זיי זייערע וואָרצלען אין גייסט פון מענשען, וואָס שטרעבט אין זוכט אָהן אַן אויפהער צו בעגעמען, צו דערפיהלען און צו דערזעהן דעם תוך און דעם זין פון דער וועלט.

עס איז דעריבער קיין ספק ניט, אַז ווען מען זאָל זיך אָנטון אַ כח, וואָלט מען געפונען ריינע אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע און קאָנקרעטע רעליגיע אין איטליכען אמת'ן, פון גאָט געבענשטען קינסטלער. און ווען מען זאָל נאָך אַ ביסעל טיפער חוקר ודורש זיין, וועט מען בלי ספק אין יעדען קונסט=ווערק אַנטפּלעקען פילאָזאָפישע און רעליגיעזע שטריכען.

ניט ביי אַלע קינסטלער אָבער שפּילט דאָס פילאָזאָפישע טראַכטען איינע און דיזעלבע ראָלע; ניט אַלע קינסטלער זיינען גלייך פאַראינטערעסירט אין די אייביגע פּראָבלעמען פון וועלט און לעבען; ניט גלייך שטאַרק רייצט זיי אַלעמען דער וועלט=סוד; ניט גלייך טיף דריקט אויף זיי אַלעמען דער „וועלט שמאַרץ“. עס טרעפט זעהר אָפט, אַז אַ וועלט=רעטעניש און אַ וועלט=אָנשויאונג גנב'ען זיך נאָר אַריין אין אַ קונסט=ווערק אין געפינען פאַר זיך דאָרט אַ נעסט אָהן דעם בעוואוסטזיין, על כל פנים אָהן דעם קלאָרען אָדער רעפלעקטיווען בעוואוסטזיין פון דעם קינסטלער אַליין. דאָס איינזיינס האָט אויפגעכאַפּט אַ וועלט=געשעהעניש, נאָך איידער דער מוח האָט וועגען דעם געקלערט, און נאָך איידער דאָס האַרץ האָט עס דערפיהלט. און דעריבער פּאַסירט כמעט שטענדיג, אַז אַ קונסט=קריטיקער גראָבט אויס אין אַ קונסט=ווערק געדאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס דער קינסטלער גופא האָט וועגען זיי אַפילו ניט געחלומ'ט.

דאָך נישט צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע קינסטלער געהערט יצחק לייבוש פּרץ. פּרץ איז, אַזוי צו זאָגען, בכוונה אַ פילאָזאָפישער קינסטלער. דער געדאַנק, דער ברייטער בליק אויף דער וועלט, די לעבענס=רעטעניש — זיינען ביי איהם לכתחילה די וועגוויזער און די בעלי=בתים איבער זיין

קינסטלערישען פיגועל. קינדהווייז נאָך איז ביי איהם „דער טורעם געוועזען זיין פאַרלאַנג און זיין חלום. ער האָט געטראַכט וועגען איהם, זיצענדיג ביים ספר בייטאָג און ליגענדיג מיט אָפענע אויגען ביינאַכט“. („דריי מאָל געטרופען“). קינדהווייז נאָך איז ביי איהם „די נשמה געוואָרען אַן אידעע פיקס, און איז איהם נישט אַראָבגעגאַנגען קיין איין רגע פון די געדאַנקען“ („וואָס הייסט נשמה“).

מיר פאַרגעסען דאָך כמעט אינגאַנצען פרץ דעם קינסטלער, און מיר טראַכטען נאָר וועגען פרץ דעם פילאָזאָף, ווען מיר לייענען דעם „משוגענעם בטלן“. דער בטלן שרייט: „נו! ווער זשע בין איך, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!... איך האָב אַ באַק, איך האָב אַ האַנט און פוס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און אפשר אַ נשמה אויך — אַלץ האָב איך — נאָר וואָס בין איך אַליין?“ — צו אַזאַ געשריי איז שוין דער פילאָסאָף גיכער מסוגל, איידער דער קינסטלער. מיט ריין־דייטשער מעטאַפיזיק וועלט פונ'ם משוגענעם בטלן. און איז דען פרץ ווייניגער פילאָזאָף, למשל, אין זיין מעשהלע „עולם הבא“? דאָרט פרעגט ער: „וואָס מיינט איהר? עס ציטערט זיך אָן אַ ליכט, עס ברענט העלער אָדער טונקעלער — לויט דעם חלב, לענגער אָדער קירצער — לויט דער לענג און דיק — עס ברענט, צאַנקט און ווערט פאַרלאָשען מיט אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן ריח — און שוין! דאָס איז עס אינגאַנצען?“

און מיט אימפעט שרייט ער אויס ווי אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע: „איך וואָלט אַזאַ לעבען נישט בעשאַפען“! דער קל וחומר איז דאָ אַ גאַנץ קלאָרער: מה דאָך איך וואָלט ניט בעשאַפען אַ לעבען, וואָס זיין תמצית זאָל בעשטעהן נאָר אין עולם הזה, אפשטא שוין דער רבונו של עולם! און לכן איז עולם הבא אפשר טאַקע עפעס מעהר, איידער אַ גוטער וואונש און אַ זיסער חלום. דאָ האָבען מיר הייטער ריינע פילאָזאָפישע חקירה אינ'ם לבוש פון בעלעטריסטיק.

דער אינטעלעקט ביי פרץ'ן איז, ווי ש. ניגער דריקט זיך אויס, „דער צענטער, וואו די געהיימע קרעפטען בעגעגענען זיך און שלאָגען פונקען. פרץ איז דער פילאָסאָף־קינסטלער. אַזאַ קינסטלער הויפט פרץ אָן דיכטער. „אַ דיכטער, זאָגט ער, איז דער, וואָס זיין וועג איז דער טורעסטען־וועג, וואָס שלענגעלט זיך צווישען פעלזען און אָבגרונדען, און אויף דער הויך, וואו עס שפּילט זיך אָב די הויכע מענשליכע טראַגעדיע, וואו, צווישען שרעק, געפאַהר און שגעון, עס ווערען געוואויגען די גרעסטע מענשליכע פראָבלעמען: וואָס איז לעבען, וואָס איז טויט, ווער בין איך און וואוהין פוהרט מיין וועג?“ אויב דאָס איז אַזוי, דאַן איז פרץ ניט קיין קינסטלער, נאָר אַן עכטער דיכטער.

ביי דיכטער, און נאָר ביי אַזאַ דיכטער, וואַרפען זיך די פילאָסאָפישע שטריכען אין די אויגען אַריין און בעטען זיך רחמים, מען זאָל זיי צוניפּ־

קליַיבען, ווי שטראַלען אין אַ ברענפּונקט. אַזאַ ברענפּונקט וואָלט בעלו כמעט פּרצ'ס שאַפען בכלל און זיַינע מיסטישע און סימבאָלישע שאַפונגען בפרט. מיר וועלען פּרובען אויסגעפינען די הויפּט-יסודות פון פּרצ'ס פילאָסאָפישען וועלט בליק.

ראשית קומט דער אידעאַליזם. ער בעטראַכט די אידעע, אָדער דעם גיַיסט, און ניט די מאַטעריע פאַר דעם מקור פון דער וועלט. איהם מאַלט זיך די סבת כל הסבות אין דער געשטאַלט פון רוחניות און ניט פון גשמיות. אויפ'ן גוף קוקט פּרץ ווי אויף אַ דראָט, וואָס דורך איהם אַנטפלעקט זיך די גיַיסטיגע עלעקטריע, וואָס מען האָט איהר אַ נאָמען געגעבען נשמה.

און דאָרט, וואו פּרץ הויבט זיך אויף אויף די פליגלען פון זיַין כח הדמיון ביז דער מדרגה פון כלל רוחניות, וואו מען איז לחלוטין פריַי פון דעם גשמיות'דיגען און ממשות'דיגען — דאָרט הויבט ער אָן צו שוועבען אין דער אַטמאָספערע פון מיסטיציזם.

און עס איז די מיסטיק ביַי פּרצ'ן, וואָס האָט איהם צוגעצויגען צו דער קבלה. אַדאַנק זיַין מיסטישער שטימונג האָט פּרץ אין דער קבלה, פּונקט ווי אין דער חסידות, דערזעהן דורך דער גראָבער, מיאוס-אויסקוקענדיגער שאָלעכץ דאָס געשמאַקע זאַפטיגע קערנדעל. און אין דעם קערנדעל האָט ער דערבליקט עפּעס אַזעלכס, וואָס האָט אַן אייביגען ווערט און אַ שטענ-דיגען זין. ער האָט אויפגעדעקט דאָס, איבער וואָס די היסטאָריע האָט לגמרי קיין שליטה ניט.

און ווען פּרץ מאַכט פאַר אונז דעם מקובל ר' יעקעל רעדען צו זיַין תלמיד למך, וויַיזט זיך אונז אויס, אַז דאָס זיַינען נאָר די רייד, וואָס די נייַע פילאָסאָפען און קינסטלער, ווי למשל טאָלסטאָי, בערגסאָן, אויקען, מעטערלינק, רעדען צו די מענשען פון דעם נייַעם דור, צו די קינדער פון'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

— „דער אמת'ער ניגון — זאָגט ר' יעקעל צו זיַין תלמיד — זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול, עס זינגט זיך אינעווייניג אין האַרץ, אין די געדערים“. על פּי ר' יעקלען קומט אויס, אַז דער קול און די ליפּען זיַינען די גשמיות, וואָס דערין נויטיגט זיך שטאַרק דער פּשוט'ער בשר ודם, מחמת ער, דער איינפאַכער מענש, קאָן אַנדערש ווי דורך דער גשמיות דעם ניגון ניט הערען. דער אויסגעאיידעלטער מענש אָבער, דער מענש מיט אַ זעהר פייַנער נשמה, קאָן הערען אָדער שפּירען דעם ניגון, בעת ער איז נאָך ניט אין די נעצען פון דער גראָבער מאַטעריע („די מקובלים“). און דאָס איז דאָך בעצם, וואָס די איבערגעדערמאָנטע, גאַנץ מוסטיש-געשטימטע, פילאָסאָפען און קינסטלער דענקען. זיי מענ'ען, אַז דער וועלט-תמצית, — דער אמת'ער ניגון הייסט עס, — איז דורכאויס אַ רוחניות'דיגער, און אַז דורך אַ שטאַרקער גיַיסטיגער אָנשטרענגונג קאָן דער מענש דערשפּי-

רען די רייִנע רוחניות און דערפיהלען אַ מין התדבקות מיט איהר. דאָס איז אויך פּרצ׳ס טענה. ער וויל, אַז די מענשען זאָלען אָנהויבען צו קלערן, אַז היגטער אַלעם דעם, וואָס ווערט געמאָסטען און געוואויגען, שטעהט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט ניט קיין מאָס און ניט קיין וואָג. („די נייַע בעוועגונג“, ר׳ פּעליעטאָן).

דורך שמעיה דעם בטלן הערען מיר פּרצ׳ן זאָגענדיג צו אונז: „די נשמה איז דער תוך פון דער זאַך... דעם תוך אָבער זעהט מען ניט מיט בלויזע אויגען... דערצו דאַרף מען געוויסע ברילען... עס זיינען פאַראַן אַזוינע ברילען, דורך וועלכע מען זעהט נשמות...“ („דריי מאָל געהופּען“).

פּרץ, דער מעטאַפיזישער אידעאַליסט, קאָן, נאַטירליך, ניט סובל זיין דעם מאַטעריאַליזם מיט זיין פאַלען כורע׳ם פאַר דער וויסענשאַפט, וואָס פון איהר וואַרט מען, אַז זי זאָל אַלץ קלאָר מאַכען, אַז זי זאָל אַריינבריינגען ליכט אין אַלע פינסטערע קעמערלעך פון דעם אוניווערסום. פּרץ בעשטעהט אויף דעם, אַז „דאָס ליכט פּילט נישט אים דעם רוים, דער טאָג — די צייַט, דאָס וויסען — דאָס לעבען“. דעם באַנקראָט פון אַלע הבטחות און האָפענונגען פון דעם מאַטעריאַליזם און פון אַלע פּרעטענז עס פון דער וויסענשאַפט מאָלט פּרץ אין זיין דראַמע „די גאָלדענע קייט“.

לאה, דער סימבאָל פון דער השכלה, וועלכע איז פאַרבלענדט געוואָרען פון דער ליכט און דעם גלאַנץ פונ׳ם מאַטעריאַליזם, פאַרליבט זיך אין דר. בערגמאַן, וואָס אין איהם איז פאַרקערפּערט די וויסענשאַפט מיט אַלע איהרע וואונדער.

„וועגען בערגמאַנען זאָגט מען:

אַ כישוף־מאַכער איז ער,
לעגט קוילען האַלבע צוזאַמען,
נישט איבערצורייַסען!
זומער, אין שטוב מאַכט ער שניי!
און אַ סיני וויל ער מאַכען,
מיט דונערן און בליצען...“

פון לאה׳ס חתונה אָבער מיט בערגמאַנען ווערט געבאָרען אַ בלינד קינד, אַ קינד, וואָס

„עס קוקט
מיט די גרויסע, גרויסע אויגען,
אָבער זעהן, זעהט עס נישט“.

פּרץ קומט דאָ אונז צו לאָזען הערען, אַז גרויס זיינען די אויגען פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט. מיט דעם קוק פון די האָזיגע אויגען האָט די וויסענשאַפט אַרומגעכאַפּט די וועלט פון אַלע זייַטען. אין הער טיף

אָבער, דאָרט, וואו עס ליגט דער סוד פֿון דער וועלט און פֿון לעבן, איז איהר, דער וויסענשאַפֿט, ניט געלונגען אַריינצודרינגען, דאָרט האָט זי ניט בעוויזען קיין זאַך צו דערזעהן. און פּרץ דענקט, אַז קיינמאָל וועט זיך דער וויסענשאַפֿט ניט איינגעבען צו דערזעהן דעם אמת'ן תוך אין דעם ווירקליכען מהות פֿון דער וועלט. דורך וויסענשאַפֿטליכע, מאַטעריאַליסטישע ברילען קאָן מען ניט דערזעהן דעם וועלט־תמצית, וועלכער איז אַ התגיות'דיגער: „אַנדערע ברילען זיינען פֿאַראַן, וואָס דורך זיי זעהט מען נשמות...“

די וויסענשאַפֿט וויס נאָר פֿון געזעץ און פֿון נאַטור, אָבער
„געזעץ איז קייט,
נאַטור איז אַ שטריק אויפ'ן האַלז,
ווערגט, שטיקט, לאָזט ניט עטעמען דער שטריק“.

דעם מענשענס גייסט פֿיהלט אָבער, להיפּוך צו דער וויסענשאַפֿט, אַז מיט דער נאַטור און מיט דער מאַטעריע הויבט זיך די וועלט ניט אָן און לאָזט זיך מיט איהר בשום אופן ניט אויס. דעם מענשענס נשמה לעבט נאָך אַ וועלט־נשמה. זיין האַרץ ציהט און זאָגט אָן אַ וועלט־האַרץ, און פּרץ קלערט, אַז אַזאַ לעבען און ציהען איז אַ גאַראַנטיע פֿאַר דעם, אַז

„עס קאָן ניט זיין קיין הפקר וועלט.
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער —
וואָס פֿיהרט די וועלט,
מוז זיין אַן אויג, וואָס קוקט אויף איהר.
אין אונז, אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבען אויך אַ האַרץ,
אַ בּאַרמהאַרציג האַרץ“.

אין די לעצטע ווערטער פֿון דער צוריקגעקומענער לאה האָבען מיר שוין אַ רמז אויף דעם צווייטען גרונדגעדאַנק פֿון פּרצ'ס פֿילאָזאָפֿישער אָנשויאונג. דאָס איז זיין אַנטי־ראַציאָנאַליזם. דאָס בעדייט פֿאָלגענדעס: פּרץ גלויבט, אַז דער פּרינציפּ פֿון דער וועלט ווערט ניט אויסגעשעפּט בלויז מיט דעם שכל, אָדער לאָגיק. די וועלט־אידעע איז לויט פּרצ'ן אַ צונויפֿשמעלצונג פֿון שכל און ווילען, פֿון אינטעלעקט און געפֿיהל, פֿון מוח און האַרץ. און פֿון די ביידע עלעמענטען שטעלט פּרץ דעם טראָפּ שטענדיג אויף דעם צווייטען עלעמענט: ווילען, געפֿיהל, האַרץ רעדען מעהר צו פּרצ'ן, איידער שכל, אינטעלעקט און מוח.

אמת טאַקע, אַז דער שכל, די „ראַציאָ“, מאַכען זאַכען קלאָר, אָבער—
„קלאָר איז שניי,
און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט,

די יודישע וועלט.

וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אײַזען האַרט,
ווי שטאָל“. —

פּרצ'ס האַרץ בלוטיגט אויף דעם, וואָס אונזערע האָפענונגען, וואונשען און פאַרלאַנגען, וועלכע ציהען זייער יניקה פון האַרץ, ווערען געאָפּפערט אויף דעם מזבח פון דער אומבּרחמנותדיגער קאַלטער, פאַרגליווערטער „ראַציאָ“. דער דאָזיגער והאַרץ-ווערהטאָג פון פּרצ'ן געפינט זײַן אויסדרוק אין די ווערטער פון יונתן:

— „און די טויבען (אַ שענער סימבאָל פאַר אַלץ, וואָס קאָן בעצייכענט ווערען מיט די ווערטער „האַרציגקײַט און סענטימענטאַליטעט“)
די וואָס פליהען איפּ'ן מעסער אָן
פאַלען...
געשאָכטען פאַלען זיי.
בלוט אויפ'ן מירמעלשטיין,
הייס בלוט.
און אין בלוט פאַרגעהען זיי,
און פאַרגעהענדיג, ברומען זיי:
גלויב... גלויב... גלויב!“

קיין חדוש ניט, וואָס בײַ פּרצ'ן, וועלכער זעהט דעם שטיין-פּונקט פון דער וועלט דערהויפּט אין נשמה-טיל פונ'ם גײַסט, האָט דער חסידיזם אַזוי שטאַרק נושא חן געווען. דער חסידיזם אין דער יודישער רעליגיע לויפט פאַראַלעל צו דער ראַדיקאַלער און מיסטישער פאָרם, וועלכע דער עמפּיריזם האָט אָנגענומען אין דער נײַערער פילאָסאָפיע. בולט'ער, איידער אומעטום, טרעט אַרויס פּרצ'ס סימפּאַטיע צום חסידיזם אין דער ערצעהלונג „צווישען צוויי בערג“. מיר פיהלען, ווי פּרץ אַנטלויפט, אין איינעם מיט דעם ביאַלער רבי'ן, דעם חסיד, פון דעם גן עדן התחתון, אין וועלכען דער בריסקער רב, דער מתנגד, פיהלט זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. אין גן עדן התחתון איז ליכטיג. עס שלאָגט אָבער אַ קאַלטער פּחד פון די ווענט. דאָס איז די קאַלטקײַט און דער שרעק, וואָס די אַבסטראַקציע און די שטרענגקײַט פון דער לאָגיק און פון דעם שכל וואַרפען אַרויף אויף אַ מענשען, בײַ וועמען דער וועג פון „האַרץ“ איז אַזוי ווילטיג, אויב ניט ווילטיגער, איידער „דער וועג פון שכל“. מחמת „שני דרכים — צוויי וועגען פיהרען צו זײַן ליבען נאָמען, וואָס איז די נשמה פון דער וועלט און דער תוך פון דער וועלט. און אַשרי — וואויל איז טאַקע דעם מענש, וואָס געהט אויף ביידע דרכים, וואָס עבענט דעם הימעל מיט ביידע שליכלען, וואָרום ער איז זוכה: אי צו דער גרויסער השגה, אי צו דער גרויסער ליבשאַפט“. („שטומע נשמות“.)

די הויפּט־ראָלע אָבער שפּילט די ליבשאַפט.

— „הייליג איז די ליבע.
ליבע... איז דער סגה.
ליבע האָט די וועלט בעשאַפען.
גאָט איז די ליבע״ — (אין פּאָליש איף דער קייט.)

דער דריטער עיקר־געדאַנק פון פּרצ׳ס וועלט־אָנשויאונג איז זיין גלויבען אין דער מאַכט און אין דער פרייהייט פון דעם מענשליכען ווילען. און דער פרייער ווילען איז אויך אַ בעדייטענדער עלעמענט אין דעם חסידיזם.

— „מען דאַרף נאָר ווילען — זאָגט פּרץ אין „צייט־וואָגען״ — דער ווילען מאַכט אַלצדינג״.

זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געדאַנק וועגען פרייען ווילען ביי פּרצ׳ן, איז דאָס, וואָס ער דערצעהלט וועגען זיך אַליין אין דער ערצעהלונג „וואָס הייסט נשמה״. דאָרט לייענען מיר: ...„האָט ר׳ יוזל אַוועקגעלעגט דאָס ריטעל און געזאָגט: גענוג! מעהר וועסטו שוין קיין וואַקס ניט קנעטען!

„איך האָב פונדעסטוועגען ווייטער געקנאָטען.

„איך האָב געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגען דערפון, אַז איך האָב געמאַכט פונ׳ם וואַקס, וואָס איך וויל; איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב איבער עפּעס צו שאַפען״.

און אין אַ סך פון זיינע ערצעהלונגען מאַכט איך פּרץ צו פיהלען, אַז ווען דער מענש זאָל נאָר באמת „ווילען״, „וואָלט ער, ווי דער רבונו של עולם כביכול, זיך מיט דער וועלט שאַפונג געקאָנט מתעסק זיין״.

זיין שטאַרקען גלויבען אין דער בחירה חפשית און אין דער גבורה פון דעם מענשליכען רצון האָט פּרץ פאַרקערפּערט אין דעם העלד פון דער „גאָלדענער קייט״, רבי שלמה. עס אָטעמט מיט ווילענס פרייהייט פון די ווערטער:

— „גיין...
שלמה מאַכט —
קיין הבדלה ניש!״...

„שלמה מאַכט קיין הבדלה ני ש!״, מחמת ער גלויבט, אַז דער מענש איז אַ חלק אלוה ממעל, און דעריבער קאָן ער מיט זיין עקשנות־קייט העלפען גאָט איסצולייזען אַ וועלט, וואָס זינקט אין מרה שחורה:

„שבת זאָל זיין — שבת
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!״

דאָס זיינען די צוואַנגען פונ׳ם שטאַרקען גלויבען, אַז דער מענש קאָן קומען צו אַ השגה, ווען „ער קריגט אַליין איך שוין אַ שטיקעל דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט און ווערט כביכול אַ שטיקעל שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי בראשית״ („שטומע נשמות״.)

די יודישע וועלט.

ווער עס איז מסופק, צי רבי שלמה איז אן אָבשפּיגעלונג פון פּרץ אַליין, דער זאָל זיך אַריינטראַכטען אין די פאָלגענדע ווערטער פון פּרצ׳ן, וועלכע ער שרייבט אין זיינע זכרונות*. — „פאַר יעדען וואַל פון לעבען פאַרמאָג איך אַ גרויסע דאָזע מיסטישע רעזיגנאַציאָן און פילאָסאָפישע שטאַנדהאַפטיגקייט. צוברעכען לאָז איך מיך נישט. מיין אינערליכקייט היט איך אָב פאַר יעדער מינדסטער אַריינמישונג. עס רעגענט מיט אַל דאָס ביז אינערליך ווער איך נישט נאַס...“

פּנחס, שלמה׳ס זוהן, פאַרמאָגט אויך אַ שטאַרקען ווילען. אויך ער, ווען דער פאָטער רבי שלמה האַלט ביים שטאַרבען, שרייט ענטשלאָסען אוים: „קיין דאָקטאָר!“ זיין שטאַרקייט נעמט זיך אָבער דערפון, וואָס ער גלויבט, אַז דעם מענשענס ווילען איז נישט פריי. דער מענש איז נישט פריי אין זיינע מעשים, ווייל אַליץ אין דער וועלט איז אָנגעשטעקט פון דעם מתנגדישען גייסט, פון דעם גייסט, וואָס שטעלט דין העכער פאַר אַליץ. דאָס איז די רעליגיעזע שטימונג, וואָס האָט איהר כנגד אין דעם דעטערמיניזם.

פּרץ איז אַזוי וויים פון דעם דעטערמיניזם, ווי פון דעם מאַטעריאַליזם. פּרץ גלויבט הורכאוים, אַז די וועלט ווערט געשאַפען און נישט, אַז זי איז איין מאָל בעשאַפען געוואָרען. מעשי בראשית איז ביי איהם אַן אומאויפהערליכער פּראָצעס, און אין דעם פּראָצעס נעמט דער מענש בכלל און דער גרויסער מענש, דער „העלד“ בפרט, אַ גאַנץ גרויסען אָנטייל.

דער גרויסער מענש העלפט דעם רבונו של עולם פיהרען די וועלט.

„עס זיינען פאַראַן נשמות פון גאונים, וואָס געהען דער וועלט פאָראוים, וואָס פיהרען די וועלט, וואָס שלעפען זי, די פוילע וועלט, אַליץ ווייטער און ווייטער...“

פּרץ אַליין איז זיכער איינע פון די דאָזיגע נשמות. אין זיין פילאָסאָפישער קונסט קעמפט ער פאַר דעם אידעאַליזם; אין דעם אידעאַליזם פאַרטיידיגט ער דעם מיסטישען עמפּיריזם און שטעלט זיך אַיין שטאָל און אייזען פאַר דעם וועלט־ווילען בכלל און פאַר דער פרייהייט פונ׳ם מענשליכען ווילען בפרט.

* „יודישע וועלט“ נומ׳ 7, 1913.

צבי הירשקאַן.

י. ל. פּרץ.

(פון אן ארבייט איבער פרצ'ן).

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

... ווי כאַראַקטעריסטיש דאָס איז פֿאַר פּרצ'ן: פּונקט ווי שאָפּענס לעגענדאַרישער אַקאָרד, צאַפּעלט זיך זײַן לעצטער חשבון־הנפש, זוכענדיג, פּײַנליך פֿאַר זיך די ריכטיגסטע פֿאָרם און געשטאַלט. — און ער, פּרץ, זעצט זיך אַוועק בעת־מעשׂה פֿאַר קינדער לידלעך זינגען. אויב עס וואָלט אַנדערש פּאַסירט, וואָלט, דאַכט זיך, דאָס בילד ניט געווען פֿולקום. עס וואָלט געפֿעהלט אַ שטריך, און אפשר דער בולטסטער. אין אָט דעם פֿאַקט, וואָס וועט, ווי אַ וואונדער־שענע לעגענדע, דערצעהלט ווערן מדור־לדור, האָט זיך, דאַכט מיר, אַנטפּלעקט פֿאַר אונז דער נאַטירליכער, דער אמת'ער פּרץ, וועלכען ער האָט אַזוי ליב געהאַט בסוד סודות צו האַלטען, דהגם ער איז תמיד גרייט געווען בײַ יעדער געלעגענהייט דעם ערשטען בעסטען די שליסלען פֿון זײַן „אײַזערנעם שראַנק" איבערצוגעבען: אין דעם ווײַטיגסטען מאָמענט פֿון זײַן לעבען האָט זיך פּרץ פֿאַר אונז אין אַ טאַטע־געשטאַלט באַוויזען. און דאָס איז ניט קיין צופֿעליגער פֿאַקט, דאָס איז אַ שטיק פּרץ: דעם „טאַטען" באַגעגענען מיר אין די בעסטע קינסטלערישע שאַפֿונגען זײַנע, פּונקט ווי אין די שענסטע און טיפֿסטע מאָמענטען פֿון זײַן לעבען. אמת, ניט תמיד איז דער טאַטע צוגעלאָזט צו זיך. גאַנץ אָפֿט איז ער קאַפּריזנע, בייז. ניט צו אַלע קינדער פֿאַרהאַלט ער זיך גלײַך, אָבער פֿאַר אַלעמען איז ער אַ טאַטע, וואָס, זיצענדיג אויף דעם פֿאָטער־שטול, באַשײַנט ער עפּעס די משפּחה, מונטערט אויף, כאָטש מיט דעם אַליין, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט... און מיר דאַכט, אַז גאָר ווי צו אַ טאַטען מוז מען צוגעהן צו פּרצ'ן, אויב מען וויל איהם פֿאַרשטעהן. כ'ווייס ניש, ווען האָט זיך פּרץ געשפּירט מעהר באַפֿרידיגט: דעמאָלט, בעת ער איז אַליין געזעסען מיט דער פֿעדער אין דער האַנט, צי דעמאָלט, בעת ער איז געזעסען אַרומגערינגעלט מיט קינדער — תלמידים און געקוקט, ווי ער פֿלעגט זיך אויסדריקען — ווי „נעבען זײַן טיש שמידט זיך די יודישע ליטעראַטור". פּרץ האָט תמיד גע־זוכט, וועמען ער זאָל קאָנען סמיכה געבען, אויף וועמענס קאָפּ ער זאָל קאָנען פֿאָטערליך די הענט אַרויפֿלעגען. ער אַליין האָט זיך *גענויטיגט* אין דעם, פּונקט ווי ער האָט זיך גענויטיגט, פֿאַר וועמען עס איז צו זאָרגען, וועמען עס איז צו העלפֿען. פּרץ פֿלעגט אַליין בלײַבען עפּעס ווי אומבעהאָלפֿען, אויב ער פֿלעגט זיך טרעפֿען מיט וועמען עס איז, וואָס האָט זיך אין זײַן הילף ניט גענויטיגט... איינער פֿון די שטאַרקסטע אינסטינקטען בײַ פּרצ'ן איז אפֿשר געווען דער *פֿאָטערליכער* אינסטינקט.

יאָ, פּרץ קריכט אָפּט אויף טורעמס, קלעטערט אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג. רײַסט זיך צו, שלאָגען זיך מיט הילות, כּדי די משיח׳ס צײַטען צו דערנעהענטערן. איהם ציהט צו דער טריבונע, צו דער הוישענדיגער גאַס און צו דעם פאָלקעפיגען עולם. קורצזיכטיגע מענשען האָבען אין די שאָטענס פון בערג די בערג דערזעהן. פּרץ׳ס שטרעבונגען אָנגענומען פאַר מכשפות׳דיגע פאַקטען. וועגען פּרץ׳ן רעדט מען ווי וועגען אַן איש־מלחמה. די בייזע שטעכיגע וואָנצעס האָט מען דערזעהן, און די ווייכע פּרץ־אויגען פאַרזעהן. אפשר איז אין אָט דעם טעות שולדיג אויך זײַן אוי־סערליכער פּויליש־פּריצישער אויסזעהן. בכלל איז פּרץ׳ס פיגור עפּעס אַן אָבגאַרענדיגע: עטוואָס נידעריגער פון מיטעלן וואוקס, און אָפּט, דאַכט זיך — אַ ריז. דאָס אַלץ אָבער איז ניט פּרץ. פּרץ איז אייגענטליך אַ שוואַכער, נאָכגיביגער מענש, און דעריבער אפשר שטרײַכט ער אָפּט אונטער אַזוי זײַן שטאַרקײַט ווי בכיון. „אַ פרויען־נאַטור“, ווי ער האָט זיך אַמאָל אַליין פאַר מיר איסגעדריקט.

איך געדענק מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט עס פּאַסירט: צוזאַמען מיט פּרץ׳ן בין איך געגאַנגען פון אַ זאַל, וואו ער האָט אָקאָרשט גע־געהאַלטען איינעם פון זײַנע גלענצענדסטע פאָרטראָגען פאַר אַ גרויסען עולם. ווי דער שטייגער, שפּאַנט ער שנעל פאָראויס. פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָב, לעגט אַהיף זײַן האַנט אויף מײַן אַקסעל און זאָגט צו מיר עפּעס אַזוי גוט־מוטיג שמייכלענדיג:

— פּלאי־פּלאים, אַ?... אַ פּחי זאָל אַזוי בעהערשען דאָס פּובליקום מיט איהר רעדנער־קראַפט...

פאַרוואונדערט האָב איך איהם אָנגעקוקט: וועגען וועמען רעדט ער עס אַזוי?...

— איהר פאַרשטעהט ניט?... — זאָגט ער ווײַטער, שמייכלענדיג ווי פריהער... — וועגען זיך אַליין רעד איך עס... בטבע בין איך אַ ווייכער מענש מיט אַ פרויען־נשמה... אָט האָט איהר אַיך, אַגב, מײַן שליסעל... — ווייסט איהר, פאַרוואָס איך טרעט אַזוי גערן אַרויס פאַר אַן עולם?... איך בין זעהר אַן איינזאַמער מענש און, ווי אַ פרוי, קאָן איך קיין איינזאַמקײַט ניט פאַרטראָגען.... זוך איך מיטלען, ווי אַזוי פון מײַן שווערער איינזאַמקײַט צו אַנטלויפען... און אָט אַזוי פּאַסירט עס, אַז איך פאַל אַרײַן אין אַ פיל־האַרמאָניע, און שפּאַר זיך צו צו אַ שטענדער...

———————

פּרץ איז גאַנץ אָפּט געוועזן האַרט צו מענשען, נאָר די האַרטקײַט זײַנע — און דאָס איז ניט קיין פּאַראַדאָקס — נעמט זיך בעצם פון זײַן עסטעטיזם און איידעלקײַט. פּונקט ווי פּרץ ווערט גאַנץ אָפּט רויט און פאַר־שעמט ווי אַ קינד, טרעפענדיג זיך מיט אַ קליין־שטעטעלדיגען בחור׳ל, אָט אַזוי קאָן פּרץ פּשוט „אָבריהען“ אַפילו דעם, צו וועמען ער פאַרהאַלט

זיך בעצם מיט אַכטונג. עס איז איהם עפּעס שווער צו געפינען די ריכטיגע מאָס אין זיין בענעהן זיך מיט מענשען, און דעריבער טרעפט ניט זעלטען, אַז ער פאַרלירט זי אינגאַנצען. און דאָך איז פּרץ פון די ליבענסווירדיגסטע מענשען, וואָס מען קאָן נאָר בעגעגענען. פּרץ האָט אין זיך שטריכען פון יענעם גרויסען דור, בעת דער אידעאַל פון „וגר זאב עם כבש“ איז געוואָרען אַ טייל פון דער פּראַקטישער עטיק.

און אין דערזעלביגער צייט איז פּרץ אַן האַרטנאַקיגער „פּרוש“, וואָס גיט אייך צו פיהלען אויף יעדען טראָט זיין שטאָלצע, און אַן אַנדערש מאָל אויך גאוה׳דיגע, תלמיד־חכמ׳דיגקייט. מערקווירדיג, ווי נאָהענט פּרץ איז אין דעם פּרט צו היינען. און ניט נאָר אין דעם פּרט אַליין. ווי היינע איז פּרץ בכלל מעהר שריפטשטעלער, ויז קינסטלער. ווי היינע, יאָגט ער זיך גאַנץ אָפט מיט אַלע כחות נאָך טיפקייט... פּרץ איז תמיד שען, אויס־געפּוצט. אַ טעות אָבער צו מיינען, אַז פּרץ איז שטענדיג טיף. טיפקייט איז בכלל אַ „היסח־הדעת“־זאַך, אַ „גאָטס־בענשונג“, אָבער ניט קיין בכיונ׳־דיגע אָנשטרענגונג. טיפקייט איז קודם־כל פּשטות: די נביאים, עוואַנגעליע, טאָלסטאָי. פּרץ אָבער איז ניט פּשוט — נאָך מיט אַ הכרעה. פּונקט ווי פון זיין איינזאַמקייט, לויפט ער מיט אַ אימפּעט פון פּשטות. פּרץ איז איינמאָל געווען שטאַרק צופרידען פון דעם, וואָס ער האָט „געשאַפען אַ ווערק, וואָס קיין מענש וועט ניט פאַרשטעהן“. אויך ווי היינע, האָט פּרץ שוין צו פיל הנאה פון די אייגענע שענע געדאַנקען. עס פּאַסירט אַפילו, אַז דאָס געפליגעלטע וואָרט בלאָנזשעט נעבּיך אַרום פּאַריתומ׳ט, זולענדיג דעם פּאַסיגען געדאַנק. דאָס געפליגעלטע וואָרט איז אָבער, פּונקט ווי דער אַפאָריסטישער שטייגער דענקען, בעצם אַ פאַרדעכטיגע זאַך: צום מיינסט אַ בעזילבערט בלעך. און דער אמת מוז געזאָגט ווערען: עס טרעפט, אַז אָט דאָ ווערט פּרץ געשטרויכעלט. פּרץ, דער אייביג וואַכעדיגער און זעהענדיגער, פון וועלכען עס איז ניטאָ אַפילו פּאַר פרעמדע קיין בעהעלטעניש, —פיהלט עס אַליין אויך: עס שטעקט עפּעס אַ שטיק וידוי אין די ווערטער פון שמעיה, דעם בטלן צו איהם, בעת ער זאָגט אַזוי אָפענהאַרציג:

— וואָס ביסטו אַזוי גרויס ביי זיך? דו זעהסט מעהרער, אָבער צי זעהסטו בעסער? זעהסטו טיפער? און איפ׳ן שפּיץ טורעם, צום הימעל נאָהענט, צו די שטערן וועסטו בעסער אָדער טיפער זעהן?!... אייביג וועט זיך דיין בליק גליטשען איבער די זאַכען, פון אויבען גליטשען, ניט אַריינדרינגען אין דער זאַך אַליין, אין עצם זאַך! אין דער נשמה פון איהר...

ווי כאַראַקטעריסטיש אָט דער „וידוי“ אין פּאַר פּרצ׳ן. ער ווייס זעהר גוט די אייגענע חסרונות. ער פאַרשטעהט אויך און פיהלט, אַז זיי זיינען חסרונות. פּרץ איז ניט פון די, וואָס שאַפען זיך פון „נויט אַ טוגענד“ —

און דאָך אַפילו קיין פּיצעל אָנשטרענגונג ניט צו בּעפרײַען זיך פון אָט די חסרונות. „די פּאַרצופין" — און בּיידע דאַרפען לעבּען, בּיידע האָבּען דאָס רעכט, ווי אַלטע תושבים, צו וואוינען אין שכנות.

איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען קונסט אָהן בּילדער. עס איז אָבּער אָהן שום ספק: ווערטער אָהן בּילדער שטעהען אַלע מאָל אויסער דער קונסט... «Смерть Ивана Ильича» פון ליעוו טאָלסטאָי גייט מיך, טרײַבּט מיך ממש מיט בּײַטשען צו דענקען וועגען טויט און תחית-המתים, וועגען דער וועלט און יענער וועלט, וועגען גוטע מעשים און זינד. זאָל זײַן גאָר פּשוט: איך זינדיג. און אייבּיג, אין אַלע צײַטען און דורות וועל איך זיך וואַלגערן אַ בּעשמוצטער. וואָס, פּחדנות?.. נו, אַז פּחדנות איז וואָס?... אַודאי טאָר די וועלט ניט זײַן קיין הפקר-זאַך. מיר דאַרפען ניט קיין חורבות מיט צעבּראָכענע פּאַרקאַנס. עס איז דאָ אַ השגחה פּרטית. האָבּ זיך דיר פאַר דײַנע גוטע מעשים — גן-עדן, פאַר דײַנע זינד — גיהנום; זאָל עס פּאַרשטעהן יעדערער, ווי זײַן האַרץ גלוסט, און ווי זײַן שכל איז משיג. קיינער אָבּער טאָר ניט קוקען אויף דער וועלט מיט בּטול-ניהיליסטישע אויגען, ווי אויף אַ חוזק, אָדער ווי שײַקע פּײַפּער אויף אַ נגידישע חתונה. אפשר דענקט גאָר טאָלסטאָי ניט אַזוי. פאַר אונז אָבּער איז עס אָט דאָ ניט וויכטיג. פאַר אונז איז דאָ וויכטיג גאָר אַן אַנדער זאַך. טאָלסטאָי דערצעהלט וועגען טויט, ווי איוואַן איליאיטש שטאַרבּט אָבּ, — אין אַ האַלבּ וואָרט ניט וועגען דעם מלאך-המות, אָדער בּעסער געזאָגט — ער רעדט זיך גאָר וועגען שטאַרבּען, און מיר שפּיגען אין וועבּען שוין ווײַטער די פאָדעם, וואָס ציהט זיך פון דאַנען צו דער „נײַער וועלט", וואוהין דער „קרוץ מחומר" מוז זיך סוף-כל-סוף אַריבּערפּעקלען.

אָט דאָס איז דאָך אייגענטליך איך פּרצ'ס טעמע, אָבּער ניט וועגען אַ בּ-שטאַרבּען דערצעהלט פּרץ, נאָר וועגען דעם אויסזעהן, וועגען דעם פּרצוף פון מלאך-המות. דער מלאך-המות שפּאַצירט זיך אים בּײַ פּרצ'ן גאַנץ „אינטערעסאַנט" געקליידט. ווי רוהיג און קאַלט ער בּעשרײַבּט איהם, אָט דעם גזלן. די ווערטער געטאָקט אין געפײַלט. יעדעס פּינטעלע — אַ פּערל. און איך בּלײַבּ אויך דערבּײַ קאַלט און רוהיג. עס ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז דער „מלאך-דומה" איז בּעצם אַ גאַנץ וואוילער בּחור, וואָס לאָזט זיך צוניפאַרעדען, און פון אַ קלוגעריש ווערטעל, פון אַ המצאה'דיג שפּיצעל פאַלט ער אַרײַן אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער ווערט ממש ווייך, ווי וואַקס, אַ „יודישער גזלן". און דאָ איז ווידער פּרצ'ס טעות אין זיך: איהם דאַכט זיך, אַז ער פאַרהאַלט זיך צו דער פראַגע מיסטיש, און דער צײַט, וואָס ער בּעהאַנדעלט זי גאָר ראָמאַנטיש. און דאָס איך אויפ'ן וואונק. די אמת'ע קונסט אָבּער ווינקט ניט. טויב-שטומע ווינקען. די אמת'ע קונסט בּעזײַטיגט אַלע רמזים, און ליכטיג ווערט מיט איהר אַרײַנקומען דאָרטען, וואו עס האָט

אָקאָרשט אַ שטאָק־פֿינסטערניש געהערשט. און בעת פרץ ווינקט ניט, בעת ער זיצט זיך רוהיג און דערצעהלט מעשׂיות פֿון פֿאָלק, דערגרייכט ער באמת די גרעסטע מדרגה פֿון גדלות. איך קאָן זיך פֿאָרשטעלען: עס וועט אַזאַ צייט קומען, בעת ניט נאָר דער איינגע׳תּענית׳טער אַסקעט גופא, נאָר אַפילו די אַבסטראַקטע אידעע פֿון אַסקעטיזם און סיגופֿים וועט ווערען אַן אומפֿאַרשטענדליכע זאַך פֿאַר דער מענשהייט, — און דאָך, אַפילו אָט דעמאָלט וועלען פרצ׳ס „מקובלים“ ניט פֿאַרלירען זייער גרויסען ווערט: אייביג אפשר וועלען זיי ציהען צו זיך מיט זייער קינסטלערישען גלאַנץ, פונקט ווי די רענעסאַנס־מאַדאָנעס אין די קריסטליכע קירכען זיינען נאָך אויך איצט אַן אָביעקט פֿאַר רעליגיעזען קולט אַפילו פֿאַר די, וואָס האָ־בען שוין פֿון לאַנג אָן אויפֿגעהערט רעליגיעזע קריסטען צו זיין, ווי אויך פֿאַר די, וואָס זיינען קיינמאָל גאָר קיין קריסטען ניט געווען... ווי איינפֿאַך, בעשיידען און אַריסטאָקראַטיש־גדלות׳דיג דאָ איז יעדע שורה, יעדער אות. לייענענדיג די „מקובלים“, שפירט איהר זיך עפּעס ווי אינגאַנצען אויסגעטאָן פֿון דער חומר׳דיגער וועלט. ווי ליכטיג און רחבֿות׳דיג עס איז אין דעם חושכ׳דיגען און ענג־שמאָלען בית־המדרש. אפשר נאָר איין ראַפֿאַעל וואָלט געווען ביכולת אָט די „מקבלים“ צו אילוסטרירען. אָט צו וואָס פֿאַר אַ מדרגה עס דערגרייכט פרץ דער „פשטן“...

פרץ איז אָהן שום ספק אַ מענש מיט שטריכען פֿון אַ גאון. שווער צו טרעפֿען, וואָס ער פֿיהלט ניט און וואָס ער זעהט ניט. פֿאַר פרצ׳ן איז, דאַכט זיך, אַלץ פֿריי און אָפֿען. אומעטום בעל־הבית. פֿאַר פרצ׳ן אָבער איז אוממעגליך אין איין און דערזעלביגער צייט דאָס גאַנצע צו בעהערשען. אין יעדען מאָמענט בעל־הבית׳עוועט ער נאָר איף אַ טייל פֿון זיין פֿאַרמעגען. יעדען טאָג פֿאַרברענגט ער אין אַ בעזונדער קאַמערל פֿון זיין הויז, און עס קומט אויס עפּעס, אַז דאָס גאַנצע הויז שטעהט תּמיד פֿאַרשפּאַרט פֿאַר איהם. און אָט דאָ איז דער מקור פֿון דער פרץ־טראַגעדיע. ווי אַ פּערזענליכ־קייט געהערט ער אפשר צו דער פֿאַמיליע פֿון געטע און בייראָן. מיט דער נשמה געפֿינט ער זיך הויך און הויך אין די וועלטען פֿון אייביגקייט. ווי אַ קינסטלער אָבער טרעפֿט, אַז ער הייבט זיך אויף עטוואָס העכער פֿון דער אַלטעגליכקייט: ביים פֿאַרקערפּערן, קאָנקרעטיזירען פּאַסירט אַפילו, אַז ער קאָן רעדען פֿיל און שען וועגען אמת׳ן פֿון 2×2=4... פרצ׳ן פֿעהלט רוהיגקייט. פרץ פֿוילט זיך קיינמאָל ניט. פרץ איז תּמיד דער פּריץ. ניט דער דאָרפֿס־פּריץ, וואָס קאָן שעה׳ן־לאַנג ליגען אין גוט אויף דער לאָנקע און קוקען אויף די וואָלקענס, הערען, ווי די בימער רעדען, —נאָר דער אומ־רוהיגער גרויס־שטאָטיגער אַריסטאָקראַט... אַ גרויסע שטיק פרץ האָט נאָך בכלל קיין אָרט ניט ביי אונז. איגענטליך פרץ, ווי אַ קינסטלער־פּעלעטאָניסט האָט געדאַרפֿט, ווי זיין גייסטיגער צווילינג, היינע, האַלטען די אייראָפּעאישע

די יודישע וועלט.

אינטעליגענץ אין זיינע הענט. פּרץ איז אָבער אַ יודישער שריפטשטעלער. און אפשר אָט דאָ וואָלט געווען פּאַסיג פּרצ׳ס וואָרט וועגען דעם, אַז „אַנדערש וואָלט זיין ליד געקלונגען, ווען ער וואָלט ניט פאַר יודען יודיש זינגען“...— פאַראַנען מענשען, וואָס שטעהען העכער פון זייערע מעשים, און אָט צו זיי געהערט פּרץ. איב ניט דער גלענצענדסטער שריפטשטעלער, איז ער דער גלענצענדסטער מענש צווישען אונז. — — — — —

— — — — — — —

— — — — — — —

ליפּמאַן=לעווין.

צום אנדענק פֿון י. ל. פּרץ.

...„צום אָנדענק" — ציטערט נאָך די פֿעדער אין די פֿינגער. ס'קלעמט אין ס'פּרעסט נאָך דאָס האַרץ. וואָס ווײַטער, אַלץ מעהר.

ווענדט מען זיך צו די פֿאַרגאַנגענע טעג, ווערט נאָגענדיג=לײַכטער — ער האָט דאָך צווישען אונז געלעבט. —

זכרונות — נאָגענדיג לינדערען זיי אַמאָל דעם וועה.

...אַזוי דערמאָנט זיך אַ לויטערער פֿריהלינגס=טאָג פֿון דער פֿריהער יוגענד, וואָס איז ניט צוריקצוקעהרען, ווען די זון, הלכט זיך, איז גאָר יונגער געווען, האָט, פֿיל חן און רייץ, געשפּרייט און געוועבט ליכט און שײַן.

אַזוי שווימט אויף אין די זכרונות דער לאַנג פֿאַרשוואונדענער טאָג פֿון בר=מצוה — אַ הייליגער שטאָלצער טאָג! — מיט דער גאַנצער יודישער שמחה אין שול און אין דער=היים, מיט דער דרשה, און יום=טוב אין שטוב.

אַזוי געדענקען זיך די פּרץ=טעג — אַ פּאָר יאָהר אין וואַרשע געבען פּרץ'ן, בײַ איהם און מיט איהם.

אין לאַנג אַוועק פֿון וואַרשע, איז אין די ערא'נערונגען פֿאַרבליבען אַ יום=טוב=גלאַנץ און חן פֿון ראָמאַנטישע יוגענד=טעג, פֿון די ערשטע בליהונגען אין דער יונגער יודישער ליטעראַטור.

אין דער ווײַטענס עלטערט זיך דער טאָג, גראָהט דער נעכטען, און עס וועבען זיך זכרונות — ליבסטע און נאָהענטסטע, ווי חלומות פֿון נעכטען, ווי טרוימען אויף מאָרגען, וועבען זיך אַרום דעם שטאָלצען, שענעם טרוימער=דיכטער. —

געקומען בין איך קײַן וואַרשע אין אָנהויב זומער 1900. פּרץ איז שוין דאַן געווען פֿאַרטיפֿט אין „חסידות". אין „דעם יוד" ווערט געדרוקט זײַנע „אַ גלגול פֿון אַ ניגון", „צווישען צוויי בערג".

אַ פֿעסטער טראָט, אַ לעבעדיג אויג, אַ האַסטיגער אין זײַנע בעוועגונגען, נאָר די געדיכטע ברעמען זײַנען פֿאַרבענקט, פֿאַרבענקט — נאָך דער שײַן, וואָס פֿלאַטערט פֿאַר זיי פֿון דורות אַמאָליגע, נאָך געשטאַלטען, נשמה=יתרה'ס פֿון יודען פֿאַרצײַטיגע.

צוזאַמען מיט דאָס נײַעסטע און מאָדערנסטע פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, צוגלײַך מיט מדרשים און תלמודישע ספֿרים, האָבען זיך אויף די ביכער=פּאָליצעס פֿון זײַן עטאַזשערקע און אויף זײַן שרײַב=טיש חבר'ד'ג אַרומגענומען און זיך בעהעפֿט אַלטע יודישע קונטרס'ים און ספֿרים — תחינות, בבא=מעשיות, ספֿורי=נפֿלאות, ערצעהלונגען פֿון גוטע יודען, פֿון פֿאַרצײַטען.

איז עס נאָך וועניג, בעט ער כסדר — דערצעהלט עפּעס אַ מעשה,

די יודישע וועלט.

פֿון אַמאָל, אפשר ווייסט מען אַ פֿאָלקס-ליד, צי האָט מען געהערט אַ פֿאָלקס-לעגענדע.

עס ווערען געזוכט די ריגגען פֿון „דער גאָלדענער קייט“ — ס'ווערט געזאַמעלט די שיין פֿון דעם „מאור היהדות“, וואָס איז איבער דורות צע-שפּרייט.

...אַמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט הויבט אָן דינעזאָן עפּעס צו דערצעהלען. ער ווייס מעשׂיות.

אַ מעשׂה — אין ריכטען דאַרף מען זיך אויף מעשׂיות אַ סך. ווי אַ קנייל וועט זיך עס צעוויקלען, און פֿונאַנדערוויקלען איז ניט גיטיג.

פּרץ שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ, די אויגען זיינען גרויס אויסגעשטעלט אויף דינעזאָנען, דרינגען איהם דורך, געהען נאָך אַלע זיינע תנועות און בעוועגונגען, און ער הערט צו פֿאַרבענקט.

אַזוי הערט נאָר אַ קינד.

און דינעזאָן דערצעהלט שטיל, געלאַסען. אַ לאַנגער פֿאָדעם ציהט זיך פֿון ווייטע מקומות פֿון אַלטע צייטען. דאָרטען ווייט אין דער ליטע האָט איהם אַן אַלטער יוד דערצעהלט, אַ זקן, וואָס האָט מאריך ימים געווען, און אַ זקן פֿון זיין שטעטעל האָט אַזוי דערצעהלט. פֿאַרקניפּעלט זיך אַ פֿאָדעם — אַ נייע מעשׂה פֿאַרוועבט זיך.

— פֿאַרשרייב דאָס, — זאָגט פּרץ — שרייב דאָס אָן, דינעזאָן.

— הער, איך זאָל שרייבען? מאַכט דינעזאָן, —און דו קאָנסט גאָר ניט שרייבען? אָבער — איך וועל שרייבען דעם זקן, און דו שרייב — די מעשׂה.

...און אַ צייט אַרום לייענט פֿאָר פּרץ אַ ווערק מיט אַן אויפשריפט— „יעקב דינעזאָן. פֿון דיינע ציגעל — די'ר אַ בנין“.

פֿון יונגע ליטעראַטען זיינען שוין דאַן אין וואַרשע געווען — נאָמבערג, בעל-מחשבות, א. רייזען. באַלד איז געקומען ש. אַש. אַ יונגער ליטעראַט, וואָס האָט זוכה געווען צו פּרץ'ס אָנערקענונג, האָט גלייך דערפֿיהלט אַ זעלטענע התקרבות צו זיך מצד דעם גרויסען דיכטער. און פּרץ'ן, און דעם יונגסטען צווישען יונגע, האָט זיך ניט געפֿיהלט קיין „רבי“. מאָדנע צוגעלאָזט, פֿריינדליך, און אַלע מאָל לעבעדיג. אָהן אַ פּאָזע. חבר'דיג, שטיפֿעריש. און דער ליכטיגער וואוינונג אויף צעגלאַנאַ, און דעם לענגליכען צימער מיט'ן שרייב-טיש ניט ווייט פֿון גרויסען פֿענסטער האָט מען זיך געפֿיהלט בעקוועם. און היימיש איז געווען און דעם גרעסערן צימער מיט די צוויי ליכטיגע פֿענסטער. גערױם — ווייניג מעבעל — און ליכטיג איז געווען.

פּרץ פֿלעגט זיך פֿעדערן אויפֿצושטעהן בעגינען, כדי צו נעמען זיין פֿעדער און דער האַנט און שרייבען, איידער ער געהט אַזעק און גמינ'ע אַריין. נאָר פּרץ דערצעהלט אַמאָל, אַז פֿאַרן טיי נאָך, און דער צייט בערך פֿון „ערשטען מנין“ און קליינשטעטלדיגע קלויזען, איז צו איהם שוין אַריינגע-

קומען אַ יונגער מאַן אַן אָנפאַנגער און האָט איהם פאָרגעלייענט אַ מעשה.

— וואָס עפּעס אַזוי פריה?

— און בושה? — ענטפערט פרץ מיט אַ שמייכעל. — אַ חזן אַ קאַליקע גערהט צום עמוד צום ערשטען מנין... שפּעטער, טאָמער טרעפט מען דאָ אַ גאַסט, שעמט מען זיך פאָרצולייענען, און ביחידות, פאַר מיר אַליין, שעמט זיך קיינער ניט...

... שבת.

אַן ערשטער, וואָס קומט אַריין, טרעפט שוין דאָ דעם ליבסטען דינעזאָן. אַמאָל איז דאָך דינעזאָן אַ געוועלטיגטער ביי פרצ'ן נאָך פון פרייטאָג ביי-נאַכט, און בכלל צי קאָן דען ווער טרעפען, ווער קומט פריהער אַריין אין פרצ'ס וואוינונג — צי דער שבת-טאָג, אָדער דינעזאָן?

זיצט דינעזאָן ביים שרייב-טיש, אין פרצ'ס פאָטער-שטול — דאָ איז זיין מקום דעם גאַנצען שבת-טאָג. און פרץ שטעהט קעגענאיבער, און מ'שמועסט — צוויי פריינד, צוויי חברים, דער געלאַסענסטער און דער האַסטיגסטער.

קומט אַריין אַ יונגער ליטעראַט, אָרדענט זיך איין, ווי דאָס האַרץ גלוסט, ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאָרטען, און נאָך בעקוועמער. הייל מען, זעצט מען זיך צו אויפ'ן פענסטער נעבען פרצ'ן. גלוסט זיך, קלעטערט מען אַרויף אויף אַ הענטעל פון דער פאָטער-שטול, אין דער הייך נעבען דינעזאָנען.

שמייכעלט פרץ:

— דינעזאָן, הז שוויצסט?

— וואָס דען? פון די קונדסים קאָן מען אפשר ניט שוויצען? — שמייכעלט דינעזאָן גוט מוטיג און גלעט מיט די הענט דעם קונדס, וואָס זיצט אין דער הייך, אויפ'ן הענטעל פון זיין שטול.

— אָבער אָנגעשריבען עפּעס נייעס? — וועט איהר עפּעס פאָרלייענען? — איז פרץ אומגעדולדיג, — פון דער טאַש אַרויס מיט די מעשות!

— אַז מ'לאָזט זיך אַזוי הרחבה טון, האָט מען שוין, מסתמא, אָנגעשריבען אַ רעכטס — בעמערקט דינעזאָן.

ציהט מען אַהיים פון דער טאַש אַ פּאָר פּאַפּירלעך און מ'הויבט אָן צו לייענען — אַ מעשה, אַ סקיצע, אַ פּאָעמע, אַ ליד — וואָס גאָט האָט געגעבען.

— זעה, זעה! — שטעלט אָב פלוצלונג דינעזאָן — זעה, אויף וואָס פאַר אַ שטיקלעך ער שרייבט — נישטאָ, אַפּנים, קיין פּאַפּיר... קומט צו מיר, וועל איך אייך געבען פּאַפּיר.

— גיב פון דאַנען! — מאַכט פרץ און ווייזט מיט'ן פינגער אויף זיין שרייב-טיש, וואו סליגען פּאַסען גלאַנציג-ווייסע פּאַפּיר, וואָס דינעזאָן האָט דאָ ערשט אָנגעגרייט פון גרויסע בויגענס. דאָס איז געווען אַ מין ענג שבת—

געמען ביי דער פּאַני פּרץ אַ פּעקעל פּאַפּיר און אָנגריטען פֿאַר פּרצ'ן לאַנגע פּאַסען צו שרייבען.

צום טיש, פֿאַרשטעהט זיך, טוט זיך אַ לאָז נאָך אַ יונגער ליטעראַט — יעדערער וויל בעקומען אַ שטיקעל פּרץ־פּאַפּיר צום שרייבען.

— מ'וועט דאָ גאָרנישט ניט איבערלאָזען — קוועלט דינעזאָן און האָט נחת — ווי די היישעריקען אין מצרים...

— גיב, — מאַכט פּרץ לוסטיג — גיב זיי פּאַפּיר! — נאָר אַ תנאי: יעדערער דאַרף אַ נייע זאַך אָנשרייבען, און אַ שענס!...

— איך מיר אַ תנאי — אַ קונץ ביי זיי אָנשרייבען!...

—————————

לייענט ווער — הערט פּרץ צו אויפֿמערקזאַם, אָנגעשטרענגט. — „ווי? ווי?“ — פֿרעגט ער איבער אַ וואָרט, אַ זאַץ, וואָס איז געווען ניט דייטליך. און געפֿעלט איהם, — ווערט איהם דאָס לעבעדיג פּנים מאָדנע בעהאַרצט, און די גרויסע אויגען ווערען פֿייכט, ווי עמיצער וואָלט איהם איצט געגלעט און בעוועהט.

אָך, ווי ליב האָט ער דאָס שענע, די אמת'דיגע קונסט!

ער דערנעהענטערט זיך — פּרץ — צום יונגען ליטעראַט, לעגט אַרויף אַ האַנט אויפֿ'ן אַקסעל. יענער דערפֿיהלט די התקרבות — די אָנערקענונג! — דאָס פּנים רויטעלט זיך נאָך מעהר, דאָס קול ציטערט און פֿאַרענדיגט קוים דאָס לייענען.

פּרץ לעגט אַרויף אַ האַנט אויפֿ'ן קאָפּ, טוט אַ גלעט און זאָגט שטיל האַרציג־בעגייסטערט:

— ס'איז וואויל! —

דער יונגער ליטעראַט ציהט קוים אָב דעם אָטעם פֿון נחת און התפּעלות, און אַ טרער ציטערט איהם אויף אַ ברעם.

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען פּרץ איז שוין דורכגעגאַנגען אין צווייטען צימער און האָט זיך צוריקגעקעהרט, בעמערקט ער מיט אַ פֿעסטער שטים:

— אָט דאָס איז גוט! — אַזוי שרייבט אַלע מאָל. דאָס טעמא — ממשות'דיגס, געטומען איז — טיף, די האַנט געהט זיכער, דאָס וואָרט אויפֿ'ן אָרט...

אַמאָל זאָגט דינעזאָן צו פּרצ'ן:

— יאָ, פֿאַר אַ אויסגעצייכענטע זאַך קומט איהם נאָך אַ שטיקעל פּאַפּיר פֿון דיינע...

— כאַ! כאַ! כאַ! — פּרץ לאַכט לעבעדיג, עס געפֿעלט איהם די אימפּראָוויזירטע פּרעמיע.

—————————

אין איהם ניט געפֿעלען אַ שטעל, אַן אויסדריק, צי דאָס בילד אין־גאַנצען, האָט מען עס גלייך געקאָנט אַרויסזעהן אָן איהם. דער קאָפּ —

אַראָבגעלאָזט, די אויגן פֿאַרטונקעלט און טרויעריג, און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעזעהן מאָדנע שמאַרצליך־באַנג.

אַמאָל כאַפּט ער זיך אויף און שרייַט אויס צאָרניג:

— ליגענד! — אויסגעטראַכט... איהר האָט עס ניט געזעהן... ס׳איז פֿון מוח, ניט פֿון לעבען... נישט דורכגעפֿיהלט...

אַמאָל בייזערט ער זיך:

— סטייַטש! און יודיש?! ס׳איז ניט יודיש... לערנט אייך די שפּראַך — בייַם אַייזערנעם טויער בייַ די יודענעס און יודען... אויף פֿראַנציסקאַנער גאַס בעדאַרפֿט איהר וואוינען אַ צעהן יאָהר, ביז איהר וועט אַייך אויסלערנען יודיש...

— פֿלאַך! — בעמערקט ער אַמאָל מיט ביטול אַן אָנפֿאַנגער, וואָס האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיגט פֿאָרצולייענען.

— וואָס איז פֿלאַך?

— נו, אַ בעל־הבתישע מעשה — גיט ער צו אויפֿגערעגט — דאָס הייסט: אָנגעהאַלטען נאָר בייַם קלאַפּע פֿון ראָק, געזעהן און געוויזען נאָר די חצוניות... אַזוי שרייַבט מען אַ מעטריקע: בערל בן שמערל, פֿערציג יאָהר אַלט... ס׳פֿעהלט נשמה... אַ מעטריקע, אַ פּאַס, אַ וואָלער־צעטיל: אַזוי פֿיל גענומען, אַזוי פֿיל אָבגעגעבען — מיינט איהר, אַז ס׳איז קונסט?...

זייַנע גרויסע, לעבעדיגע אויגען זייַנען מיט דער פֿראַגע אַ ווייַלע אויסגעשטעלט שטרענג אויפֿ׳ן אָנפֿאַנגער, אַז יענער ווערט מטושטש.

— — — — — —

— מייַנע אַ מעשה — דערלאַנגט שטאַמלענדיג אַ יונגער כאַן פֿון דער פּראָווינץ אַ דיקע העפֿט, געדיכט אויסגעשריבען פֿון טאָוועל צו טאָוועל, און וויל, אַז פּרץ זאָל עס דורכלייענען.

פּרץ טוט אַ גנעם די העפֿט, די ברילען אויף דער נאָז, האַסטיג אַרייַנגעקוקט, און איבער די שורות — אַ בלעטעל, צוויי, דרייַ...

— אפֿשר אַ שאָדען פּאַפּיר? — מאַכט ער פֿלוצלונג. און צייַט? איז בייַ אַייך אין שטעטעל קיין זייגער ניטאָ? —

ס׳רייצען אויף די דיקע העפֿטען, געדיכט אָנגעשריבען!

און דאָך האָט פּרץ קיינמאָל זיך ניט אָבגעזאָגט פֿון אויסצוהערען אַן אָנפֿאַנגער, דורכצולייענען אַ מאַנוסקריפּט — אפֿשר, אפֿשר וועט זיך אָנטרעפֿען אַן אֶבֶן־טוֹב, וואָס איז ווערט, אַז ס׳זאָל ווערען געשלייפֿט, אויסגעפֿייַנט און דערהויבען —

— — — — — —

קיין אַריכות האָט ער ניט סובל געווען — צופֿיל ווערטער: דאָס איז פֿאַר איהם אַ גרויסער חסרון געווען.

— אָנגעשריבען — פֿלעגט ער זאָגען — נעמט מען ערשט אַ פּעדער אין האַנט און מ׳שטרייַכט אויס: ווערט פֿון אַ שורה — אַ וואָרט, פֿון אַן

עמוד — צוויי שורות... געוועהנט מען זיך צו שרייבען קורץ: אַ שאָדען פּאַפּיר... (אַ שמייכעל). געקאַרגט אין ווערטער... אויסגעקליבען דאָס רעכטע וואָרט פֿון צעהן, פֿון צוואַנציג... געזאָגט דאָס נויטיגסטע און קורץ, און קלאָר. אַן איבעריג וואָרט איז אַ חסרון.

— דאָס געמיינע, דאָס שפּלי'ע דאַרף אויסגעלאַכט ווערען, און ניט בעוויינט ווערען — האָט ער בעמערקט אַמאָל אײנעם וועגען אַ סקיצע. — אָט בעטראַכט אײַך, ווי וואָלט עס אָנשרייבען טשעכאָוו...

— טשעכאָוו!... האָט זיך איינער אָבגערופען, וואָס האָט אַפּנים, געוואָלט „פֿאַרטיידיגען" דעם אָנפאַנגער פֿון פּרץ'ס צו גרויסע תּביעות. נאָר פּרץ האָט זיך האַסטיג געווענדט צום יונגען שרייבער:

— אייערע פֿריינד זיינען אײַך — שׂונאים. נאָר — טשעכאָוו! שטענדיג געדענקט דעם גרויסען מאַסשטאַב און שטעלט אײַך די גרעסטע תּביעות — דאַן וועט איהר קאָנען שרייבען...

פֿיל געמאָנט האָט פּרץ פֿון זיך אַליין, פֿון זיינע אייגענע ווערק. אַמאָל לייענט ער פֿאַר זיינס אַ ווערק, און גלייך ווי ער פֿאַרענדיגט צו לייענען, גיט ער צו און איין אָטעם:

— אָבער ניֹשט געראָטען.

—ס'דאַרף זיין אַנדערש...

און אַ צייט אַרום לייענט עס פּרץ, און ס'איז טאַקע גאָר אַנדערש.

מ'האָט ביי איהם געקאָנט טרעפֿען אַ נייעם נומער „דער יוד", וואָס איז ערשט אָנגעקומען צו איהם מיט זיינעם אַ געדרוקטען ווערק, און אויפֿבלעטערנדיג, האָט מען בעמערקט, ווי פּרץ האָט שוין אויף ס'ניי מעביר בקולמוס געווען איבער זיין געדרוקטען ווערק — וואו אויסגעשטריכען און וואו ביי די בּרעגען צוגעשריבען.

שטענדיג געשליפֿען, שטענדיג אומגעאַרבייט, אויסגעבעסערט. —

———————

דער גרעסטער שבח, די בעסטע אָנערקענונג איז געווען, ווען פּרץ פֿלעגט אויסהערען אַן ערצעהלונג פֿון אַ יונגען שרייבער און זאָגען:

— ווען ביי מיר זאָל איצט זיין אַן אויסגאַבע, וואָלט איך עס גלייך אָבגעדרוקט — ניט געענדערט, ווי דאָס איז.

דאָס האָט אויך בעדייט, אַז ניט אַליך, וואָס פּרצ'ן איז אַמאָל געפֿעלען, וועט נושׂא חן זיין אויך אין די אַנדערע יודישע אויסגאַבען, וואָס האָבען דוקא אַמאָל געזוכט — „גאָר ניט קיין פּרץ-מעשׂה", נישט קיין „מאָדערן"-ליטעראַטור, ווי זיי האָבען עס אָנגערופען.

———————

אַמאָל דערצעהלט פּרץ, אַז אַ יונגער מאַן האָט איהם פֿאָרגעלייענט אַ זאַך, וואָס „קאָן זיין אַ שענם". ס'איז אַזאַ טעמע.

און ער הויבט אָן צו דערצעהלען.

פליסענד, שען, רייצענד דערצעהלט ער און שילדערט. בעגייסטערט, מיט'ן יונגען גלאַנץ אין די אויגען, מיט אַ ברען אויף די ליפען. און ווערטער, ווי די פערעלעך, ווערען אָנגעשנירט, ס'יאָגט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט — אַ קרעפטיגס. אַ פיל־געפאַקטעס קומט עס פון מויל אַרויס, אַ פרץ־וואָרט, אַ לעבעדיגס, מיט טעמפעראַמענט. און אַ זאַץ איז — געטאָקט, אַ בילד — גראַציעז. וואו אַ שטימונג — פלאַטערט קוים די גערילטע ברעם ביים דערצעהלער, און די שטים איז האַרציג, צערטעלט, ווי אַ פידעלע ציטערט ערגעץ; וואו אַ דיאַלאָג — הערען זיך דבורים. ווי פסוק־לשון —

מ'ציהט מיט די אַקסלען: ווי געדענקט עס פרץ אַזויפיל איבערצודערצעהלען בלויז פון דורכלעזען.

נאָר דאָס פליהט אַהרוך אין דער מחשבה און דערוויַיל הערט מען צו אָנגעשטרענגט — נישט דורכצולאָזען, חלילה, קיין איין וואָרט, קיין איין קלאַנג פון דעם בעגייסטערטען דערצעהלער.

— דאָס איז די „טעמע” — פאַרענדיגט פרץ.

— גרויסאַרטיג! — רייסט זיך אַרויס אַ שבח.

— וואַרט, — מאַכט דינעזאָן פלוצלונג מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל, — ס'איז נאָך דאָ אַ חסרון: פרץ האָט אַזאַ זאַך גאָר ניט געלייענט, דאָס האָט ער דאָ איצט פאַנטאַזירט אַ מעשה... אפשר האָט אַ יונגער מאַן אין זיין זאַך מרמז געווען אויף אַזאַ מין טעמע, נאָר דאָס, וואָס פרץ האָט דאָ איצט דערצעהלט, איז אינגאַנצען פרץ'ס דיכטונג...

פרץ לאַכט אויפ'ן קול.

— מיר ווילען האָבען אַ גרויסע ליטעראַטור — וואַרפט פרץ בעגייסטערט.

— אַ גרוי—סע? — פרובט ווער צווייפלען.

— אפשר ניט אַ גרויסע, מאַכט פרץ שטרענג: אַ פאָלק פון נביאים, אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט די ביבעל, דאַרף שאַפען אַ גרויסע ליטעראַטור.

— און אַז עס שאַפט ניט?

— איז עס איבער אייך... איהר ווילט ניט...

— און שרייבער?

— פאַראַנען... ווילען זיין...

— און אַ לעזער?

— וועט זיין — וועט קומען... אַ ברירה האָט ער: אַז מ'שרייבט פאַר איהם, דאַרף ער לעזען...

דער ניכטערסטער האָט שוין זיין טרוקען וואָרט פון דער צונג ניט געקאָנט אַראָבשאַרען, אַ סקעפטיקער האָט די שפּיצעלדיגע ספיקות־שטיינדלעך שוין ניט געקאָנט אויפהויבען פאַר דעם גלויבען פון דעם בעגייסטערטען דיכטער.

די יודישע וועלט.

אין דער דיכטער האָט געשאַפֿען — ביז זײַן לעצטען — פֿלוצלונג איבערגעריסענעם — אָטעם=צוג. דער געדאַנק געווענדט צו דער אַלטער, גרויסער ביבעל.

ער האָט אין יודיש איבערגעזונגען קהלת.

פֿון די לעצטע שאַפֿונגען — די ביבעל=דיכטונג. די ביבעל — דער מוסטער איז שטענדיג פֿאַר דעם דיכטערס אויג געשטאַנען — אַפֿילו אין דער אייערליכער פֿאָרם.

מיט אָנדערטהאַלבען יאָהר צוריק האָב איך פּרץ'ן געזעהן; ער איז דורכגעפֿאָהרען ווילנא, מיט דינעזאָנען צוזאַמען. אין אַ געשפּרעך האָט ער אויסגעדריקט אַ פֿאַרלאַנג, אַז ער וואָלט וועלען אַלע זײַנע שריפֿטען אַרויסגעבען אין איין בוך, ווי אַ תנ"כ'ל.

דאָס תנ"כ'ל איז שטענדיג בײַ דעם דיכטער אין די געדאַנקען געווען.

ש. ניגער.

וועגען פּרצ'ס יודיש.

וואָס מעהר איך טראַכט וועגען פּרצ'ס ירושה, אַלץ קלערער ווערט מיר, אַז אינאיינעם מיט צײַטיגע פרוכט זײַנען אונז געבליבען פון פּרצ'ן קערנדלעך. די צײַטיגע פרוכט געניסען מיר; די קערענדלעך זײַנען פאַרזייהט געוואָרען, און זיי מוזען ערשט אויפגעהן. אַז זיי וועלען אויפגעהן, וועט מען זעהן, מיט וואָס פאַר אַ ברייטער האַנט פּרץ האָט זיי געשפּרייהט און געזייהט. נאָר כדי דאָס זאָל געשעהן, מוזען מיר זײַן ניט איינפאַכע וועכטער, נאָר טרײַע גערטנער פון די פאַרזייהטע און נאָך נישט אויפגעבליהטע בייטען. ניט אינ'ם פּאַסיווען זכרון — אינ'ם לעבעדיגען געדאַנק און אין דער שאַפענדיגער פאַנטאַזיע פון די יורשים־דורות מוז זײַן פּרצ'ס אָרט. ניט זײַן אָנדענק מוז אויפגעהיט ווערען — זײַן ווײַטערדיגע עקסיסטענץ, זײַן ענטוויקלונג, זײַן אויפבליהונג, זײַן נײַער פריהלינג מוז ווערען מעגליך. ערשט דאַן וועט זיך אַנטפּלעקען די קראַפט פון זײַן פריהערדיגען לעבען, דער ווערט פון זײַן זייה־אַרבייט, ערשט דאַן וועט פּרץ צײַטיג ווערען און זײַן שניט וועט קומען...

און וואָס קלערער עס ווערט מיר אָט דער געדאַנק, אַלץ בעסער פאַרשטעה איך, ווי שווער עס איז איצט נאָך צו געפינען אַ פאָרמעל, אַ שלאָג־וואָרט, אַ ראַם, וואָס זאָל אײַנפאַסען אין זיך דעם גאַנצען פּרצ'ן... אַ צײַטיגע פרוכט קאָן ליגען אין אַ שייד: זי דאַרף שוין מעהר ניט וואַקסען. קנאָספּען אָבער וויאַנען, אויב מען לאָזט זיי נישט פרײַ זיך פונאַנדערוויקלען. און נאָך איינס: פאַרטיגע פרוכט קאָנען ליגען צונויפגעפּרעסט אינאיינעם; קערנדלעך, וואָס ווערען געזייהט, מוזען געלעגט ווערען פרײַ... הכלל: די נאָך נישט אויפגעגאַנגענע זוימען און די נאָך פאַרבאָרגענע בליהונגען פון פּרצ'ס שאַפען קאָנען נישט צונויפגעשאַרט ווערען אַלע אין איין הויפען, טאָרען ניט צונויפגעפּרעסט ווערען אַלע אין איין פאָרמעל, מען מוז אַרומזועהן און צוזעהן יעדע זאַך בעזונדער.

איך וויל פּרובען דאָ צוקוקען זיך צו די פּרוכפּערונגס־קערנדלעך (אָבער אויך צו די פרוכט) פון דער שפּראַך, פונ'ם יודיש פּרצ'ס.

I

„דער סטיל דאָס איז דער מענש“. געהן, פונדעסטוועגען, צום מענשען פון סטיל קאָן מען ניט; מען מוז דעם מענשען קענען, כדי צו קענען גוט זײַן סטיל. און אַז ס'רעדט זיך וועגען פּרצ'ן, מוז מען אַוודאי אָנהויבען פון איהם אַליין און דאַן ערשט געהן צו זײַן סטיל, וואָרום צווישען איהם און זײַן שטייגער־שרײַבען איז ניטאָ יענע מחיצה, יענץ פאַרמיטלונגס־רינג, וואָס איז פאַראַן, אַשטייגער, בײַ מענדעלי מוכר ספרים. פּרצ'ס סטיל זייגט אוממיטעלבאַר פון פּרצ'ן. ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט זײַן נאָמען

אַפילו געהאַלטען פאַר צו פערזענליך, צו פריוואַט אין דער ליטעראַטור, און ער האָט געשטעלט צווישען זיך און דעם לעזער עפּעס אַ ד ר י ט ע ן, — מענדעלע מוכר ספרים — און אָט דער ד ר י ט ע ר רעדט אַזוי, אַז מען ווייס ניט, ווער אייגענטליך רעדט פון איהם אַרויס, צי דער שרייבער, צי דער לעזער, צי גאָר עפּעס אַ כלל, וואָס נעמט אין זיך אַריין, ווי אין אַ העכערער איינהייט, אי דעם לעזער אי דעם שרייבער. אַבראַמאָוויטשען געהערט אין מ ע נ ד ע ל ע'ס רעדע די סטיליזירונג, ניט דער עצם סטיל, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אַ קיבוץ, פון אַ פאָלקס־טיפּ, ניט פון אַן איינציגער פערזענליכקייט. פּרץ, וועלכער האָט אין דער יודישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט די אידעע פון דער אינדיווידואַליטעט, האָט פריהער ווי אַלץ ניט געשעמט זיך אַריינצוטראָגען אין איהר זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, און אַריינגעבראַכט האָט ער זי א י נ ג אַ נ צ ע ן, אָהן קיין שום רעסטיל, און ד י ר ע ק ט, אָהן קיין שום פאַרמיטלונג. „ווי ער שטעהט און געהט“ — אַזוי איז פּרץ אַריין אין דער יודישער ליטעראַטור... אַז איהר לייענט מ ע נ ד ע ל ע'ס ווערק, האָט איהר דאָס געפיהל, אַז מ ע נ ד ע ל ע איז אי מעהר, אי ווייניגער ווי אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש: מ ע ה ר, ווייל ער איז אַ געשליפענער, אַ געלייטערטער, אַ יום־טוב־דיגער, אין אַ העכערער מדרגה געבראַכטער און אַ טיפּיזירטער אַבראַמאָוויטש; ו ו ע נ י ג ע ר — ווייל אין איהם פעהלט דאָס אינדיווידועל־אינטימע, דאָס ריהרעוודיגע און בעוועגליכע, וואָס אין אַבראַמאָוויטשען. ביי פּרץ'ן אָבער פאַלען דער לעבענסטיל מיט דעם שאַפענסטיל צוזאַמען. טאָמער וויַזט זיך אַמאָל פּרץ אַ מאַסקירטער אין דער ליטעראַטור, איז עס ניט קיין ליטעראַטור־, נאָר אַ לעבענסמאַסקע. אייב אין פּרץ'ן זיצען עטליכע פּרץ'ס, איז דער דאָזיגער רבים, די דאָזיגע פילהייט פאַראַן אין פּרץ'ן פונ'ם לעבען פונקט אַזוי ווי אין דעם ליטעראַטור־פּרץ'ן. פּרץ האָט נישט געפיהלט אין זיך קיין איין זאַך, קיין איין געדאַנק, קיין איין געפיהל, קיין איין תּנועה, קיין איין מינע, קיין איין מאַסקע, וואָס זאָל פאַר איהם פאַסען, ווי פאַר אַ „מענשען“, און ניט ווי פאַר אַ „שרייבער“. אַפילו דעם אינטעליגענט אין זיך, אָט דעם אינטעליגענט, וואָס עד היום נאָך האַלטען איהם פיל פאַר אַ פרעמדען מענשען אין דער ליטעראַטור אויף יודיש, — אַפילו אָט דעם ראַפינירטען אינטעליגענט אין זיך האָט פּרץ, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, געלאָזט קומען פ ר ײ צום וואָרט. אינסטינקטיוו האָט פּרץ געזוכט אין דער ליטעראַטור אויף יודיש אַן אויסדרוק ניט אַזוי פאַרן פאָלקס, ווי פאַר זיין אייגענעם איך.

און כדי צו קומען צו פּרץ'ס סטיל מוז מען דערפאַר אָנהויבען פון פּרץ'ס פערזענליכקייט, אַזוי ווי מענדעלע'ס נוסח קאָן מען פאַרשטעהן נאָר פאַרשטעהענדיג דעם פאָלקס איך.

נאָר ס'איז פאַראַן אַ בעזונדער טעם, פאַרוואָס וועלענדיג דערגעהן

דעם סוד פון פרץ'ס סטיל מוז מען אנהייבען פון פרץ'ן גופא. יעדער, וואס האט ליב צו פארגלייכען דעם שטייגער שרייבען פון פארשיידענע שרייבער, האט געוויס בעמערקט, אז, אחוץ אנדערע הילוקים, איז צווישען איין מין שרייבער און דעם אנדערן פאראן נאך אויך דער אונטערשייד, וואס ביי איינעם איז דער שרייב-סטיל נאהענט, ביי אנדערע — ווייט פון רעד-סטיל. (פארגלייכט, צום ביישפיל, דעם אופן שרייבען פון לעוו טאלסטאי און—טורגעניעוו.). דא איז קיין ארט ניט ארייננצולאזען זיך אין חקירות וועגען אט דער פראגע, הגם וועגען איהר איז, ווי ווייט איך וויים, זעהר ווייניג געשריבען געווארען. איך וויל נאר זאגען, אז פרץ'ס שרייב-סטיל איז אזוי נאהענט צום סטיל פון זיין רעדען, אז נעהענטער קאן שוין גאר ניט זיין. כדי דער לעזער זאל עס דערפיהלען, מוז ער ווידער אמאל נעמען דעם אייביגען קאנטראסט פרץ — מענדעלע מוכר ספרים. געוויס איז אויך ביי מענדעלע'ן פאראן א געוויסע אינעווייניגסטע קרובה'שאפט (ביי וועמען איז ניטא אזא קרובה'שאפט?) צווישען רעדען און שרייבען, אבער קאנט איהר זיך דען פארשטעלען, אז דער זיידע זאל אינ'ם געוועהנטליכען טאג-טעגליכען פארקעהר רעדען אזוי, ווי ער שרייבט?

אזוי געמאסטען און געוואויגען, אזוי מיושב'דיג-געזעצט, אזוי ניט-וואכעדיג, אזוי פייערליך, פסוקים'דיג, רעדען אפשר פויבסטען אדער, להבדיל, גוטע יודען; פשוט'ע בשר-ודמ'ס רעדען ניט אזוי.

לייענענדיג דאס, וואס עס שרייבט מענדעלע מוכר ספרים, דוכט זיך אייך אן אנדערש מאל אויס, אז דאס איז געשריבען ניט אויף פאפיר, נאר אויף פארמעט, און אז דאס, וואס איהר האלט אין האנט, איז ניט קיין מעשה-ביכעל, נאר עפעס א מגילה, וואו עס רעדען עלטער-זיידעס צו אוראייניקלעך, דורות צו דורות. האט איהר אזא געפיהל, לייענענדיג פרץ'ן? ניין, פארקערט, לייענענדיג פרץ'ן דוכט זיך אייך אויס, אז ניט איהר לייענט עפעס אן אנגעשריבענע, אבגעדרוקטע זאך, נאר איהר הערט איינעם פשוט רעדענדיג. איהר זעהט, ווי ער מאכט מיט די הענט, ווי ער נעמט אייך אן פאר'ן לאץ, ווי עס בליצען איהם די אויגען און ווי ער פארקריכט אן א זייט, ווען פלוצלונג כאפט זיך אויף אין איהם עפעס א נייער געדאנק...

אז איהר לייענט פרץ'ס ווערק, ווערט איהר אריינגעפיהרט אין א שמועס. פרץ דערצעהלט ניט, פרץ בעשרייבט ניט, פרץ בעטראכט ניט: פרץ שמועסט. ניט קיין זאמלונג פון נאוועלען, סקיצען, מעשיות, דראמעס, לידער, פעליעטאנען, ארטיקלען זיינען פרץ'ס ווערק, נאר — א זאמלונג פון שמועסען. שפעטער וועלען מיר זעהן, וואס פאר א גרויסע ווירקונג עס האט געהאט אויף פרץ'ס סטיל אט די נאהענטקייט זיינע צום רעד-סטיל; דא האבען מיר געוואלט נאר אנמערקען דעם עצם

פֿאַקט פֿון דער דאָזיגער נאָהענטקײַט, כּדי צו מאַכֿן דערפֿון דעם אויספֿיהר, אַז וווּ עס וויל פֿאַרשטעהן, ווי געהעריג איז, דעם נוסח פֿון פּרץ־שבכּתבֿ, מוז זיך אַ ביסעל כאָטש בעקענען מיט פּרץ־שבעל־פּה.

ובכן, דרײַ מאָטיוועןזײַנען פֿאַראַן, פֿאַרוואָס מען מוז אָנהויבען פֿון פּרצ׳ן גופא, כּדי צו פֿאַרשטעהן די בעזונדערהײַטען פֿון פּרצ׳ס סטיל; אײנער אַן אַלגעמײנער און צווײ ספּעציעלע מאָטיווען.

דער אַלגעמײנער מאָטיוו: דער מענש שאַפֿט זײַן סטיל און ניט פֿאַרקעהרט (דאָס איז ניט קײן זעלבסטפֿאַרשטאַנדליכקײַט: דער סטיל פֿון אַ ש ו ל ע „שאַפֿט“ אין פֿיל פּרטים דעם מענשען).

די בעזונדערע מאָטיוון: א) פּרץ האָט דער ערשטער געשאַפֿען אין דער יודישער ליטעראַטור, אָנשטאָט דעם טיפּיזירטען, „פֿאָלקלאָריסטישען“, — אַ אינדיווידועלען סטיל, ד. ה. אַזאַ, וואָס איז אוממיטעלבאַר פֿאַרבונדען מיט זײַן אײגענער אינדיווידואַליטעט; ב) פּרץ שרײַבט אַזוי, ווי ער רעדט.

II

וואָס איז דער אַ ל ג ע מ ײ נ ס ט ע ר אויסענווײניגסטער סימן פֿון פּרצ׳ס לעבען און שאַפֿען? די פֿילקאַנטיגקײַט און פֿילפֿאַרביגקײַט אָדער דער מאָזאַאיק־שטײגער, דער דינאַמיזם און די עלאַסטישקײַט. דאָס אַלץ איז פֿאַראַן אויך אין פּרצ׳ס סטיל.

פּרצ׳ס סטיל איז פֿילפֿאַרביג און פֿילקאַנטיג. ער איז: זיס־סענטימענטאַל און ביטער־סאַרקאַסטיש; בערעדעוודיג און לאַקאָניש; קאָנקרעט און אַבסטראַקט (קאָנקרעט פֿון דרויסען און אינעווײניג אַבסטראַקט), געלאַסען — און פֿול מיט אַ פֿאַרבאָרגענעם אָדער אַן אָפֿענעם פּאַטאָס; אימפּולסיוו — און אויסגערעכֿענט; מסבּיר׳דיג — און פֿול מיט רמזים. פֿאָלקסטימליך — און תּלמיד־חכמ׳דיג־אינטעליגענטיש.... הכּלל, ער איז רײַך אין סתּירות און אין אַלע מעגליכֿע קאָלירען.

און נישט נאָר אינעווײניג — אויך פֿון דרויסען איז ער רײַך און פֿאַרביג. קײן יודישער שרײַבער פֿאַרמאָגט ניט אַזאַ פֿאַרשידענאַרטיגען לעקסיקאָן, ווי פּרץ... פּרץ האָט געשענקט דער יודישער ליטעראַטור נײַע געפֿיהלען און געדאַנקען, ער האָט אַײנגעפֿיהרט נײַע טעמעס — האָט ער געמוזט האָבען אויך ווערטער נײַע: האָט ער זײ גענומען, פֿון וואַנען עס האָט זיך נאָר געלאָזט: פֿון דײַטש, פֿון די סלאַווישע שפּראַכֿען, פֿון לשון־קודש; ער האָט דער ערשטער אויפֿגעהערט צו שרעקען זיך פֿאַר פֿרעמד־ווערטער. און אין פּרצ׳ס יודישען סטיל וועט איהר געפֿינען אי פּסוקים מיט גמרא־ווערטלעך, אי „פּאָלאָווינע רײַסיש, האַלב דײַטש“, אי עבֿרי־טײַטש, אי דײַטשמעריש, אי זשאַרגאָן, אי אַ כּשר און אַ געלײַטערט יודיש. די דאָזיגע אַלע עלעמענטען לעבען בײַ פּרצ׳ן בשכֿנות אײנס נעבען אַנדערן, זײַנען צונויפֿגעמישט אײנס מיט׳ן אַנדערן; און די

בֿעסטע און רײפֿסטע װערק פּרץ׳ס איז געװאָרען פֿון זײ אַלעמען אַ סינטעז. אין די איבעריגע װערק איז ניט קײן סינטעז פֿון זײ געװאָרען, נאָר אַ קונציגע און גלאַנציגע מ אָ ז אַ א י ק... װי אין יעדער מאָזאַאיק־אַרבײט, אַזױ איז אױך אין פּרץ׳ס סטיל פֿאַראַן בלאַסע שטײנדלעך און בלישצעדיגע, שטילע און רופֿענדיגע; להיפּוך אָבער צו יעדער מאָזאַאיק, װאו איהר זוכט דאָך נאָר דאָס גאַנצע, שטעלט איהר זיך אין פּרץ׳ס סטיל אָב אױך אױף אײנציגע שטײנדעלעך, װעלכע זײַנען אַזױװי אָבגעזונדערט און ניט אַײנגעפּאַסט װי עס דאַרף צו זײַן אין דער צײכענונג פֿונ׳ם בילד, נאָר װעלכע זײַנען דערפֿאַר פֿון זעהר אַן אײדעלען מאַטעריאַל... צװישען די אײנפֿאַכע שטיקלעך־און־ברעקלעך פֿון זײַן סטיל־מאָזאַאיק פֿאַרגינט זיך פּרץ אַרײַנצושטעלען אױך פּערל, דימענטען און בריליאַנטען...

פּרץ׳ס סטיל איז אָבער נישט נאָר, װי פּרץ׳ס לעבען און שאַפֿען, „פֿילשטײנערדיג“ און שימערענדיג־בונט. ער איז אױך — פּונקט אַזױ װי דאָס גאַנצע לעבען און שאַפֿען פּרץ׳ס — ד י נ אַ מ י ש. װאָס הײסט עס? פֿאַרגלײַכט װידער אַמאָל פּרץ׳ס סטיל מיט מענדעלע׳ס (דאָס איז דער פּרוכטבאַרסטער פֿאַרגלײַך, װאָס קאָן נאָר געבען!), װעט איהר זעהן, װאָס הײסט פּרץ׳ס סטיל־דינאַמיזם. אין מענדעלעס יודישען סטיל איז פֿאַראַן עפּעס אומבעװעגליכעס, פֿאַרגליװערטס. מענדעלע האָט אונז געגעבען אײגענטליך יודישע ס ט י ל י ז אַ צ י ע, ניט קײן יודישען סטיל. מענדעלע האָט געװיס אױפֿגעהױבען די יודישע שפּראַך אױף זעהר אַ הױכער מדרגה, נאָר ער האָט זי איבערגעטראָגען אַזױװי גאָר אין אַנדערער, אַ שבת׳דיגער, ספֿערע, און זי איז, װי קודש פֿון חול, געװאָרען אָבגעשײדט, איזאָלירט, פֿון דער טאָג־טעגליכער אַרומיגקײַט. מענדעלע שטעהט נאָהענט זעהר צום פֿאָלקסקװאַל, נאָר ער שטעהט װי אַ כהן בײַ אָט דעם הײליגען קװאַל, ניט װי אַ פּשוט׳ער בשר ודם. ער גיט אונז ניט טרינקען, װיפֿיל אונזער האַרץ געלוסט, פֿונ׳ם פּרישען לעבעדיגען ברונעם, נאָר ער אַלײן שעפּט פֿון דאָרט און גיסט אין זײַנע כשר׳ע, גע׳כשר׳טע כּלים, און זײַט עס און זײַט־איבער זיבען מאָל, עס זאָל זײַן רײן און געלײַטערט, און — פֿאַר׳חתמ׳עט עס און לעגט אױף דעם אַרױף זײַן שטעמפּעל... יע, יעטװידער זאַץ מענדעלע׳ס איז מיט אַ פּלאָמבע און מיט אַ שטעמפּעל. העברעאיש האָט מענדעלע אָבגעפֿרישט מיט די חיות־טראָפּענס פֿון יודיש, דערפֿאַר האָט ער יודיש בעשטראַלט מיט דער בכבֿוד׳יגקײַט און שטאַרער יחוס׳דיגקײַט פֿון לשון־קודש. ער האָט געשטעלט אַ צאַם אַרום דעם אָפּענעם פֿעלד פֿון יודיש, װאָס איז געטרעטען געװאָרען מיט די פֿיס—... איז אַרױס פּרץ און געזאָגט: מיר איז ענג, איך דאַרף נישט קײן צאַמען! ער האָט אַראָבגעריסען די פּלאָמבע מיט׳ן שטעמפּעל, געעפֿענט דאָס געפֿעס: זאָל ער, יױרענדיג און שױמענדיג, זיך גיסען איבער׳ן ראַנד, אָט דער יונגער און פֿרישער געטראַנק! „דו הײלסט אונז, זײדע, געבען אַ

קלאַסישען סטיל אין יודיש, האָט ער אַזויווי געזאָגט צו מענדעלע'ן, אָבער מיר הויבען דאָך ערשט אָן! ווי קומען מיר צו קלאַסיק?"

און אָט דאָס איז דער דינאַמיזם, די אינעווייניגסטע בעוועגל כקייט פֿון פּרץ'ס סטיל.

מענדעלע האָט דער יודישער שפּראַך „געלערנט שטאַט", ער האָט זי גענומען אַזויווי פֿאַרן האַנט און געזאָגט: „אָרדענונג, מיין קינד, מען מוז היטען אָרדענונג, כללים". פּרץ האָט געשריען צו איהר: „פֿרייהייט, לויפֿט, וואָס מעהר לויפֿט, און — ניט געשטאַנען אויף איין אָרט!" און די יונגע צנועה, וואָס מענדעלע האָט איהר נאָר וואָס געהייסען זיך פֿאַרקאַמען און מאַכען פֿרומע, כשר'ע צעפּעלעך, איז, מיט צעלאָזענע שמעקעדיגע האָר, אַרויס אויפֿ'ן גאַס, אויפֿ'ן פעלד, אונטער זון און אונטער רעגען — „וואַקסען".

אויך ביי מענדעלע'ן וואַקסט די יודישע שפּראַך, נאָר זי וואַקסט, ווי אין אַ ספּעקט, אונטער אַ גלאָז. ביי פּרץ'ן וואַקסט זי און בליהט אונטערן פֿרייען הימעל.

פּרץ האָט קיין מורא ניט, טאָמער וועט פֿאַלען אויף איהר אַ שטויב, טאָמער וועט אַ בלעטיל זיך צעקנייטשען — אַבי ניט בעדעקט זיין מיט אַ גרינעם הייטעל, אַבי ניט זיין געבונדען! פּרץ איז אין זיין לעבען און אין זיין שאַפֿען ניט קיין קלאַסיקער, נאָר אַ ראָמאַנטיקער, — און אויך זיין סטיל איז ניט קיין קלאַסישער, ווי ביי מענדעלע'ן, נאָר אַ ראָמאַנטישער.

עס איז שווער צו דערקלערן, וואָס איז דער ראָמאַנטישער סטיל, אָבער איז עס לייכט צו זאָגען, וואָס ער איז ניט: ער איז ניט געבונדען! ער האָט נישט קיין טראַדיציעס, ער ווייס ניט פֿון קיין מוסטערן, פֿון אַלטע פסוקים און אַלטע פּוסקים, ער איז פֿון קיינעם נישט אָבהענגיג, ער איז אינדיווידואַליסטיש, ער איז פֿריי. איבערגעהענדיג פֿון מענדעלע'ס סטיל צו פּרץ'ס, האָט איהר קודם כל טאַקע דאָס געפֿיהל, אַז איהר זייט איבערגעגאַנגען פֿון געבונדענקייט צו פֿרייקייט. אויך פּרץ איז ניט געבליבען ביי דער גערעדטער שפּראַך, ער האָט געמאַכט פֿון איהר אַ ליטעראַרישע שפּראַך, ער האָט אָבער אַראָבגעריסען פֿון איהר דעם צוים פֿון דער בוך־שפּראַך, אָט דעם זילבערנעם צוים, וואָס מענדעלע האָט אויף איהר אָנגעטאָן.

אַ בוך־שפּראַך — דאָס איז עפּעס פֿאַרענדיגטס, געשטעמפּעלטס, דאָס איז אַ כלי שלם. אַ ליטעראַרישע שפּראַך האַלט אין איין ווערען, אין איין פֿונאַנדערוויקלען זיך. פּרץ האָט געשענקט דער יודישער שפּראַך די קראַפֿט פֿון ווערען, פֿון פֿונאַנדערוויקלען זיך. ער איז מעהר ווי אַלע אַנדערע געווען נוטה צו זעהן אין דער שפּראַך בכלל און אין דער יודישער בפֿרט אַן אומאויפֿהערליכען פּראָצעס און ניט קיין פֿאַרגליווערטען פֿאַקט. ער האָט ניט אומזיסט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז פֿאָלקס־

שפּראַך און נאַציאָנאַלשפּראַך קאָנען זיין צוויי מדרגות אין דער ענטוויקלונג פֿון איין און דערזעלביגער שפּראַך, און אַז יודיש, וואָס איז דערווייל נאָר אַ פֿאָלקסשפּראַך, קאָן, ביי געוויסע תּנאים, אויסוואַקסען און דערהייבען זיך ביז צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. ער האָט געוואוסט, אַז די שפּראַך קאָן ניט זיין מעהר ווי די קולטור, וואָס אין איהר לופט און ווי איהר געוועהר איז זי אויסגעוואַקסען. איהם איז קלאָר געווען, אַז די שפּראַך וואַקסט אָדער וועלקט אינאיינעם מיט דער גאַנצער קולטור, מיט'ן גאַנצען לעבען. און אַזוי איז אויך דער וואוקס און די ענטוויקלונג פֿון זיין אייגענער שפּראַך געווען זיין אייגענער וואוקס און זיין אייגענע ענטוויקלונג. זיין יודיש האָט פֿאַרמאָגט די זעלביגע עלאַסטיציטעט, וועלכע ער אַליין האָט פֿאַרמאָגט.

ווען מענדעלע וואָלט געוואָלט שרייבען אויף יודיש זיין „תּולדות הטבע", וואָלט ער זיך נישט געקאָנט באַגעהן מיט דער שפּראַך פֿונ'ם „קליינעם מענשעלע" אָדער „פֿישקע דעם קרומען"; ער וואָלט געמוזט צוטראַכטען גאָר אַ נייעם סאָרט יודיש, גאָר ניט געראָטען אין מענדעלע'ס יודיש, אויב ער וואָלט וועלען זיין געטריי און וויסענשאַפֿטליך. פּרץ האָט לכתּחילה געשריבען יודיש, אויף וועלכען מען קאָן זאָגען אַלץ. פּרץ האָט געשריבען אויף עפּעס אַ מין גומילאַסטענער שפּראַך, וואָס אין פֿלוג איז זי גאָר שמאָל און קליין, נאָר אַז מען דאַרף, ציהט זי זיך פֿונאַנדער אין דער ברייט און אין דער לענג: איהר קאָנט אין איהר שטאָפּען, וויפֿיל אַייער האַרץ געלוסט (נאָר ניט צו האַסטיג, קיין לעכער זאָלען נישט ווערען).

מענדעלעס יודישער סטיל איז פֿון אָנהייב אָן געווען אַ פֿאַרטיגער, מענדעלע האָט איהם שפּעטער נאָר געריינינגט, געליַיטערט, געשליַיפֿט, דאָס איז געווען ניט קיין ענטוויקלונג, נאָר אַן ערציהונג, אַ קולטיווירונג פֿונ'ם סטיל. ביי פּרצ'ן איז געווען טאַקע אַן ענטוויקלונג, וואָרום ביסלעכווייז פֿלעגען זיך אַנטפּלעקען אַלץ נייע מעגליכקייטען, וואָס זיינען געלעגען אינעווייניג אין זיין סטיל פֿאַרבאָרגען.

מענדעלעס טעמע — די כּנסת ישׂראל אין קאַבצאַנסק — איז זעהר ברייט און מענדעלע נעמט זי אַלץ ברייטער אַרום, דאָך איז עס אַלץ איין און דיזעלביגע טעמע, און די פֿאָרם איז ביי מענדעלען אויך כּמעט אומפֿאַראַנדערליך, האָט ער זיין סטיל גאָרנישט געדאַרפֿט בייטען. פּרץ האָט אָבער געהאַלטען אין איין זוכען נייע טעמעס און נייע פֿאָרמעס, פֿון איינפֿאַכע זאַכען איז ער איבערגעגאַנגען צו אַלץ מעהר פֿאַרוויקעלטע, פֿון וואָכעדיגע מענשען — צו „שבּת'דיגע" יום־טוב'דיגע, נשמה־יתרה'דיגע", פֿון „קעלער־שטוב" צו „צווישען צוויי בערג", פֿון „באָנצע שווייג" צו ר' שלמה'ן פֿון דער „גאָלדענער קייט": פּרצ'ס סטיל האָט געמוזט אַרויסווייזען אַלץ נייע פֿעהיגקייטען, אַלץ נייע אינעווייניגסטע מעגליכקייטען, ער האָט זיך

געמוזט צופּאַסען אי צו דער „שטומער נשמה“ פֿון אַ יוחנן װאַסערטרעגער, אי צו דער בּערעדעװדיגקײַט פֿון אַ יוחנן מלמד; אי צו די קורצע אײדעלע רמזים פֿון מקובּלים און צדיקים, אי צו די נײַן מאָס רײד פֿון פּשוט׳ע יודען און יִדינעס; אי צו פּאָפּולאַריזאַציעס, אי צו אַפֿאָריזמען... און דאָס איז מעגליך געװען נאָר אַדאַנק דעם דינאַמיזם, דער בּעװעגליכקײַט און דער עלאַסטישקײַט פֿון פּרצ׳ס סטיל, און נאָר אַדאַנק דעם, װאָס פּרץ האָט אין דער יודישער שפּראַך, װי אין דער יודישער ליטעראַטור, אַרײַנגעבּראַכט ליכט און לופֿט און װ ע ל ט... מענדעלע האָט אַנטפּלעקט די י ו ד י ש ע פֿ אָ ר ם, די געשטעלטקײַט פֿון יודיש; פּרץ האָט געװיזען אונז זײַן מ ע נ ש ל י כֿ ע ן ת ו ך, זײַן בּעװעגליכקײַט. מענדעלע האָט געצײַגט, אַז יודיש איז אונזער פֿאָלקס־שפּראַך; פּרץ האָט אונז געװיזען, אַז יודיש קאָן װערען אויך די שפּראַך פֿון אונזער אינטעליגענץ. מענדעלע האָט פֿון יודיש געמאַכֿט אַ קולטיװירטע שפּראַך; פּרץ האָט געהאָלפֿען מאַכֿען דערפֿון אַ קולטור־שפּראַך. בּײַ מענדעלען איז יודיש אַ קונסט־װ ע ר ק, בּײַ פּרצ׳ן איז עס געװאָרען אַ קונסט־געװעהר. מענדעלע האָט אונזער שפּראַך געמאַכֿט ק ו נ ס ט־פֿ ע ה י ג, פּרץ האָט זי געמאַכֿט ק אַ מ פֿ ס־פֿ ע ה י ג.

III

װען אַ שפּראַך װערט גערעדט פֿון בּרײטע פֿאָלקסמאַסען, איז זי לעבּענספֿעהיג. ק אַ מ פּ ספֿעהיג װערט זי ערשט דאַן, װען די בּרײטע מאַסען, װאָס בּענוצען זי, הױבּען אָן אַרויסגעבּען פֿון זיך און צוציהען צו זיך אַן אינטעליגענץ. פּרץ האָט די יודישע שפּראַך געמאַכֿט קאַמפֿספֿעהיג דורך דעם, װאָס ער האָט איהר געהאָלפֿען צוציהען צו זיך אָט די אינטעליגענץ. און אַרײַנגעצױגען די אינטעליגענץ אין איהר גײַסטיגע ספֿערע האָט ער דורך דעם, װאָס ער האָט פֿריהער אַלײן זי אַרײַנגעצױגען אין דעם קרײַז פֿון דעם העכֿערן סאָרט גײַסטיגען לעבּען. פּרץ איז דער ערשטער געװען, װאָס האָט זיך פֿאַרגונען שרײַבּען אויף יודיש, װי אויף אַן אינטעליגענץ־שפּראַך, ניט װי אויף אַן אָרימער פֿאָלקסשפּראַך.

און אויך די דאָזיגע װיכֿטיגע בּעזונדערהײַט פֿון פּרצ׳ס סטיל איז כֿאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם גאַנצען שאַפֿען פּרצ׳ס.

פּרץ איז דער ערשטער יודישער שרײַבּער, װאָס איז אַרויסגעטרעטען פֿון דער ערשטער מינוט אָן ניט װי אַ פֿאָלקסשרײַבּער, נאָר װי אַ שרײַבּער — אַן אינטעליגענט. שרײַבּער אינטעליגענטען האָבּען מיר פֿאַרמאָגט אויך בּיז פּרצ׳ן, נאָר יעדער פֿון זײ פֿלעגט קומען צו דער יודישער ליטעראַטור, װי אַ דאָקטאָר, װאָס קומט צו אַ הולה. אַ דאָקטאָר, װאָס קומט צו אַ הולה, װײַזט אַרויס זײַן געלערנטקײַט, נאָר ער װײַזט זי אַרויס, װי אַ זאַך, אין װעלכֿער אַנדערע נויטיגען זיך, ניט װי אַ נאַטירליכֿע פֿונקציע פֿון זײַן אײגענעם גײַסטיגען לעבּען. פּרץ האָט אין דער יודישער ליטע־

ראַטור געלעבט זײַן אייגען גײַסטיג לעבען; ער איז געגליכען געווען צו אַ געלערנטען, וואָס אַרבייט בײַ זיך אין קאַבינעט. אויך ער איז געווען אַ לעהרער און אַ שטראָפער און אַן עצה־געבער, אויף פאַר איהם איז די יודישע ליטעראַטור געווען אַ חדר, וואו מען קנעלט מיט'ן עולם און מען לערנט מיט איהם אַלף־בית, אָבער זי איז געווען פאַר איהם צוגלײַך אויך אַ חדר־מיוחד, וואו מען פּראַוועט התבודדות און מען גיט זיך אַליין אָב דין וחשבון פון דעם אייגענעם טראַכטען און פיהלען... פּרץ האָט ניט נאָר עצות געגעבען דעם יודישען לעזער: ער האָט זיך אַליין איהם געגעבען. ער האָט זיך געטיילט מיט איהם, ווי מיט אַ פריינד: אָט דאָס האָב איך, האָט ער געזאָגט צו איהם, געפעלט עס דיר, — נעם. ער האָט איהם אָנגעטרויט אַפילו דאָס, וואָס אַ לעהרער זײַנע תלמידים און אַ שרײַבער אַ משכיל זײַנע לעזער וועט קיינמאָל נישט אָנטרויען: — זײַנע ספקות...

אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געוואָרען דאָס אייגענס פון דער יודישער ליטעראַטור, און אַזוי ווי פריהער ווי אַלץ האָט ער פאַרמאָגט אינטעלעקטועלע ענערגיע, איז די דאָזיגע ענערגיע געוואָרען אַ אימאַנענטער כּח אין דער יודישער ליטעראַטור. זי האָט אויפגעהערט צו זײַן פאַר דער ליטעראַטור אויף יודיש עפּעס אַ מין הייל־טראָפּענס, וואָס מען שפּריצט־אײַן, ווי אַ רפואה, אין אַ שוואַכען קערפּער, — און איז געוואָרען דאָס געזונטע בלוט, וואָס רינט אין די אָדערן פון יעדער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

די אימאַנענטע גײַסטיגע ענערגיע ווײַזט זיך, ווי יעטווידע ענערגיע, אַרויס דערפאַר, וואָס זי איז פאַראַן, ניט דערפאַר, וואָס מען דאַרף זי; און דאַן: אַז זי איז פאַראַן, מסתמא דאַרף מען זי; אויף אַן אָרגאַנישען פּראָצעס פרעגט מען קיין קשיות ניט: אינטעליגענטישקײַט איז, אַדאַנק פּרצ'ן, געוואָרען אין דער יודישער ליטעראַטור אַן אָרגאַנישע זאַך. פּרץ טיילט ניט די טעמעס און די ליטעראַרישע פאָרמעס אויף אַזוינע, וואָס פּאַסען און אויף אַזינע, וואָס פּאַסען ניט פאַר דער ליטעראַטור אויף יודיש; ער זוכט שוין ניט קיין ספּעציעלע לײַכטע שפּײַז פאַר דעם יודישען לעזער, וועלכער קאָן נישט אַלץ פאַרדייהען. ניין, פּרץ האַלט, אַז אַלץ, וואָס טויג פאַר איהם, פאַר דעם יודישען אינטעליגענט, טויג אויך פאַר דעם יודישען לעזער; אַלץ, וואָס לעבט און וועבט בײַ איהם אין האַרצען און אין מוח, מוז געפינען אַן אויסדרוק אויך אין דער יודישער ליטעראַטור, וואָרום ניט ער איז פאַר איהר בעשאַפען, נאָר זי פאַר איהם, און זי מוז דינען דער גײַסטיגער פּראָדוקציע, ניט נאָר דעם גײַסטיגען געברויך, זי מוז זײַן אַן אויסדרוק פון קולטור, ניט נאָר פון קולטור־טרעגערײַ...

אַ רינג אין דער קייט פון דער יודישער קולטור, אין דער קייט, וואָס פאַרבינדט די יודישע מאַסען מיט דער יודישער אינטעליגענץ —

אָט דאָס האָט פּרץ געמאַכֿט פֿון דער יודישער ליטעראַטור. און אָט דאָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויך אין זײַן סטיל.

פּרצ'ס סטיל איז שוין ניט דער געמאַכֿטער, נאָכקרימענדיגער און זיך צופּאַסענדיגער סטיל פֿונ'ם אינטעליגענט, וואָס שרײַבט אויף דער שפּראַך פֿונ'ם פּראָסטען פֿאָלק. דאָס איז דער נאַטירליכער סטיל פֿונ'ם אינטעליגענט, וואָס די פֿאָלקסשפּראַך איז זײַן אייגענע שפּראַך, פֿונ'ם אינטעליגענט, וואָס שרײַבט אויף דער פֿאָלקסשפּראַך אַזוי, ווי ווען זײַנע לעזער וואָלטען געווען ניט פֿאָלקס־מענשען, ניט המון־עם, נאָר אַזוינע אינטעליגענטען, ווי ער... אין איינעם פֿון זײַנע פֿעליעטאָנען אין די „יום־טובֿ־בלעטלעך“ שרײַבט ער וועגען זײַנע לעזער: „איהר זײַט דאָך „גראָבע יונגען“, המון עם, מען שילט דאָך מיך מיט טויטע קללות, פֿאַרוואָס איך זאָג אײַך אַמאָל אויס פֿון הדר — — — — מען יאָגט דאָך מיך אַרום, פֿאַרוואָס איך רעד מיט אײַך, ווי מיט מענשען“ (מײַן קורסיוו — ש. נ.) — און אָט דאָס איז געווען טאַקע דער נײַס, וואָס פּרץ האָט אויפֿגעטאָן אין דער יודישער ליטעראַטור און פֿריהער ווי אַלץ אין דעם יודישען סטיל: — ער האָט גענומען רעדען מיט די יודישע לעזער, ווי מיט מענשען. ער האָט גענומען רעדען צו זיי ניט ווי צו אַזוינע, צו וועלכֿע ער מוז זיך אַראָבלאָזען, נאָר ווי צו לעזער, וואָס ער וויל זיי אויפֿהויבען צו זיך. ער האָט גערעדט מיט זיי דעריבער ניט אויף זייער, נאָר אויף זײַן שפּראַך.

זײַן שפּראַך, זײַן יודיש האָט אָבער ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען פֿון קיין שום גרעניצען. מיר האָבען שוין פֿריהער געזאָגט, אַז פּרץ נעמט מאַטעריאַל פֿאַר זײַן יודיש, וואו נאָר עס לאָזט זיך נעמען: פֿון פֿרעמדע שפּראַכֿען און פֿון העברעאיש, פֿון דער נײַער ליטעראַטור און פֿון דער אַלטער. ער האָט קיין מורא ניט פֿאַר פֿרעמדווערטער אַפֿילו אין די נעמען, אין די קעפּלעך פֿון זײַנע ווערק: „ווענוס און „שולמית“, יענקעל פּעסימיסט“... און טאָמער קומט איהם אויפֿ'ן זינען אַ פּסוק, אַ גמרא־ווערטיל, ברענגט ער אַ פּסוק, אַ גמרא־ווערטיל... דער פּראָסטער לעזער וועט נישט פֿאַרשטעהן? וועט ער ניט פֿאַרשטעהן! אַבי דער געדאַנק וועט קומען צום אויסדרוק. דער געדאַנק האָט זײַנע אויטאָנאָמע רעכֿט... זאָל די בלום אויפֿהערען צו דופֿטען, ווײַל בײַ אײַך איז די נאָז פֿאַרלעגט? און דאַן: אַ געדאַנק, אַז ער ווערט געבוירען, לעבט ער; וועט ער דעם נישט ניצען, וועט ער ניצען אַן אַנדערן, וועט ער הײַנט בלײַבען אומפֿאַרשטאַנען, וועט מען איהם מאָרגען פֿאַרשטעהן... און אַלע אויסדרוקסמעגליכקײַטען, וואָס קאָנען נאָר געמאָלט זײַן אין דער יודישער שפּראַך, האָט פּרץ אויסגעניצט, כּדי צו געפֿינען אַ תּיקון, אַ לבֿוש פֿאַר זײַן נשמה, פֿאַר זײַן גײַסטיגער ענערגיע. אַלע קוואַלען פֿון יודישער און וועלט־קולטור, וואָס פּרץ האָט געצויגען פֿון זיי גײַסטיגע חיונה, זײַנען געוואָרען קוואַלען, וואָס נעהרען אויך זײַן שפּראַך.

ש. ניגער. — וועגן פּרצ׳ס יודיש.

ביז פּרצ׳ן האָט די יודישע ליטעראַטור זיך געטוליעט צום פֿאָלקלאָר און מורא געהאַט צופֿיל צו דערווײַטערן זיך פֿונ׳ם איינפֿאַכן פּרימי-טיווען פֿאָלקס-לעבן, — און אויך די יודישע שפּראַך האָט בײַ די, וועלכע האָבן נישט געמאַכט פֿון איהר קיין ווילדען טײַטשמעריש, געזויגען איהר היות דערהויפּט פֿונ׳ם פֿאָלקס-מויל; מענדעלע האָט אײַנ-געזאַפּט אין זיך אויך די עלטערע ליטעראַטור פֿונ׳ם פּראָסטען פֿאָלק (טײַטש-חומש, תּחינות וכדומה), אָבער נישט מעהר. מענדעלע איז אויך נאָך אײַנגעטונקט אין פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפּיע, הגם ער האָט די ביידע זאַכען אַזוי פֿאַרטיפֿט און פֿאַראיידעלט. פּרץ האָט דער ערשטער געמאַכט אַ שאַרפֿען גרעניץ צווישען פֿאָלקלאָר און ליטעראַטור; נישט נאָר דאָס איינפֿאַכע לעבען פֿון די פֿאָלקסמאַסען — אויך די טיפֿע אינעווייניגסטע איבערלעבענישען פֿון דער אינטעליגענץ, נישט נאָר די מסורה, וואָס לעבט אינ׳ם פֿאָלקסמויל — אויך די גאַנצע ירושה פֿון דער אַלטער יודישער קולטור האָט אָנגעפֿילט די לופֿט פֿון זײַן שאַפֿען, און דאָס האָט אויך זײַן יודיש געמאַכט פֿאַר אַ שפּראַך, וואָס שפּיגעלט אָב אין זיך ניט נאָר דאָס לעבען און שטרעבען פֿון די פֿאָלקסמאַסען, נאָר אויך אַלע טיפֿענישען און ברייטענישען פֿון אַ טויזענטיעהריגען גײַסט-לעבען... די יונגקײַט פֿון דער שפּראַך שפּירט זיך אויך אין פּרצ׳ס יודיש, אָבער אינאיינעם דערמיט גיט אונז פּרצ׳ס יודיש צו פֿיהלען, אַז דאָס לעבען, וואָס נעהרט אָט די יונגע שפּראַך, איז אַ לעבען פֿון אַן אַלטען פֿאָלק. די עלאַסטישקײַט פֿון פּרצ׳ס יודיש ליגט אין דעם, וואָס עס לאָזט זיך ציהען אין דער טיף, נישט נאָר אין דער ברייט: פּרצ׳ס יודיש איז צוקונפֿטספֿעהיג דערפֿאַר, וואָס עס איז פֿאַרגאַנגענהײַטספֿעהיג...

און די אונטערשטע שורה איז, אַז פּרצ׳ס יודיש האָט זיך אַײַנגע-פֿלאָכטען אין דער קייט פֿונ׳ם היסטאָרישען יודישען קולטור-שאַפֿען, איז געוואָרען אַ שפּראַך, וואָס ציהט איהר יניקה פֿונ׳ם נעכטען און אייערנעכ-טען, נישט נאָר פֿונ׳ם הײַנט, פֿון די אויבערשטע, ניט נאָר פֿון די נידעריגע פֿאָלקסשיכטען, און איז אַדאַנק דעם מסוגל געוואָרען צו זײַן די שפּראַך פֿון דער אינטעליגענץ, ניט נאָר פֿונ׳ם פּראָסטען פֿאָלק.... פּרץ האָט דער-הויבען די יודישע שפּראַך ביז צו זיך אַליין און ממילא האָט ער זי אויפֿגעהויבען ביז צו דער מדרגה פֿון אַן אינטעליגענץ-שפּראַך*.

* מען מוז מודה זיין, אז אין דער טעאָריע האָט אויך פּרץ אין אָנ-הויב, פּונקט אזויווי אלע, געקוקט אויף יודיש, ווי אויף דער שפּראך פֿונ׳ם המון עם: „ווער עס וויל טרעפֿפען, האָט ער געשריבען אינ׳ם פּראָגראם-ארטיקעל פֿונ׳ם זאמעל-בוך „ליטעראטור און לעבען”,—ווער עס וויל טרעפֿפען צו רייכע, אינטעלליגענטע אָדער בעלי בתּישע הייזער, דער קאָנן אנדערע שפּראכען בענוצען; ווער עס וויל טרעפֿפען צו׳ם הארץ און מוח פֿון פּראָסטען, איינפֿאכען פֿאָלק, צו די, וואָס די העכערע קלאס-סען רופֿען מיט פֿעראכטונג „המון עם”, דער מוס שרייבען זשארגאָן”... אָבער דאָס

די יודישע וועלט.

IV

מיר זיינען אויף דעם אופן געקומען צוריק צו אונזער אויסגאנגס־פונקט — צו פרצ׳ס פערזענליכקייט. פון פרצ׳ס איך איז צו פרצ׳ס סטיל איבערגעגאנגען, ווי מיר האבען געזעהן, די פילפארביגקייט, די בעוועגליכ־קייט, די עלאסטישקייט, די אָרגאַנישע אינטעליגענטישקייט און די קולטור־טראדיציע. אָבער ניט דאָס אליין. פון די דריי הויפּטשטריכען, וואָס נאָך מיין מיינונג נאָך זיינען זיי כאראקטעריסטיש פאר פרצ׳ס שאפען— דעם אינטעלעקטואליזם, דעם ראָמאנטיזם, דעם עטיציזם*— האָבען מיר אין זינען געהאַט ביז אהער נאָר די ערשטע צוויי זאכען: דעם אינטעלעקטואליזם און דעם ראָמאנטיזם. מיר האָבען געזעהן, אז פרצ׳ס סטיל איז, ווי פרצ׳ס שאפען, ראָמאנטיש (להיפוך צו קלאסיש) און אינטעלעקטואליסטיש**. אין פרצ׳ס סטיל אָבער פיהלט זיך אויך די עטישע נאטור פרצ׳ס — אָט דער דריטער יסוד פון זיין שאפען...

פון דער עטישער נאטור פרצ׳ס נעמט זיך דאָס, וואָס ביי איהם איז דער עיקר דאָס אינהאלטליכע, ניט דאָס פאָרמעלע. און דאָס האָט א גרויסע ווירקונג געהאט אויף פרצ׳ס יודיש.

איז געווען נאָר א טעאָריע. אין דער ווירקליכקייט האָט פרץ געשריבען אויף יודיש, אזויווי ווען דאָס וואָלט געווען די שפראך פונ׳ם גאנצען פאָלק, פון אלע זיינע קלאסען און שיכטען. אין דער ווירקליכקייט האָט פרץ אליין געמאכט יודיש מסוגל צו ווערען די שפראך פון דער יודישער אינטעליגענץ. שפעטער האָט פרץ, אגב, אויך די טעאָריע פאררירכט. אמת, אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אפילו רופט ער נאָך אָן יודיש פאָלקס־שפראך און האלט, אז דעם געהויבענעם טיטעל נאציאָנאל־שפראך דארף יודיש ערשט פארדינען, אָבער ער שעצט שוין דאן זעהר הויך דעם פאָליטיש־און קולטורעל־נאציאָנאלען ווערט פון יודיש: „מיר זיינען א יודיש פאָלק, זאָגט ער אין זיין היסטאָרישער רעדע ביים עפענען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ,—און יודיש איז אונזער שפראך, און אין אונזער שפראך ווילען מיר זיך דורכלעבען און אונזער קול־טור־גיטער בעשאפען״, „און אין דער שפראך ווילען מיר אונזער אוצר זאמלען, אונ־זער קולטור בעשאפען, אונזער נשמה ווייטער וועקען (וועבען?), און קולטורעל זיך פער־אייניגען צווישען אלע פעלקער און אין אלע צייטען״, און זיין וויכטיגסטער פאָרשלאג איז: „די איבערזעצונג פון אלע ווירקליכע קולטור־גיטער פון אונזער גאָלדען־פרייער פערגאנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבעל״...

(„ד״ר בירנבוים׳ס וואָכענבלאט״ נומ׳ 2, טשערנאָוויץ 1908).

* זעה דעם ארטיקעל וועגען י. ל. פרץ אינ׳ם בוך „וועגען יודישע שרייבער״ I.

** אגב, דער אינטעלעקטואליזם פון פרצ׳ס סטיל דריקט זיך אויס ניט נאָר אין דער הויכער אינטעלעקטועלער קולטור, וואָס פיהלט זיך הינטער איהם, און ניט נאָר אין דער אינטעליגענטישקייט פונ׳ם מאטעריאל, פון וועלכען ער איז אויפגעבויט; אין דעם עצם געביי פון פרצ׳ס סטיל, אין דער קאָנסטרוקציע פונ׳ם איינציגען זאץ און אין דער פארבינדונג פון די זאצען וועט דער אויפמערקזאמער לעזער בעמערקען א געוויסע שכל׳דיגקייט און פארשפּיצטקייט, א געוויסע ראפינירטקייט פונ׳ם דענקען ... א נאָהענטע שייכות צום אינטעלעקטואליזם פון פרצ׳ס סטיל האָט אויך דער אפאָריזם, וועלכער בעגעגענט זיך ביי פרצ׳ן אזוי אָפט...

די דאָזיגע ווירקונג האָט זיך קודם כּל אַרויסגעוויזען אינ'ם עצם פֿאַקט פֿון פּרץ'ס דערווײַטערן זיך, וואָס ווײַטער, אַלץ מעהר פֿון דער העבּרעאישער ליטעראַטור און זײַן אָבּגעבּען זיך דער ליטעראַטור אויף יודיש.

עס איז קיין שום חידוש ניט, וואָס פּרץ האָט געשריבּען אויף אויף יודיש, כאָטש ער האָט אין אָנהויבּ פֿון די נײַנציגער יאָהרען סימפּאַטיזירט גאַנץ אָפֿען „מיט דיא, וואָס װילּלען דען זשאַרגאָן אויף אַ לעבּענדיגער לאַנדעסשפּראַכע פּערטוישען", („דיא יודישע ביבּליאָטעק", I, ז. 10 וואַרשא 1891), כאָטש ער האָט דאַן געהאַלטען, אַז „זשאַרגאָן איז נור אַ ניאַנקע, די װילל נור אויסלערנען גיין, זיצען, אָנהייבּען רעדען.... דערנאָך — מאָגט איהר דיא ניאַנקע אַרויסוואַרפֿען א. אַז. וו." (דאָרט, ז. 15); אַזוי האָבּען אויף יודיש געקוקט כּמעט אַלע משׂכּילים פֿון דער „אַסימילאַטאָרישער" און חבת-ציוני‌שער תּקופֿה און פֿונדעסטוועגען האָבּען זיי אַלע כּמעט געשריבּען אויף יודיש, ווער מעהר און ווער ווייניגער, און פּרץ האָט אייגענטליך נאָר איבּערגע'חזר'ט אַן אַלטען מאָטיוו, ווען ער האָט אין דעם ערשטען באַנד פֿון זײַן פֿריהער ציטירטער „יודישער ביבּליאָטעק", אינ'ם אַרטיקעל „בילדונג", געשריבּען: „מיר ווילּלען בּילדען דאָס פֿאָלק און שרײַבּען זשאַרגאָן, ווײַל מיר האָבּען אַיין ערך פֿון דרײַא מיליאָן נפֿשות, וואָס פֿערשטייען נור זשאַרגאָן", „און אויבּ מיר װילּלען דיא דרײַא מיליאָן נפֿשות בּילדען, קאָננען מיר ניט וואַרטען, בּיז זייא וועללען זיך אַנדערע שפּראַכען אויסלערנען". פֿון דער דאָזיגער מיינונג האָבּען — אין דער טעאָריע, ווייניגסטענס — געהאַלטען אַלע, און עס איז דערום קיין שום חידוש ניט, וואָס פּרץ, וועלכער האָט געוואָלט „בּילדען דאָס פֿאָלק", האָט געשריבּען אויף דער שפּראַך פֿונ'ם פֿאָלק. אַ חידוש איז, וואָס ער האָט בּיסלעכווײַז אויפֿגעהערט שרײַבּען העבּרעאיש, כאָטש ער האָט אַ לענגערע צײַט סימפּאַטיזירט „מיט דיא אָנהענגער פֿון „שׂפה בּרורה", ווי ווײַט זיי שטעלען זיך אַלס צוועק, צו פֿערבּרייטערן דיא העבּרעאישע ליטעראַטור, צו שטיצען דיא שריפֿטשטעלער וכדומה", כאָטש ער רעדט אין דעם נאָר וואָס ציטירטען אַרטיקעל מיט אַזאַ בּרען און אַזאַ התלהבות וועגען דעם גרויסען נאַציאָנאַלען ווערט, וואָס שטעקט אין לשון-קודש! און נאָך וואונדערליכער וועט אויסקומען פּרץ'ס דערווײַטערן זיך פֿון העבּרעאיש, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען, אַז פּרץ איז פֿון אָנהויבּ אָן געווען ניט אַזוי אַ רעאַליסטישער זיטען-מאָלער, וואָס איהם א'ז שווער אויסצוקומען אָהן דער שפּראַך פֿונ'ם טאָג-טעגליכען לעבּען, ווי אַ שרײַבּער, וואָס האָט זיך אָבּגעגעבּען דערהויפּט מיט דער אינעווייניגסטער זײַט, מיט דער נשמה פֿונ'ם לעבּען: איז דען ניט העבּרעאיש די שפּראַך פֿון דער נשמה, פֿון דער רוחניות'דיגקײַט? איז דען ניט העבּרעאיש די שפּראַך, וואָס א'ז, ניט אין ערך מעהר ווי יודיש, אָנגעמאָסטען פֿאַר יענער הויכער אינטעלעקטועלער ענערגיע, פֿאַר יענער שבּת-יום-טובֿ'דיגער תּלמיד-חכם'-

דיגקייט און נשמה־יתרה׳דיגקייט, וועלכע פּרץ האָט געבראַכט מיט זיך? פֿאַרוואָס האָט זיך פּאָרט פּרץ דערווייטערט פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור? אָדער אפשר איז ער צו ווייניג געווען בעה״בית׳ש אין דער העברעאישער שפּראַך? טראַכטען אַזוי אָבער קאָן נאָר דער, וואָס האָט נישט געלייענט פּרצ׳ס העברעאישע ווערק: פּרצ׳ס העברעאישע ווערק פֿון די 90־גער יאָהרען, בעזונדערס דער „ההיך" און דערהויפּט די קליינע שירים פֿון „העגב" ציי‏גען, אַז פּרץ האָט געקאָנט (נישט געקוקט אויף די פֿעהלערן אין דקדוק, וואָס פֿרישמאַן האָט געזוכט און געפֿונען אין „העגב") ניט נאָר שעֹן שרייבען העברעאיש, נאָר אויך לייכט און גראַציעז. אויב פּרץ האָט דאָך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פֿאַרלאָזען זיין געליבטען לשון־קודש, איז עס נאָר מחמת דעם פֿריהער דערמאָנטען טעם, — מחמת דעם, וואָס פּרץ איז, ווי אַן עכטישע נאַטור, געווען שטענדיג גרייט מקריב צו זיין די פֿאָרם צוליב דעם אינהאַלט, דעם תּוך: „די שפּראַכע, האָט ער געשריבען, איז נור דיא פֿאָרם, דער תּוך מוז זיין דיא אידעע"; „קיין שפּראַכע איז אַן אונד פֿיר זיך נישט הייליג, נישט גוט, נישט שלעכט. די שפּראַכע איז נור אַ מיטעלל איינער זאָלל דען אַנדערען פֿערשטיין און געבילדעטע מענשען זאָללען אויף דיא אונגעבילדעטע ווירקען" (דאָרט ז. 14, 12). דעם אייגענעם געדאַנק הזר׳ט ער איבער שפּעטער אינ׳ם אַריינפֿיהר צום זאַמעלבוך, „ליטעראַטור און „לעבען" (וואַרשא, 1894). און אָט דער קוק פּרצ׳ס אויף דער שפּראַך און בכלל אויף דער פֿאָרם, ווי אויף אַ מיטעל, נישט ווי אויף אַ ציל און אַ ווערט פֿאַר זיך אַליין, אָט דער ריין עטישער קוק האָט געבראַכט דערצו, אַז פּרץ האָט אויך פֿון לשון־קודש נישט געוואָלט מאַכען קיין עבֿודה־זרה, קיין אָבגאָט, וואָס אַלע דינען איהם און ער דינט קיינעם נישט... „אַמאָל, שרייבט ער, פֿלעגט מען הייסען לערנען תּנ״ך, כּדי מען זאָלל קעננען העברעאיש, כּדי מען זאָלל שרייבען שירים און קלינגענדע מליצות". תּנ״ך איז געווען, הייסט עס, אַ מיטעל, העברעאיש, מליצה — אַ ציל. „מיר, זאָגט פּרץ, וויללען דאָס פֿאָלק אין גאַנצען זאָלל קעננען העברעאיש, כּדי עס זאָלל נישט דאָס תּנ״כל פֿערגעסען" (יוד. ביבליאָטעק, I, ז. 11). פֿאַר איהם איז העברעאיש נישט קיין ציל פֿאַר זיך אַליין, נאָר אַ מיטעל, אַ שליסעל צום אוצר פֿון דער יודישער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דער יודישער טראַדיציע, פֿון דער יודישער קולטור, פֿונ׳ם „תּנ״כל", און נאָר ווי ווייט עס דינט דעם דאָזיגען ציל, האָט עס אַ ווערט פֿאַר איהם. ווי ווייט דעם ציל פֿון מאָדערנער איראָפּעאישער בילדונג דינט, פֿאַרקערט, די „לאַנדעס־שפּראַך" אָדער „זשאַרגאָן", ניט העברעאיש, — האָבען אַ ווערט פֿאַר אונז, לויט פּרצ׳ס מיינונג אין יענער צייט, אָט די „לאַנדעסשפּראַך" און אָט דער „זשאַרגאָן". מיט אַ פֿאַרביטערטקייט רעדט ער קעגען די, וואָס מיינען, „אַז עס איז גענוג, אַז 40—50 בטלנים זאָללען מאַכען ביכלעך און

פֿערשרײַבען אַללע נײַע וואָרטער, וואָס זייא וועללען טרעפֿפֿען אָדער אויסקלערען, אונ דערנאָך מאַכען דערפֿון אַ פֿאָלקאָמען וואָרטערבוך״. „עס זענען דאָ, זאָגט ער, בטלנים, וואָס ווערען דערפֿרייט, אַז זייא זעהען אַ העברעאישען ראָמאַן; קריגען קעלבערנע התלהבות פֿון אַ העברעאישען וואַנד־קאַלענדאַר. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס וויללען שוין דיא קינדער אויף העברעאיש ערציהען! זייא ווייסען נישט, אַז דיא שפּראַכע איז נור דיא פֿ אָ ר ם, דער תוך מוז זײַן דיא א י ד ע ע. זייא האָבען קיין בעגריף נישט דערפֿון, אַז וואָרטער זעננען נור סימנים פֿון בעגריפֿען, אַז ווער עס וויל זײַן א י י ג ע נ ע שפּראַכע — מוז פֿריער זײַן א י י ג ע נ ע בילדונג האָבען — — — — זאָל שוין אַפֿילו דאָס גאַנצע פֿאָלק רעדען העברעאיש, וועלען מיר דערפֿון האָבען אַ ציוויליזאַציע?״ (דאָרט, ז. 13).

און אַז די נײַ־העברעאישע ליטעראַטור זאָל העלפֿען שאַפֿען בײַ יודען בילדונג, קולטור, „ציוויליזאַציע״ — אין דעם גלויבט פּרץ ניט. „ביז דעם הײַנטיגען טאָג איז דיא נײַ־העברעאישע ליטעראַטור זעהר אָרעם, צווישען גאַנצע פּודען ביבולאָ פֿערדרוקטע מיט שׂרפֿות, מעשׂות פֿון גע־האַנגענע, פֿון מחלוקת׳ן אין קליינע שטעדטלעך, אַ בעשרײַבונג פֿון נײַע באַנק אין איין אַלט באָד אין איין „עיר ואם בישׂראל״ האָצעפּלאָך, אַ קינה אויף אַ געשטאָרבענעם גביר צי אַ דין, — צווישען גאַנצע פּודען שמאַטעס, קאָננט איהר הײַנט געפֿינען, האָטש זעלטען, אַ קליין אָרדענטליך אַרטיקעל!... אַ קראָפּלע געזונדטען פֿערשטאַנד און אַ ים פֿון דומהײַטען! נור די קראָפּלע איז אויך נישט געבליבען....״ (דאָרט).

נאָר אפֿשר קאָן מען א ו י ס ב ע ס ע ר ן די נײַע העברעאישע ליטעראַטור? אפֿשר קאָן מען דאָך מאַכען, אַז זי זאָל זײַן ניט קיין צוועק פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר פּוסטע מליצה־שרײַבער, נאָר אַ מיטעל שענער און בעסער צו מאַכען דאָס לעבען?

אפֿשר קאָן מען אויף העברעאיש טאָן דאָס אייגענע, וואָס אויף יודיש? פּרץ פּרובט זיך. צוגלײַך מיט די „יום־טוב־בלעטלעך״ און מיט׳ן זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבען״, הויבט ער אָן אַרויסגעבען אין יאָהר 1894 דעם העברעאישען „ההץ״. (ההץ, ילקוט ספֿרותי, נערך על ידי י. ל. פּרץ, וואַרשא תר״נד). ווי עס איז צו זעהען פֿון דער ווענדונג „צום לעזער״ (אל הקורא!״) האָט „ההץ״, פּונקט אַזויווי די „בלעטלעך״, געזאָלט זײַן אַ ק אַ מ פּ ס־אָרגאַן; אויף דעם זאָגט אויך עדות דער נאָמען: „ההץ״ — די פֿ ײַ ל. סימנים פֿון אָט דער קאַמפּסשטימונג איז צו זעהן אויך אינ׳ם ערשטען און איינציגען „ההץ״, וואָס איז אַרויס: אין דער קריטיק אויפֿ׳ן אַחד־העמיסטיש־חבֿת־ציונשען זאַמעלבוך „הפּרדס״ טרעט פּרץ — איינער פֿון די ערשטע — אַרויס קעגען דער אידעע פֿון אַ „מרכז רוחני״, אַ גײַסטיגען צענטר, אין ארץ ישׂראל: „צי קאָן עס, פֿרעגט ער, געמאָלט זײַן, אַז דער סטורקאַטש ד. ה. דאָס פֿאָלק זאָל זײַן אין איין אָרט און

די יודישע וועלט.

דער פֿײַער — די קולטור פֿונ'ם פֿאָלק — אין אַן אַנדער אָרט?" און צום סוף פֿרעגט ער נאָך אַ האַרבערע — און נאָך אַן אומגעריכטעדע — קשיה: „וואָסער צוועק איז נעהענטער: דאָס בעקומען ארץ ישראל אָדער דער אמת'ער הומאַניזם?" און ווי מיט דער פובליציסטיק, אַזוי איז ער אויך נישט צופֿרידען אין „ההיך" מיט דער בעלעטריסטיק און מיט דער גאַנצער דעמאָלטיגער ליטעראַטור אויף העברעאיש. אין די „בריף וועגען ליטעראַטור" (מכתבים על אדות הספרות") זאָגט ער: אַז „די עלטערע שרײַבער האָבען אויסגעבויט די שפּראַך אין געמאַכט פֿון איהר אַ געפֿעס, וועלכע די יונגערע דאַרפֿען אָנפֿילען מיט ווײַן", אָבער דאָס, וואָס די „יונגע" גיבען, איז נישט קיין ווײַן, נאָר עפּעס אַ מין משונה'דיג געמיש פֿון הבת־ציון און ספּענסער, „רעאַליזם" און דניאל דירונדה! די „יונגע", וואָס האָבען זיך בעוויזען דאַן אין דער העברעאישער ליטעראַטור (אונטער דער פֿאָהן פֿון „אַחיאָסף", פֿון בן־אביגדור'ס „ספרי אַגורה") שטעלען פּרצ'ן נאָך ווייניגער צופֿרידען ווי די אַלטע, ווײַל ער פֿאָדערט פֿון זיי מעהר, וויפֿיל פֿון יענע (יענע, זאָגט ער, זײַנען געווען „בלשנים", בעלי־לשון, די ווילען זײַן „מורים" — לעהרער פֿון פֿאָלק), און אין די דערמאָנטע „בריף" אינ'ם „ההיך" זאָגט ער צו זיך אומצוקערען צו זיי, צו אָט די „יונגע", נאָר... מעהר ווי איין ביכעל „ההיך" איז נישט אַרויס! זײַן קאַמף קעגען די בעליבתיש־בטלנ'ישע און די „השיבנו־ נאַזאַד"טענדענצען פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור פֿיהרט פּרץ ווײַטער און נאָך ענערגי'שער, ווי אין „ההיך", אָבער שוין ניט אויף העברעאיש, נאָר אויף יודיש — אין די „יום־טוב־בלעטלעך"! קאָנטיג, אַז פּרץ האָט דערפֿיהלט, דאָס פּאַר אַזוינע אויסגאַבען ווי „ההיך", איז ניטאָ קיין אָרט, קיין לופֿט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און זיי מוזען זײַן דאָרט (ווי ליבערמאַנס „האמת" און ווינטשעווסקיס „אספֿת חכמים" אין די 70־גער יאָהרען) אַ דיסאָנאַנס. די זײַדענע יונגע לײַט, די משכּילים און די חובבים, האָבען געלייענט אַלץ, וואָס אי'ז נאָר געדרוקט געווען אויף דער הייליגער שפּראַך, אין אַזוינע „אויסטעדלישע", „פּיקאַנטע" זאַכען, ווי „האמת", פֿלעגען זיי לייענען אפשר גאָר מיט אַ בעזונדער השק, מיט אַ בעזונדער הנאה, וואָס מען קאָן שרײַבען אויף לשון־קודש אויך וועגען „אַזוינע" זאַכען, בײַ זיי איז דאָך דער עיקר געווען דער ל ש ו ן; די דאָזיגע „אברכי־משי" האָבען מסתמא געלעקט די פֿינגער אויף פֿונ'ם „ההיך" און זײַן לשון. פֿאַר פּרצ'ן אָבער, וואָס די הויפּטזאַך איז בײַ איהם פֿון תמיד אָן דער אינהאַלט, דער תוך, די אידעע, פֿאַר פּרצ'ן איז ווייניג געווען צו זײַן אַ בעל־לשון, אַ שפּראַך־מײַסטער, ער האָט געוואָלט זײַן באמת אַ לעהרער, אַ פֿיהרער, אַ וועג־ווײַזער, ער האָט געזאָלט האָבען אַ לעזער, וואָס זאָל זיך נויטיגען אין איהם, אַ לעזער, וואָס מען זאָל קאָנען אויף איהם ווירקען, אַ לעזער, וואָס די נײַע אידעען, די נײַע השגות, וואָס ער, דער שרײַבער, ברענגט אַרײַן אין דער ליטעראַ=

טור, זאָלען זײַן פֿאַר איהם אַ לעבענס־זאַך, ניט קיין מליצה, ניט קיין „ניבים נאוים ונאומים נעימים": אַזאַ לעזער האָט מען געקאָנט געפֿינען דאַן נאָר צווישען די, וואָס לייענען יודיש, ד. ה. נאָר צווישען די פֿאָלקס־מאַסען און דער פֿאָלקס־אינטעליגענץ, ניט צווישען די, וואָס קוויקען זיך מיט לשון־קודש, ד. ה. ניט צווישען די מאַטעריעל־ און גײַסטיג־זאַטע בעלי־בתים און בעלי־בית'לעך. די עצם אוידיטאָריע פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, די סאָציאַל־קולטורעלע לופֿט, וואָס רינגעלט זי אַרום, איז אַזאַ, אַז געוויסע אידעען, געוויסע אינהאַלטען מוזען איהר בלײַבען פֿרעמד, פֿרעמד האָבען איהר געמוזט בלײַבען אויך פּרצ'ס אידעען פֿון יענער צײַט, און אַז איהר קוקט זיך צו (אין די „יום־טוב־בלעטלעך") צו די גיפֿטיגע פֿײַלען, וועלכע פּרץ וואַרפֿט אין דער מהנה פֿון די העברעאישע שרײַבער, אָדער די „לשון־קודש'דיגע קעסעלפֿויקער", ווי ער רופֿט זיי אָן אין איין אָרט, — זעהט איהר, אַז ניט אין דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי שרײַבען, איז ער אויסען צו טרעפֿען, ניט אין דער היסטאָרישער שפּראַך, וועלכע ער שעצט און ליבט נישט ווייניגער פֿון די מליצה־לײַט, נאָר אין דעם אינהאַלט, אין דער אידעע, וואָס פֿעלט אָן די נײַע העברעאישע ליטעראַטור.

דער בעל־הבתיש־קאָנסערוואַטיווער רבניש־בטלנישער גײַסט, די פֿאַרשטיקטע לופֿט, וואָס פֿעלט־אָן די נײַ־העברעאישע ליטעראַטור, איהר „קורא נכבד", — אָט וואָס עס האָט — וואָס ווײַטער, אַלץ מעהר אָבגעשטויסען פּרצ'ן פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור און געמאַכט איהם פֿאַר אַ יודיש־שרײַבער!

אויך בײַ מענדעלע'ן איז דאָס איבערגעהן פֿון העברעאיש צו יודיש געווען ניט קיין פֿראַגע פֿון שפּראַך — וואָסער שפּראַך איז בעסער? — נאָר אַ פֿראַגע פֿון לעזער — פֿאַר וואָסער לעזער דאַרף מען שרײַבען? — אויך בײַ מענדעלע'ן איז עס געווען ניט קיין לינגוויסטיש־עסטעטישע, נאָר אַ סאָציאַל־עטישע פֿראַגע: „ומה היה לסופר בכל עמלו ורעיון לבו, אם לא יועיל לעמו?" — „וואָס קומט אַרויס דעם שרײַבער פֿון זײַן גאַנצער מיה און טראַכטעניש, אויב ער ברענגט נישט קיין נוצען זײַן פֿאָלק?" ד. ה. אויב ער שרײַבט אויף אַ שפּראַך, וואָס דאָס פֿאָלק פֿאַרשטעהט ניט,— פֿרעגט מענדעלע בײַ זיך אַליין, בעת ער טראַכט זיך נעמען פֿאַר יודיש; נאָר פֿאַר מענדעלע'ן האָט דאָך געהאַט אַ בעדײַטונג אויך דער ריין־שפּראַכליכער מאָטיוו, — דאָס, וואָס יודיש איז, זײַענדיג אַליין אַ טייל פֿונ'ם יודישען לעבען, צוגלײַך אויך דער נאַטירליכסטער אויסדרוק, דער סטיל, די פֿאָרם פֿון אָט דעם לעבען. פֿאַר פּרצ'ן אָבער איז דער איבערגאַנג פֿון העברעאיש צו יודיש ווי מיר דוכט, טאַקע אַ פֿראַגע נאָר און נאָר פֿון דער אוידיטאָריע, נאָר און נאָר פֿונ'ם אינהאַלט, אַ פֿראַגע אַ ריין־עטישע און סאָציאַלע, און להלוטין ניט קיין פֿראַגע פֿון שפּראַך און פֿאָרם.

די יודישע וועלט.

פֿון יודיש, ווי פֿון אַ שפּראַך, ווי פֿון אַ פֿאָרם האָט פרץ נישט געהאַלטען דאַן. אמת, נאָך אין יאָהר 1886 האָט ער אין זײַן העברעאישען שיר „מנגינות הזמן“ (האסיף, III) זיך אָנגענומען פֿאַר יודיש; ער האָט געשריבען:

„אהי הסופרים,
אל תטרו לי א־בה,
אם לי שפת בעריל
ושמעריל ערבה,
ובבוז לא אקרא
„עלגים“ ללשונם,
כי לשון עמי
אשמע מגרונם —
לא שפת הקודש,
לא לשון הנביאים,
אך שפת הגולים,
לשון ה„עבריים“,
השפה שתהי
לעד כל הימים
על הדם הנשפך,
על רצח עולמים —
על שוד וכל עמל
פרצו בנו פרץ
ולכל הגליות מארץ אל ארץ
בה בכי האבות,
יליל רוב הדורות,
רעל דברי הימים,
תמרורי הקורות...
הן אבני השהם,
היקר, בה יראו,
הם דמעות ישראל
לא יבשו — נקפאו!“

(„ברידער־שרײַבער, ניט זײַט אויף מיר בײז, אויב מיר געפֿעלט די שפּראַך פֿון בעריל און שמעריל, און איך רוף נישט אָן מיט פֿאַראַכטונג זי ער לשון־זשאַרגאָן, וואָרום איך הער פֿון זייער מויל די שפּראַך פֿון מײַן פֿאָלק — ניט די היילינע שפּראַך, די שפּראַך פֿון די נביאים, נאָר דעם לשון פֿון די פֿאַרטריבענע, דעם לשון פֿון יודען, דעם לשון, וואָס וועט זײַן אַן אייביגער עדות אויף דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט, אויף די אַלע רציחות און חורבנות און אויף די אַלע וואָגלענישען פֿון לאַנד צו לאַנד, דעם לשון,

וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם געוויין פֿון אונזערע עלטערן, דעם וועה־געשריי פֿון די דורות, דעם גיפֿט אין די ביטערקײַט פֿון דער היסטאָריע... די דימענטען און בריליאַנטען, וואָס זײַנען אין איהר אײַנגעפֿאַסט — דאָס זײַנען דאָך די ניט אויסגעטריקנטע — די פֿאַרגליווערט־געוואָרענע יודישע טרערען!"). אָט אַזוי האָט פּרץ געשריבען שוין דאַן — און דוקא אין העברעאיש! — וועגן דעם היסטאָרישען און עטיש־נאַציאָנאַלען ווערט פֿון יודיש. גאָר אַנדערש אָבער האָט ער געקוקט דאַן אויף דעם מאָדערנעם עסטעטישען ווערט פֿון יודיש. אין צוויי יאָהר אַרום נאָך אָט די „מנגינות הזמן", אין יאָהר 1888, האָט ער אין שלום־עליכמ'ס „יודישער פֿאָלקסביבליאָטעק" פֿאַרעפֿענטליכט די בעריהמטע „באַלאַדע" מאָניש; און דאָרט לייענען מיר:

„מײַן ליד וואָלט אַנדערש גאָר געקלונגען,
איך זאָל פֿאַר גויים גוייש זינגען,
נאָר נישט פֿאַר יודען, נישט זשאַרגאָן.
קיין רעכטען קלאַנג, קיין רעכטען טאָן,
קיין איינציג וואָרט ניט און קיין סטיל
האָב איך פֿאַר „ליבע", פֿאַר „געפֿיהל"!
אונזער יודיש האָט נאָר וויצען
א. אַז. וו. א. אַז. וו.

ער איז, אַלזוי, ווײַט געווען פֿון לויב־געזאַנגען לכּבוד דער פֿאָלקס־שפּראַך, איהר אָרעמקײַט איז פֿאַר איהם ניט געווען קיין סוד, און אויב ער האָט איהר דאָך אָנגעטרויט זײַן גאַנצען גײַסטיגען פֿאַרמעג, איז עס נאָר דערפֿאַר, וואָס בײַ איהם איז, ווי געזאָגט, דער עיקר געווען ניט די פֿאָרם, נאָר דער תּוך, ניט דער עסטעטישער, נאָר דער עטישער אימפּולס, — יענער אימפּולס, וואָס האָט איהם גערופֿיי, און געטריבען צום פֿאָלק און צו זײַנע אמת'ע בעדערפֿעניששען.

נאָר דאָס, וואָס אין יודיש, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכען, האָט פּרצ'ן געאַרט נאָר פֿאַר דער סאָציאַל־עטישער, נאָר פֿאַר דער אינהאַלטליכער קײַט, — דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז פֿאַר יודיש, ווי פֿאַר אַ שפּראַך, ווי פֿאַר אַן אייגענאַרטיגער פֿאָרם, האָט ער — די ערשטע צײַט דערהויפּט־ווייניג געזאָרגט. אין זײַנע אויסגאַבען האָט ער אײַנגעפֿיהרט ניט קיין יודישע, נאָר אַ דײַטשמערישע אָרטאָגראַפֿיע, אָפּט אויך די דײַטשע עטימאָלאָגיע („שפּראַכע", „שטערנע" א. ד. ג.). די עלעמענטען, וואָס ער פֿלעגט נעמען פֿון אַנדערע שפּראַכען, פֿלעגען ניט שטענדיג האַרמאָנירען בײַ איהם איינע מיט די אַנדערע. אַפֿילו דער יודישער אַלף־בית איז געווען פֿאַר איהם אַ פֿאָרם, פֿון וועלכער ער איז גרייט געווען, צוליב פּראַקטישע צוועקען, זיך אָבזאָגען. הכּלל, די פֿאַראַכטונג צו פֿאָרם, צו געשטעלטקײַט, צו געזעצטקײַט, צו האַרמאָניע און צו אָרדענונג, — אָט די „עכט־יודישע"

פֿאָרם־פֿאַראַכטונג, וואָס שפּירט זיך אין זײַן גאַנצען לעבען און שאַפֿען, — איז פֿאַראַן אויך אין זײַן סטיל. זײַן סטיל איז אַדאַנק דעם, ווי מיר האָבען געזעהען, בעוועגליך, ריהרעוודיג, דינאַמיש און עלאַסטיש, אַדאַנק דעם געפֿינט זיך די שפּראַך בײַ איהם תמיד אין׳ם מצב פֿון ענטוויקלונג און איז עלול לײַכט איבערצוגעהן פֿון איין מדרגה צו אַן אַנדערער, פֿון איין נוסח צו אַ צווייטען, אָבער טאַקע דאָס מאַכט דעם סטיל זײַנעם פֿאַר אַ נערוועזען, אַן אומרוהיגען, אַ קאַפּריזנעם, און לאָזט איהם זיך ניט אָבשטעהן, קריסטאַליזירען זיך. טאַקע אָט דאָס מאַכט, אַז זײַן סטיל זאָל, ווי זײַן גאַנץ לעבען, רײַסען זיך פֿון די ראַמען, און גיסען זיך, ווי שוימענדיגער ווײַן, איבער די בּרעגען... פּרץ איז געווען אַן עטישע נאַטור ניט ווײַל ער האָט געהאַט, נאָר ווײַל ער האָט *געוואָלט* האָבען, ווײַל ער האָט *געזוכט* עטישע צוועקען, — און אויך זײַן סטיל איז אַ *זוכעוודיגער*, אַ *שטרעבעוודיגער*.

אַ געפֿינעוודיגער און אַ ביסעל אַ בערוהיגטער ווערט בײַ פּרץ׳ן סטיל נאָר דאַן, ווען ער, פּרץ אַליין, געפֿינט זיך אויף וואָס אָנצולעהנען: דאַן, ווען זײַן אייגענע, דורשטיגע און אומרוהיגע, פּערזענליכקײַט טרינקט פֿונ׳ם קלאָרען אָבגעשטאַנענעם קוואַל פֿון אַן אַנדערער, אַ מעהר שטאַנדהאַפֿטיגער און פֿעסטער, פּערזענליכקײַט, — דאַן, ווען ער טרינקט פֿונ׳ם פֿאָלקסקוואַל. אין די רעאַליסטישע בילדער פֿונ׳ם פֿאָלקסלעבען און נאָך מעהר אין די ראָמאַנטישע „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען" און אין „חסידיש", אָט וואו מיר געפֿינען בײַ פּרץ׳ן, כאָטש נאָך אַלץ ניט קיין רוהיגען, אָבער דאָך אַ ריינעם, געלייטערטען, האַרמאָנישען יודיש! אָט וואו די אַלע עלעמענטען פֿון פּרץ׳ס רײַכער און פֿאַרביגער שפּראַך גיסען זיך צונויף אין „איין זינגענדיגער אחדות"! אָבער אין אַלע אַנדערע פֿאַלען (און דערהויפּט אין דער פּובליציסטיק אין דער פּובליציסטישער ליריק) איז פּרץ׳ס סטיל „אויסגעהאַלטען" נאָר אין דעם זין, וואָס די אומרוהיגקײַט, אומקלאָרקײַט און „זוכעוודיגקײַט" פֿון זײַן סטיל האַרמאָנירט דורכאויס מיט דער אומרוהיגקײַט, אומבעשטימטקײַט און „זוכעוודיגקײַט" פֿון זײַן *אינהאַלט*. אין דער פּובליציסטיק, דערהויפּט אין דער אַפֿאָריסטישער אָדער גאָר האַלבבעלעטריסטישער פּובליציסטיק איז פּרץ׳ס געדאַנק אָפֿט מעהר פֿאַרנעפּילט, ווי אומעטום, דאָרט איז קענטיגער ווי אומעטום פּרץ דער זוכער — דערפֿאַר איז אויך דער פּובליציסטישער *סטיל* פּרץ׳ס אָפֿט גאַנץ בעזונדערס פּרץ׳יש: אומרוהיג און ווינקעוודיג.

אויך די אומקלאָרקײַט, וואָס טרעפֿט זיך אָפֿט בײַ פּרץ׳ן אין סטיל, שטאַמט פֿון זײַנע זוכענישען און בלאָנדזענישען, פֿון זײַן אייביגען *ווערען*, פֿון זײַן אייביגען געפֿינען זיך אין׳ם מצב פֿון אַן *עטישער נאַטור אָהן אַן עטיק*, פֿון אַ נאַטור, וואָס שטרעבט צו צילען, וועלכע זי קאָן נישט דערגרייכען... דאָס, וואָס ווערט ערשט געזוכט און געאַהנט,

קאָן ניט זײַן קלאָר. פּרץ אַליין ווינקט אָן אויף דעם אין די פֿריהער דערמאָנטע „מכתּבֿים על אודות הספֿרות“ אין „ההץ“; ער שרײַבט: „די יוגענט, וועלכע איז רײַך אין גײַסט איז אָרעם אין שפּראַך. ניט פֿון וואוילטאָג רעדט זי האַלבע ווערטער (לא מרע לבֿ יגלו טפּה ויכסו טפּחיים“), ניט פֿון גאַווה רעדט זי צום פֿאָלק דורך אַ נעפּיל; זי קאָן ניט אַנדערש! זי איז נתפּעל געוואָרען נאָך איידער זי האָט פֿאַרשטאַנען, נאָך איידער זי האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין דער נײַער זעהונג. זי פֿיהלט אין טאָל דעם מאָרגענשטערן, וואָס געהט אויף דאָרט אויף די בערג, זי זעהט דורכ'ן נעפּיל דאָס, וואָס האַלט אין ווערען („המתהוה“), און אומזיסט פֿאַרלאַנגט איהר פֿון איהר קלאָרע רעד“ — — — „אומזיסט פֿאָדערט מען פֿון דער יוגענט קלאָרע דבורים און בעווײַזען: זי ברענגט דאָך פֿון מויל אַרויס נאָר נבֿיאות“... דאָס זאָגט פּרץ וועגן דער יוגענט, אָבער עס זײַנען פֿאַראַן דאָך מענשען, וואָס אַ גאַנץ לעבען געהערען זיי צו אָט דער יוגענט. „עס זײַנען פֿאַראַן זקנים, לייענען מיר אין דעם אייגענעם אַרטיקעל, — וואָס זײַנען אייביג יונג („אשר מוחם לא התקשה ולחם לא נס“), דער גײַסט פֿון אָט די זקנים לעבט צוריק אויף פּנ'ם אַש. די דאָזיגע זקנים געהען ביז'ן לעצטען טאָג פֿון זייער לעבען בראש פֿון דער מחנה, וואָרום זיי האָבען אַן אויג צו זעהען אין דער געדיכטסטער פֿינסטערניש דעם פּינטעל, וואו עס וועט ליכטיג ווערען“... פּרץ איז געווען איינער פֿון אָט די יונגע זקנים, איינער פֿון די, וואָס זעהען דעם מאָרגענשטערן ערבֿ זײַן אויפֿגעהן, איינער פֿון די, וואָס לעבען מיט דעם, וואָס וועט און דאַרף זײַן, ניט דערמיט, וואָס איז געווען און פֿאַראַן, איינער פֿון די, וואָס זייער צײַט איז די צוקונפֿט, זייער רוים — דאָס ווײַטע: איז דען מעגליך, אַז דער מאָרגען זאָל זײַן אַזוי קלאָר, ווי דער הײַנט, דאָס ווײַטע — ווי דאָס נאָהענטע?

V

פּרצ'ס שפּראַכליכע „אומקלאָרקײַט“ שטאַמט אָפֿט פֿון נאָך אַן אַנדער מקור, אַ מעהר אויסענוויינינגסטען — פֿון פּרצ'ס שטייגער צו שרײַבען, אַזוי ווי מען רעדט.

רעדען רעדט מען ניט נאָר מיט דער הילף פֿון ווערטער. עס זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע צייכענס, וואָס זײַנען בײַ'ם רעדען אָפּטמאָל וויכטיגער נאָך, ווי די פֿאַרבינדונגען פֿון קלאַנגען: די אינטאָנאַציע פֿון דער שטים, אַ בליק, אַ וואונק, אַ מינע, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ קוועטש מיט די פּלייצעס, אַן אָבשטעל און הונדערט אַנדערע זאַכען. דער, וואָס שרײַבט עהנליך צו דעם, ווי מען רעדט, — און אַזוי שרײַבט פּרץ, — פֿאַרלאָזט זיך אויך בײַם שרײַבען אויף אָט די אַלע אָדער אויף אַ טייל פֿון אָט די אַלע שטומע צייכענס. לייענענדיג אַזאַ שרײַבער, מוז מען צוגעבען אין דער פֿאַנטאַזיע צו די געשריבענע ווערטער אין זייערע פֿאַר-

בינדונגען די אַלע רייד־צייכענס, וואָס געהערען צו זיי, מען מוז זיך פאָרשטעלען דעם שרייבער (אָדער די פערזאָן, וואָס ווערט אַרויסגעפיהרט אינ'ם ווערק) רעדענדיג. טוט מען ניט אַזוי, מוזען אַ סך אויסדרוקען ווערען אומקלאָר, אָפט גאָר אומפאַרשטענדליך. עס מוז זיך אויסדוכטען אין פיל שטעלען, אַז צווישען איין וואָרט און דעם אַנדערן, צווישען איין זאַץ און דעם צווייטען פעהלט אַ מיטעל־רינג (אין דער אמת'ן פעהלט דאָ נאָר עפּעס אַ קנייטש אין דער שטים, עפּעס אַ טראָפּ, אַ קוק, אַ מאַך מיט דער האַנט אָדער עפּעס אַן אַנדער בעוועגונג, וואָס שריפט־צייכענס קאָנען זיי נישט אויסדריקען); עס מוז זיך אָפטמאָל אויסדוכטען, אַז אָט דאָס וואָרט, אָט די פראַזע, אָט די פראַגע איז געקומען גאָר אומגעריכט, די פריהערדיגע ווערטער און אויסדריקען האָבען אונז צו דעם ניט צוגעגרייט. הכלל: אָהן אַ שיעור אומקלאָרקייטען מוזען זיך נעמען דערפון, וואָס דער לעזער פאַרלאָזט זיך נ א ָ ר אויף דאָס געשריבענע, בעת פאַרן שרייבער, וועלכער שרייבט, ווי מען רעדט, זיינען די שריפט־ליכע צייכענס אָפט נאָר אַ ט י י ל פון אַ פיל ברייטערער און פולערער סיסטעם פון סימבאָלען. דער לעזער מוז אויפ'ן יסוד פון אָט דעם טייל, פון אָט די ש ר י פ טצייכענס רעקאָנסטרואירען, אויפבויען צוריק דעם גאַנצען ר ע ד ע־בנין, ער מוז „צולעגען קאָפּ“ אין פאַנטאַזיע און ווערען אויף דעם אופן אַ מיטהעלפער, אַ מיטשאַפער דעם שרייבערס. ווערט ער עס ניט, איז ער אַליין שולדיג אין דעם, וואָס ער פאַרשטעהט ניט, וואָס ער לייענט.

און אויך פרצ'ס לעזער איז, אויב נישט אַלעמאָל, אָפט דאָך אַליין שולדיג אין די אומקלאָרקייטען פון פרצ'ס סטיל.

פרץ האָט בכלל פיינט „אַריינצולעגען“ אין מויל“ דעם לעזער, ער פאָדערט בכלל פון זיין לעזער „קאָפּ“, אַקטיוויטעט. נאָר אַ טייל פון אָט דער לעזערישער אַקטיוויטעט מוז קודם כל פאַרווענדט ווערען אויף צוצוגעבען יענע שטומע צייכענס, יענע רעד־צייכענס, וועלכע פרץ האָט שרייבענדיג געהאַט אין זינען, נאָר פאַר וועלכע דאָס געשריבענע וואָרט האָט נישט קיין אויסדרוק. ווען אָט די שטומע, אָבער אָפט פלאַסטישע שפּראַך קומט צו צו דער געשריבענער שפּראַך, הערט פרצ'ס סטיל אויף צו זיין אַן אומקלאָרער (אויב די אומקלאָרקייט נעמט זיך ניט פון טיפערע אינעוויינינגסטע סיבות), און ער ווערט, פאַרקערט, בולט, בעוועגליך און פול מיט לעבען. ער ווערט דאַן אָן די לעצטע שפור פון טויטער „ליטעראַרישקייט“.

אַלזוי, דאָס, וואָס די געשריבענע שפּראַך פרצ'ס איז זעהר נאָהענט צו דער גערעדטער, איז אין תוך גענומען ניט קיין חסרון, נאָר, פאַרקערט, איינע פון די גרעסטע מעלות פון פרצ'ס סטיל. די בעדייטונג דערפון וועלען די ווייטערדיגע בעמערקונגען נאָך קלערער מאַכען.

ש. ניגער. — וועגן פּרץ'ס יודיש.

אַדאַנק דער נאָהענטקייט פֿון פּרץ'ס שרײַב-סטיל צום רעד-סטיל, בעקענען מיר זיך, לייענענדיג פּרץ'ס ווערק, מיט פּרצ'ן אַליין. דאָס האָט פֿיל, זעהר פֿיל צו זאָגען. און אָט פֿאַרוואָס. אויף אַלע דיכטער רוהט די שכינה ניט נאָר בעת'ן שרײַבען, נאָר פֿאַראַן שרײַבער, וואָס די שכינה רעדט אין זיי, נאָר בעת זיי האַלטען די פען אין האַנט; לאָזען זיי אַרויס פֿון האַנט די פען, ווערען זיי שטום, דער הייליגער גײַסט, וואָס לעבט אין זיי, פֿאַררוקט זיך ערגעץ אין אַ שווײַגעדיגער טיפעניש, דער געטליכער פֿונק, וואָס ברענט אין זיי, בעדעקט זיך מיט אַש, און עס דוכט זיך, אַז ער איז פֿאַרלאָשען געוואָרען. אַזוינע דיכטער אַנטפּלעקען זיך אונז נאָר אין זייערע ווערק. וועגען אַזוינע דיכטער זאָגט די וועלט אַ נאַרישקייט, אַז זייערע ווערק זײַנען גרעסער פֿון זיי; ריכטיג איז, אַז זיי גיבען אָב דאָס גרעסטע און בעסטע, וואָס זיי פֿאַרמאָגען — זייערע ווערק, און בעקענענדיג זיך מיט זייערע שאַפֿונגען, בעקענען מיר זיך מיט זיי אַליין און מיר האָבען שוין נישט מעהר, וואָס צו קלבען אין זיי. גאָר צו אַן אַנדער מין שרײַבער געהערט פּרץ. פּרץ איז פֿריהער ווי אַלץ געווען אַ בעגאַבטע און רײַכע, פֿיל נעמענדיגע און פֿיל געבענדיגע פּערזענליכקייט; פּרץ דער שרײַבער איז נאָר אַ טייל פֿון פּרץ'ס גײַסט, נאָר אַ בינטעל פֿונקען פֿון אָט דעם דאָרשטיגען און אומרוהיגען פֿלאַם. קענען פּרץ'ס ווערק הייסט נאָך ניט קענען פּרצ'ן: די פֿונקען זײַנען נישט דער פֿלאַם... אָט פֿאַרוואָס עס איז וויכטיג אַזוי, וואָס די נאָהענטקייט פֿון פּרצ'ס שרײַבסטיל צום רעד-סטיל דערנעהענט אונז, לעזער, צו פּרצ'ן אַליין, אָט פֿאַרוואָס עס איז וויכטיג אַזוי, וואָס מיר האָבען אָפֿט דאָס געפֿיהל, אַז פּרץ רעדט מיט אונז, ווען מיר לייענען זײַנע ווערק, דאָס גיט אונז די מעגליכקייט צו געניסען דעם גאַנצען פּרצ'ן און ניט נאָר זײַן טייל — פּרצ'ן דעם שרײַבער. דאָס פֿאַרשאַפֿט אונז דעם פֿאַרגעניגען צו שמועסען מיט אַ גײַסט-רײַכען און הויכבעגאַבטען מענשען: איז פֿאַר אונז וויכטיג דער אויספֿיהר פֿונ'ם שמועס? ניין, דאָס פֿיהרען דעם שמועס איז אַליין שוין אַ גײַסטיג פֿאַרגעניגען, און דאָס ווירקט אויף דעם אײַנדרוק, וואָס מיר בעקומען פֿון פּרץ'ס ווערק. אַ סך ווערק פּרצ'ס וואָלטען געמאַכט אויף אונז אַ פֿיל קלענערן רושם, ווי איצט, ווען, לייענענדיג זיי, וואָלטען מיר ניט געפֿיהרט קיין שטומען שמועס מיט אָט דעם הויכבעגאַבטען און גײַסטרײַכען מענשען. נאָר אָט דער רעד-טאָן, אין וועלכען פּרץ שרײַבט, נאָר אָט דאָס אינטימע שמועסען, וואָס ער שמועסט מיט אונז, העלפֿט אונז צו פֿיהלען און צו שעצען אָט דעם אינטערעסאַנטען מענשען אַפֿילו דאַן, ווען מיר זײַנען קאַלט און גלײַכגילטיג צו דעם, וואָס ער שרײַבט, העלפֿט אונז פֿיהלען דעם בעדײַטענדען פּרצ'ן אויך הינטער די אומבעדײַטענדסטע ווערק.

אָבער דער רעד-כאַראַקטער פֿון פּרץ'ס שרײַבען איז פֿריהער ווי

אַלץ וויכטיג פֿאַר דעם עצם סטיל. מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אַז דער רעד־טאָן פֿילט אָן פּרצ׳ס סטיל מיט לעבען און בעוועגונג. נאָר ער דריקט זיך אויס אויך אין אַנדערע זאַכען.

הערט זיך צו צום אָטעם פֿון יעדען פּרצ׳ישען זאַץ בעזונדער, וועט איהר זעהן, אַז דאָס איז ניט קיין געשריבענער, נאָר אַ גערעדטער זאַץ. דער טיפּיש־געשריבענער זאַץ האָט אַ לאַנגען אָטעם: פּרצ׳ס זאַץ איז קורצאָטעמדיג. („פעריאָדישע" זאַצען טרעפֿען זיך ביי פּרץ זעלטען).

אין פּרצ׳ס זאַץ איז אַן אָפֿטער גאַסט דער „געדאַנקען־שטריך" (דאָס פֿאַרפּעהלען אַ וואָרט), פּרצ׳ס זאַץ ענדיגט זיך אָפט מיט פּינטעלעך... דאָס זיינען אַלץ זאַכען, וואָס טרעפֿען זיך דערהויפּט ביים רעדען.

ביי דעם אַלעם דאַרף מען נישט פֿאַרגעסען, אַז פּרץ שרייבט, אַזוי ווי ער פֿלעגט רעדען, ניט סתם ווי מען רעדט, און ער פלעגט תמיד רעדען אָבגעהאַקט, קורץ און אויפ׳ן וואונק. דאָס אַפּאָריסטישע אין פּרצ׳ס שרייבען שטאַמט פֿון זיין שטייגער־רעדען, פון דאַנען נעמט זיך אויך דאָס אימפּראָוויזאַטאָרישע, דאָס פּלוצלינגדיגע און אומגעריכטע אין זיין סטיל.

די דיאַלאָגען פּרצ׳ס זיינען — סטיליסטיש — אויך נישט מעהר ווי שריפֿטליכע קאָפּיעס פון פּרצ׳ס מינדליכע געשפּרעכען. דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס כאָטש דער מאַטעריאַל פֿון די שמועסען, וועלכע עס פיהרען די פֿאַרשיידענע פּאַרשוינען ביי פּרצ׳ן, איז אַ פאַרשיידענער, איז דאָך דער געביי, דער ריטם פֿון די דאָזיגע דיאַלאָגען שטענדיג איינער און דערזעלביגער — אַ לאַ פּרץ. פּרץ איז אין שרייבען נאָהענט אַזוי צו זיין רעדען, אַז אַפילו דאַן, בעת ער שרייבט, וואָס אַנדערע רעדען, שרייבט ער עס אַזוי, ווי ער אַליין וואָלט עס גערעדט. אַפילו דאָס, וואָס ער דערצעהלט פֿונ׳ם פאָלקס מויל, דערצעהלט ער אַזוי, ווי ווען דאָס וואָלט געשטאַמט פֿון איהם אַליין. פּרצ׳ס דיאַלאָגען זיינען שמועסען ניט פון צוויי, נאָר פֿון איין פּערזאָן: פון פּרצ׳ן. פּרץ האָט זיך געקאָנט איינלעבען מיט פֿרעמדע סטילען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט מאַכען, אַז זיי זאָלען לעבען מיט זייער אייגענעם לעבען: אין זיין סטיל, ווי אין זיין גאַנצען שאַפֿען, פעהלט די ריין קינסטלערישע אָביעקטיווירונגס־קראַפֿט.

זיין סטיל, ווי זיין גאַנץ שאַפֿען, לעבט אינ׳ם זכות פון זיין אָריגינעלען און קראַפֿט־פולען איך.

ש. ל. ציטראָן.

י. ל. פּרץ.

(ערינערונגען).

I

מײַן ערשטע בעקאַנטשאַפֿט מיט פּרצ'ן איז געווען אין יאָהר 1886. קומענדיג דעמאָלט צו פֿאָהרען אויף עטליכֿע טעג קײַן וואַרשע, האָט פּרץ בעזוכֿט די רעדאַקציע פֿונ'ם העברעאישען יאָהר־בוך „כנסת ישראל“, און דאָרטען האָב איך זיך מיט איהם געטראָפֿען.

אין יענער צײַט איז נאָך פּרץ דעם יודישען לעזע־פּובליקום כמעט ווי גאַנץ אומבעקאַנט געווען. אויף דעם שער פֿונ'ם קליינעם ביכל העב־רעאישע שירים („ספּורים בשיר ושירים שונים“), וואָס ער האָט מיט אַ יאָהר צעהן צוריק (1876) אַרויסגעגעבען בשותפות מיט זײַן שוועהר גבריאל ליכטענפֿעלד, האָט ער זײַן נאָמען ניט אַרויסגעשטעלט; מעהר ניט ווי אין טעקסט גופא האָט ער זיך אויף איניגע פֿון זײַנע שירים אונטערגעשריבען מיט די ראשי־תבות י. ל. פּ., כדי „אָבצוצאַמען זיך פֿונ'ם מאַטעמאַטיקער“, ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך. נאָך דעם פֿלעגט פּרץ פֿון צײַט צו צײַט דרוקען אַ שיר, אַמאָל אין סמאָלענסקי'ס „השחר“ און אַמאָל אין גאָטלאָבער'ס „הבקר אור“. בכלל איז פּרץ דעמאָלט געווען אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט אין דער ליטעראַטור. ווי שטאַרק ס'איז אין פּרצ'ן פֿון תמיד אָן געווען דער אינעווייניגסטער דראַנג צום שרײַבען, צום אַרויסזאָגען זיך פֿאַר'ן „ברייטען עולם“, האָט ער זיך פֿונדעסטוועגען קיינמאָל ניט געשטופּט צו די רעדאַקציעס, קיינמאָל ניט אָנגעשלאָגען זיך מיט זײַנע אַרטיקלען, און דעריבער אויך קיינמאָל נישט געשטאַנען אין קיין שום פֿאַרבינדונג מיט אַ וועלכֿער ס'איז צײַטונג אָדער זשורנאַל. מ'האָט איהם קיינמאָל ניט בעגעגענט ניט אין „המגיד“, ניט אין „המליץ“ און אַפֿילו ניט אין דער פּוילישער „הצפירה“. סמאָלענסקין האָט אַמאָל אין זײַן „השחר“ אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגען יודישע שרײַבער, אַז „זיי זײַנען ניט קיין גרויסע מפֿונקים, און וואו זיי געפֿינען נאָר אַ ליידיגען אָרט, דאָרטען כאַפּען זיי זיך אָן“. אויף פּרצ'ן האָט מען דאָס ניט געקאָנט זאָגען. פּרץ איז געווען אין דעם פּרט דער אמת'ער גרויסער „מפֿונק“. געשריבען האָט ער שטענדיג, און ניט ווייניג, ווי עס ווײַזט אויס, אָבער אַליין פֿאַר זיך, און ניט פֿאַר'ן דרוק, און דאָס איז די סיבה, וואָס אין דער צײַט, וועגען וועלכֿער איך רעד דאָ איצט, איז זײַן נאָמען געווען בעקאַנט נאָר זעהר אַ קליינעם לעזער־קרײַז, דערהויפּט פֿון ליטעראַטען, צווישען וועלכֿע ער האָט געהאַט אַ צוויי, דרײַ גרויסע פֿאַרעהרער. מיר אַליין איז, זײַענדיג אין סוף פֿון די 70־גער יאָהרען אין ווין, אויס־געקומען אַמאָל צו הערען פֿון סמאָלענסקים מויל — מײַן איינציגער אַוטאָ־

ריטעט צו יענער צײַט — אַז פּרץ „וואַקסט אַ צווייטער גאָרדאָן", און געוואוסט האָב איך דעמאָלט, אַז נאָך אײנער אַ בעריהמטער שרײַבער, ראובן בּרױדעס, האַלט אויך זעהר שטאַרק פון פּרצ'ס פּאָעטישען טאַלאַנט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אומגעריכטע בעגעגעניש מיט פּרצ'ן אין דער רעדאַקציע פון „כנסת ישׂראל" האָט מיך בשעת מעשׂה זעהר אָנגענעם איבערראַשט.

פּרץ האָט זיך דעמאָלט פאַר מיר שטאַרק בעקלאָגט אויף זײַן גײַסטיגער עלענדקײַט אין זאַמאָשץ, אויף זײַן אָבגעריסענקײַט פון ליטעראַטור און פון שרײַבער; ער האָט ניט מיט וועמען אַן ערנסט וואָרט אויסצורעדען. וואָלט איהם ווער געוועקט, געמונטערט, וואָלט ער געוויס פיל עפטער געשריבען, געדאַנקען האָט ער גאַנצע פּעק, דערהויפּט וועגען דער משונה'דיג ווילדער קינדער=ערציהונג אין פּוילען. די מאַנסביל זײַנען אומוויסענד, פאַנאַטיש, אָבערגלויביש, און די פרויען „בילדען" זיך כלומרשט, לערנען שפּראַכען און קריגען באַלד פײַנט טאַטען=מאַמען. אין גרויס פּוילען איז ער ניט לאַנג געוועזען, האָט דאָרטען געזעהן טעכטער פון די שענסטע יודישע הײַזער ראָמאַנסירען מיט אולאַנער=אָפיצירען און האַסען דאָס אײגענע פאָלק, ווי דעם טויט. דעם אײַנדרוק, וואָס דאָס האָט אויף איהם געמאַכט, האָט ער איבערגעגעבען אין זײַן שיר, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען פאַר'ן „כנסת=ישׂראל": „לעלמה עבריה והיא מתנכרה".

דעם דאָזיגען געדאַנק האָט פּרץ נאָך טיפער ענטוויקעלט דעמזעלבען טאָג אין אָוונט אין שאול פּנחס ראַבינאָוויטשעס וואוינונג. דערבײַ איז אויך געווען דער בעוואוסטער יודישער דראַמאַטורג אברהם גאָלדפאַדען, וועלכער האָט פאַר אונז דעקלאַמירט זײַן בעקאַנטע פּאָעמע „דער שטיין פון הארצען". איך געדענק, אַז פּרצ'ן איז ניט אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען דער אינהאַלט פונ'ם געדיכט גופא, ווי גאָלדפאַדענס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַלגעמײנער געשפּרעך וועגען דעם יודישען טעאַטער, און פּרץ האָט בענוצט די געלעגענהײַט אויפצוואַרפען גאָלדפאַדענען זײַן „שמענדריק" מיט די „צוויי קונע לעמלאַך" א. אַז. וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אײַער טאַלאַנט — אַזוי האָט זיך פּרץ דעמאָלט אויסגעדריקט, כאָטש ווי מיר איז שפּעטער עטליכע מאָל אויסגעקומען פון איהם צו הערען, האָט ער פון גאָלדפאַדענס טאַלאַנט ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטען — וואָלט איך געבויט מײַנע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיגערע און אמת'רע זײַטען פונ'ם לעבען. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלויזיגקײַט פון אונזער קינדער=ערציהונג אין פּוילען... און פּרץ האָט גאָר פון דאָס נײַ גענומען רעדען אויף דער דאָזיגער טעמע, און גערעדט האָט ער אַזוי שען און מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז ער האָט בעגײַסטערט אַפילו דעם טרוקענעם, פלעגמאַטישען שפ"רן. גאָלדפאַדען, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זײַנע „העלדען" און געוואָלט

פרץ אין די 90-ער יאָהרען.

פרץ אלס יונגערמאַן.

אויפוועזן, אַז זיי זײַנען לגמרי ניט קיין קאַריקאַטורען, נאָר אמת'ע בעשעפענישען, גענומען פונ'ם לעבען, פונ'ם וואָהליניש־יודישען לעבען, צוגעריכט צוליפ'ן עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער־קרײַטיכלער. פרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתוכה געווען, האָט אָבגעשלאָגען אַלע זײַנע טענות און פאָרגעלעגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און דאַרפען אָנגעטאָן ווערען אין דראַמאַטישע פאָרמען און פאָרגעשטעלט ווערען אויף דער יודישער ביהנע. אַז איך דערמאָן זיך איצטער אָן יענער בילדער־גאַלעריי, געפין איך צווישען זיי עטליכע אַזוינע, וואָס האָבען שפעטער מיט דער צײַט פיל מיטגעווירקט צו פרצ'ס גרויסקײַט.

די איינגע טעג, וואָס פרץ האָט דענסטמאָל פאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער איז שוין ניט געוועזען פון עטליכע יאָהר, און די אויסרעדענישען, וועלכע זײַנען איהם דאָרטען אויסגעקומען צו הערען פון פאַרשיידענע זײַטען, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט אַזוי זײַן פען, האָבען אויף איהם געווירקט, אַז, קומענדיג צוריק קײַן זאַמאָשץ, זאָל ער זיך נעמען מיט אַ בעזונדער חשק צו ליטעראַרישער אַרבייט. אַזוי האָט ער מיר מודיע געווען אין זײַן ערשטען בריף. דערבײַ האָט ער מיר געבעטען שרײַבען איהם וועגען יעדער נײַער ליטעראַרישער ערשײַנונג, וואָס בעווײַזט זיך, אָדער וועגען וועלכער עס ווערט גערעדט צווישען אין וואַרשע. לויט זײַן בקשה האָב איך זיך פאַר איהם אַבאָנירט בײַ דעם אַלטען נחמיה טשערנאָוויטש אויף קאַנטאָרס „היום“. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און אינ'ם פעליעטאָן פון „היום“ איז אָבגעדרוקט געוואָרען פרצ'ס אַ פראַכטפולע חסידישע ערצעהלונג מיט'ן נאָמען „הקדיש“. דאָס איז געווען פרצ'ס ערשטע בעלעטריסטישע זאַך אין פראָזע. אינ'ם זעלבען יאָהר האָט פרץ פאַרעפענטליכט אין סאָקאָלאָוו'ס „האסיף“ אַ סעריע שירים אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מנגינות הזמן“. אין די דאָזיגע שירים איז געווען צו בעמערקען פון פרצ'ס זײַט אַ קריטישע בעציהונג צו די השכלה־טענדענצען און אַ שטאַרקער קעהר צו די נאַציאָנאַלע פראָבלעמען פונ'ם יודישען פאָלק. ערטערווײַז וואַרפען זיך דורך אין די דערמאָנטע שירים — אמת, גאַנץ שוואַכע — קאָסמאָפאָליטיש־דעמאָקראַטישע נטיות.

שפעטער אַ ביסעל האָט פרץ אַרײַנגעשיקט אַ גאַנץ היפשע ערצעהלונג — „הציץ ונפגע“ האָט זי געהייסען — אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה“. פון דער דאָזיגער ערצעהלונג האָט פרץ געהאַט מעהר קרענקונג, ווי נחת. די שטילע, געלאַסענע „הצפירה“, וואָס האָט זיך שטענדיג אָבגעהיט ניט אָנצוריהרען אַפילו אַ פליג אויפ'ן וואַנט, האָט געפונען, אַז פרץ דריקט זיך אויס אין זײַן ערצעהלונג צו פרײַ קעגען כלי־קדש און וואוילערנער, און האָט זיך גענומען מעקען גאַנץ בהרחבה'דיג די דאָזיגע שעדליכע פרײַקײַטען. זי האָט אַזויפיל געמעקט, ביז ס'איז איבערגעבליבען פון יעדען קאַפיטעל נאָך וועניגער ווי די העלפט. געוועהנליך זײַנען

די נעט געבליבען ניט אויפגעסטריגעוועט, און ס'האָט זיך פשוט ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. פּרץ'ס פּאַרדראָס איז געווען ניט משער צו זײַן. וויפיל פּרץ האָט ניט געשריבען אין רעדאַקציע, וויפיל ער האָט זיך ניט געבייזערט און ניט געבעטען, מ'זאָל איהם אַזוי פיל ניט צעקאַלעטשען זײַן ערצעהלונג דורך די מעקעניסען, אָדער מ'זאָל זי גאָר אינגאַנצען אויפהערען צו דרוקען, — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען: די ערצעהלונג איז געדרוקט געוואָרען, און מיט וואָס אַ נומער מעהר, אַלץ מעהר געשעדיגט און פאַרדאָרבען. אין אַ שענעם פריהמאָרגען בעקום איך אַ בריף פון פּרץ'ן, אין וועלכען ער בעט זיך רחמים, איך זאָל אַרײַנגעהן צום אַלטען סלאָנימסקען און דורכרעדען זיך מיט איהם: סטײַטש, ווי טוט ער דאָס אַזוי און אַזוי? איך האָב תיכף ממלא געווען פּרץ'ס בקשה; ליידער איז אָבער מײַן טרחה געווען אומזיסט. סלאָנימסקי האָט מיר געענטפערט, אַז ער מישט זיך ניט אין די זאַכען, און האָט מיך אָבגעשיקט צום יונגען סאָקאָלאָוו. צו סאָקאָלאָוו'ן בין איך אָבער ניט געגאַנגען. די מיטאַרבייטער פון „כנסת-ישראל" און „האסיף", וואָס זײַנען אַרויס אין איין צײַט, האָבען זיך גערעכענט, אַ ביסעלע טאַקע מחמת מיינונגס-פאַרשיידענהײַט און אַ רעכט ביסעלע מחמת דער ביטערער קאָנקורענץ, פאַר מענשען פון צוויי פײַנדליכע מחנות און האָבען זיך שטענדיג געמיהט אויסצומײַדען איינער דעם אַנדערן. איבער דעם טעם האָב איך, די רעכטע האַנט פון שפ"ר'ן אין זײַן „כנסת-ישראל", ניט געקאָנט און ניט געטאָרט האָבען קיין עסקים מיט דעם בעל-הבית פון'ם „האסיף". איך האָב אָבער געוואָלט צוליב טון פּרץ'ן און האָב אָנגעשטעלט אויף סאָקאָלאָוו'ן נייטראַלע ליטעראַטען פון דער זײַט. איינער פון זיי איז געווען א. ש. פרידבערג (ה"ש), וועלכער האָט דעמאָלט געאַרבייט אין דער רעדאַקציע פון „הצפירה", און ער האָט דאָס געפועל'ט, אַז ס'זאָל געטאָן ווערען פּרץ'ס בקשה און מ'זאָל די ערצעהלונג אינגאַנצען אויפהערען צו דרוקען. אָבער אין אַן ערך דרײַ וואָכען אַרום האָט די „הצפירה" פּלוצים אָנגעהויבען צו דרוקען די ווײַטערדיגע המשכים פון פּרץ'ס ערצעהלונג ביז'ן סוף מיט אַן אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע, אַז „איבער אַ געוויסער אורזאַך האָט זיך אָבגעהאַל- דאָס דרוקען פון דער דאָזיגער ערצעהלונג ביז הײַנט". די סיבה הערפון איז געווען אַ גאַנץ פשוט'ע: עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע לעזער, וועלכע האָבען געמאָנט שטאַרק בײַ דער „הצפירה" דעם המשך פון דער ערצעהלונג, און די רעדאַקציע באין ברירה האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון דער מעקעניש און נאָכגעבען דעם עולם...

II

צום סוף זומער אין יאָהר 1888 האָב איך זיך אַ צווייטען מאָל בעגעגענט מיט פּרץ'ן. דעם מאָל האָב איך זיך מיט איהם געטראָפען אין

פּלאָצק בײַ דעם באַוואוסטען שרײַבער און פּעדאַגאָג אַבֿרהם יעקבֿ פּאַפּירנא. דערמאָלט האָט מיר פּרץ דערצעהלט אַ נײַס, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרײַבען יודיש, און אַז דאָס שרײַבען קומט איהם אָן זעהר לײַכט; ס'זײַנען דאָ טעג, וואָס אין יעדען פֿון זיי שרײַבט ער אָן אַ נײַע סקיצע אין יודיש. אַגבֿ, האָט ער זיך מיט מיר געהאַלטען אָן עצה, וואָס צו טון מיט די דאָזיגע סקיצעס, ד. ה. וואו צו דרוקען זיי. פֿריהער אַ ביסעל וואָלט ער זיי צוגעשיקט זײַן „בן־עיר" (מיט די ווערטער האָט פּרץ געמיינט צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פֿונ'ם „יודישען פֿאָלקסבלאַט", וועלכער איז געווען אַ געבאָרענער אַ זאַמאָשצער), אָבער איצטער, אַז דאָס בלאַט איז איבערגעגאַנגען צו דעם מטורף ישראל לוי, וועלכען ער קאָן אָר־גאַניש ניט לײַדען, ווייס ער ניט וואָס צו טון. איך האָב בשעת מעשה פֿאַר פּרצ'ן קיין עצה ניט געהאַט, און האָב איהם צוגעזאָגט זיך מישבֿ צו זײַן וועגען דעם אין וואַרשע — וואוהין איך האָב געדאַרפֿט אָבפֿאָהרען פֿון פּלאָצק — מיט בעקאַנטע ליטעראַטען.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז אין וואַרשעווער ליטעראַרישע קרײַזען האָט מען אין יענער צײַט שטאַרק אָנגעהויבען צו שמועסען וועגען דעם, אַז דער בעקאַנטער יודישער הומאָריסט שלום עליכם, וועלכער איז פּלוצים געוואָרען אַ גבֿיר אַדיר, טרעט צו אַרויסצוגעבען אַ יודיש זאַמעל־בוך מיט דעם אָנטייל פֿון די גרעסטע יודישע שרײַבער. איך האָב וועגען דעם תּיכּף מודיע געווען פּרצ'ן און האָב איהם פֿאָרגעלעגט, אַז אויב ער האָט בײַ זיך עפּעס רעכטס, טאַקע משופּרא דשופּרא, זאָל ער עס נעמען באַלד און צושיקען שלום עליכמ'ן. בעקומען מײַן בריף, האָט זיך פּרץ אַוועקגע־זעצט און האָט אָנגעשריבען זײַן קלאַסיש געוואָרענע, בריליאַנטענע באַלאַדע „מאָניש". מיט דער דאָזיגער באַלאַדע, וועלכע איז אָבגעדרוקט געוואָרען אינ'ם ערשטען באַנד פֿון שלום עליכמ'ס „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק", האָט זיך פּרץ באַלד קונה שם געווען, ווי אַן אמת'ער פּאָעט. כמעט אַלע, וואָס האָבען דעם דערמאָנטען זאַמעל־בוך רעצענזירט, האָבען אײַנגע־שטימט אַז „מאָניש" איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יודיש איז נאָך זײַן גלײַכען קיינמאָל ניט געווען.

ס'זײַנען נאָך ניט אַריבער קיין צוויי וואָכען, זינט ס'איז אַרויס די „פֿאָלקס־ביבליאָטעק", האָב איך בעקומען פֿון פּרצ'ן אַ בריף מיט אַ גרויסען „ויהי": שלום עליכם האָט זיך בעגאַנגען מיט זײַן „מאָניש" פּונקט ווי די „הצפֿירה" מיט זײַן „הציץ ונפגע"; אויך אַרויסגעוואָרפֿען גאַנצע שטיקער, אין פֿיל ערטער איבערגעמאַכט, צעדרעהט אַנדערע בתּים מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף, באופֿן, אַז ס'איז פֿאַרדאָרבען געוואָרען די ריכטיגע כּונה. צו דעם דאָזיגען בריף האָט פּרץ צוגעלעגט דעם אָריגינאַל פֿון „מאָניש", כּדי איך זאָל זעהן און זאָל זיך איבערצײַגען.

דעם לעזער, וואָס וויל זיך גענויער בעקענען מיט די איינצעלנע משונה־

די יודישע וועלט.

דיגע פֿאַרענדערונגען און תּקונים, וואָס שלום־עליכם האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג צו מאַכען אין פּרצ'ס „מאָנישׂ", שיק איך אָב צו דער יובּילי־אויסגאַבּע פֿון פּרצ'ס ווערק. איך וויל גאָר דאָ אָנווייזען אויף עטליכע זעהר כאַראַקטעריסטישע שינויים, וואָס ווי מ'זאָל זיך דעם קאָפּ ניט ברע־כען, קאָן מען בּשום אופן ניט פֿאַרשטעהן, וואָס שלום עליכם איז מיט זיי אויסען געווען, און ווי אַזוי ס'האָט זיך איהם גאָר געלעגט אויפ'ן זינען, אַז זיינע אויסדריקען פּאַסען בּעסער פֿאַר פּרצ'ס.

פּרץ האָט אָנגעהויבּען זיין בּאַלאַדע מיט די דאָזיגע ווערטער:

„ס'איז געווען אַמאָל איין עלוי,
ניט געקענט די וועלט אַפילו".

קומט שלום עליכם און פֿאַרריכט אויף דעם שטייגער:

„געווען אַמאָל איז אַ גרויסער עלוי
ער האָט די וועלט נישט געוואוסט אַפילו".

פּרץ מעלט מאָנישעס משפּחה, וועלכע איז געקנאַטעט פֿון לויטער לומדים, און זאָגט:

„סאַמע גאונים און למדנים
מיט איין „אַלף־בּית רבּנים"
ס'קלינגט מיט איהר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגען:
זיי וועט אַללע איבּעריאָגען,
מאָניש, אונזער העלד!"

קומט שלום עליכם און וואַרפֿט דאָס אינגאַנצען אַרויס.

פּרץ וויל געבּען דעם לעזער אַ בּעגריף פֿון דער צייט, אין וועלכער די געשיכטע האָט פּאַסירט, און וואַרפֿט אַרויף אויפ'ן פּאַפּיר די דאָזיגע העכסט מאָלערישע שטריכען:

„געלעבּט האָבּען דעמאָלט
נאָך די אַלטע בּעלי־בּתּים,
מיט מעשענע בּריללען
און זילבּערנע בּתּים.

*

גאָלד די עטרות
און אַייזען די מחות...
אַנדערע יאָהרען,
גאָר אַנדערע כּחות.

*

פּולל ס'בּית המדרש
און טאַקי מיט קאָפּף

מען לערנט נאָך אין פּאָליש

מען לערנט אויף די טרעפּ״ א. אַז. וו.

קומט שלום עליכם און געפינט, אַז דאָס איז אינגאַנצען אי־בעריג און מעקט דאָס אויס.

פּרץ מעלט אַזאַ בילד:

„און געגען דעם צהר
קאָמט אַללע אין דער פריה
ליליח די גאָלדענע
לאָקען זיך צו״.

געפעלט ניט שלום עליכמ׳ן דאָס וואָרט „לאָקען״ און בייט עס איבער אויף „האָאַר״.

פּרץ פֿרעגט:

„צו פּלאַצען די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?״

געפעלט דאָס אָבער ניט שלום עליכמ׳ן און ער פרעגט כהאי לישנא:

„צו פּלאַצען סאָסנעס
און דעמבעס אין וואַלד?״

און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער. ס׳איז זיך נאָך דעם לײַכט פֿאָר־צושטעלען דעם צער און עגמת־נפש, וואָס די דאָזיגע תיקונים האָבען פֿאַרשאַפט פּרצ׳ן.

ווי ווײַט די דערמאָנטע געשיכטע מיט זײַן „מאָנישען״ פֿון דער „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ האָט פֿאַרביטערט פּרצ׳ן, בעווײַזט דער דאָזיגער פֿאַקט: דעמזעלבען יאָהר אין אָנהויב ווינטער האָב איך, און נאָך איינִיגע יונגע ליטעראַטען מיט מיר, געחלומ׳ט אַרויסצוגעבען אַ העברעאישען זאַמעל־בוך. פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט זײַן מיט־אַרבייטערשאַפֿט און וואָס ער האָט אויך באַלד מקיים געווען. ער האָט מיר צוגעשיקט פֿאַר׳ן זאַמעל־בוך זעהר אַ געלונגענע איבערזעצונג פֿון היינעס „דיספּוטאַציאָן״ און דערצו אַ פּובליציסטישען אַרטיקעל מיט דעם נאָמען „אספו ידיכם!״, וועלכער איז געווען אַ מין פלאַמענדיגער אויפרוף צו די יודישע שרײַבער, אַז זיי זאָלען ניט דערלאָזען די רעדאַקטאָרען קריכען זיך אויפ׳ן קאָפּ און בעגעהן זיך אומצערעמאָניש מיט זייערע ליטעראַרישע אַרבייטען. דער אַרטיקעל האָט זיך געענדיגט מיט אַן אָריגינעלען פֿאָרשלאָג, אַז די יודישע שרײַבער זאָלען צונויפרופען ערגעץ־וואו אַ קאָנפערענץ צו מישב זײַן זיך וועגען זייערע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסען און אָנ־צונעמען בעשלוסען קעגען דער מוטוויליגקײַט (אין העברעאישען טעקסט— געדענק איך — האָט דאָס געהייסען „שרירות־לב״) פֿון די רעדאַקטאָרען.

די יודישע וועלט.

פֿון דער צווייטער זייט האָט דער זעהר גרויסער ערפֿאָלג, וואָס זיין „מאָנישׂ“ האָט געהאַט ביים יודישען פובליקום, צוגעגעבען פרצ'ן פֿיל מוט ווייטער צו פֿיהרען זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. דעמזעלבען ווינטער האָט ער מיר צוגעשיקט אַ העפֿט מיט צוועלף פון זיינע נייסטע יודישע קליינע ערצעהלונגען און האָט מיר געבעטען דערביי צו זעהן געפֿינען אַ דרך, ווי אָבצודרוקען זיי אין וואַרשע. קיין האָנאָראַר האָט ער פֿאַר זיי ניט פֿאַרלאַנגט, נאָר אַ געוויסע צאָהל עקזעמפלאַרען. אַז איך האָב איבערגעלייענט די ערצעהלונגען און העכסט ענטציקט געוואָרען, האָב איך זיי בעוויזען דינעזאָנען. דינעזאָן, וועלכער איז, ווי בעוואוסט, די לעצטע 25 יאָהר געווען פרצ'ס נאָהענטסטער און אינטימסטער פֿריינד, האָט נאָך דעמאָלט פרצ'ן ניט געקענט, מעהר ניט, וואָס ער איז אונטער די אויגען געוואָרען זיינער אַ הייסער חסיד, זינט ער האָט אין דער „פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ דורכגעלייענט זיין „מאָנישען“. די ערצעהלונגען האָבען געמאַכט אויף דינעזאָנען זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק, אין ס'איז ביי אונז געבליבען מהנה צו זיין מיט זיי נאָך איינגע בעקאַנטע וואַרשעווער ליטעראַטען. אין אַ געוויסען אָוענט האָבען מיר זיך צוזאַמענגעקליבען ביי ספעקטאָרן, וועלכער האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבען דאָס יאָהר-בוך „הויז-פֿריינד“, און דאָרטען האָט ספעקטאָרס געוועזענער שוועהר א. ש. פֿרידבערג (דער דעמאָלטיגער צענזאָר פֿון יודישע ביכער אין וואַרשע) פאָרגעלעזען פרצ'ס ערצעהלונגען פֿאַר איינגע ליטעראַטען. דער אַלגעמיינער רושם פון די ערצעהלונגען איז געווען אומגעהייער גרויס. אַלע האָבען דערפֿיהלט אין פרצ'ן אַ נייע געוואַלדיגע ליטעראַרישע קראַפֿט. בעזונדערס ענטציקט פֿון פרצ'ס ערצעהלונגען איז געווען ספעקטאָרס ערשטע פֿרוי, אויך אַ בעלע-טריסטין, וועלכע איז בעקאַנט געווען דעמאָלט דעם יודישען פובליקום מיט איהר פסעוודאָנים „איזאַבעלאַ“. ס'איז ביי אונז בעשלאָסען געוואָרען צו זוכען און צו געפֿינען אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל אָבדרוקען אויף זיינע הוצאות די דאָזיגע ערצעהלונגען פרצ'ס, און דינעזאָן האָט אויף זיך גענומען משתדל צו זיין זיך אין דער זאַך.

איך האָב דאָס באַלד מודיע געווען פרצ'ן און האָב איהם פֿאָרגע-שלאָגען אויפֿצוטראָגען זיך וועגען זיינע ערצעהלונגען מיט דינעזאָנען. אויף דעם האָט מיך געבעטען פרץ געריסען אין זיין נאָמען אומבעקאַנטער-ווייז דינעזאָנען און צו זאָגען איהם, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט לע-זענדיג אין שלום-עליכמ'ס „פֿאָלקס-ביבליאָטעק“ זיין בילד „קרעפלעך זאָלסט דו עסען“. צו דעם האָט מיך נאָך פרץ געבעטען בעזונדער, איך זאָל איהם שרייבען, וואָס פֿאַר אַ סאָרט מענש איז דינעזאָן, צי ס'לוינט זיך קאָרעספאָנ-דירען מיט איהם א. אַז. וו. וועגען מיין תשובה פרצ'ן האַלט איך דאָ איבעריג אַ וואָרט צו זאָגען: איהר אינהאַלט געהט שוין אַרײַס גענוג קלאָר און דייטליך פֿון דעם ברידערליכען בונד, וועלכער איז באַלד נאָך דעם

געשלאָסען געוואָרען צווישען פּרצ'ן מיט דינעזאָנען און וועלכער ס'האָט זיך געצויגען ביז פּרצ'ס לעצטע מינוט...

דער רעזולטאַט פון דער דערמאָנטער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען, אַז דינעזאָן אַליין איז געוואָרען דער פאַרלעגער־אַרויסגעבער פון די דאָזיגע פּרצ'ס ערצעהלונגען, וועלכע האָבען פּרצ'ס נאָמען נאָך מעהר פּאָפּולער געמאַכט.

י. צינבערג.

צעריסען די קייט*.

בײַם אָפֿענעם קבֿר פֿון אַ גרויסען רוסישען שריפֿטשטעלער, וואָס איז אומגעקומען אין זײַנע בעסטע, גאָר יונגע יאָהרען, האָט דער דיכטער געטרייסט מיט די ווערטער:

Не рыдай такъ безумно надъ нимъ!
Хорошо умереть молодымъ...

גוט איז דאָס אפֿשר פֿאַר דעם געשטאָרבענעם, וואָס געהט אַוועק פֿול מיט לעבען, פֿול מיט קראַפֿט, און בלײַבט אין אָנדענקען בײַ די צוריקגעבליבענע אַן אייביג יונגער, אַן אייביג בליהענדער, אַן אייביג נאָהענטער...

שווער איז אָבער אַזאַ פֿריהער טויט פֿאַר די איבערגעבליבענע, פֿאַר זייערע ניט ערפֿילטע האָפֿענונגען; שווער איז דאָס בעוואוסטזײַן, אַז די שענע בלום איז געבראָכען, נאָך איידער זי האָט איהר גאַנצען גלאַנץ און פּראַכט בעוויזען, שווער איז דאָס בעוואוסטזײַן, אַז איידער דאָס ליד איז נאָך פֿאַרענדיגט — איז די האַרפֿע שוין צעשמעטערט...

אין אַ גאַנץ אויסשליסליכער לאַגע געפֿינען מיר זיך אַלע דאָ פֿאַרזאַמעלטע. ניט יונג איז פּרץ אין יאָהרען געווען, און דאָך — בעוויינען מיר איצט איינעם פֿון אונזערע יונגסטע, מיר בעגראָבען איינע פֿון אונזערע שענסטע און גלענצענדסטע האָפֿענונגען. וואָרום וואָס עלטער אין יאָהרען פּרץ איז געוואָרען — אַלץ יונגער, אַלץ זאַפֿטיגער און בליהענדער איז געוואָרען זײַן טאַלענט, אַלץ פֿילפֿאַרביגער האָט זיך זײַן שאַפֿונגס-קראַפֿט ענטוויקעלט, אַלץ העכער און העכער האָט ער געשטײַגט — אַן אייביג יונגער, אַן אייביג זוכענדער... און פּלוצלינג האָט זיך די גאָלדענע קייט צעריסען — און מיר בעוויינען איצט דעם טויטען פּרץ'ן...

*　　*
*

נישט איצט, בײַם פֿרישען קבֿר איז די צײַט צו געבען אַ געטרייע שילדערונג איבער דער בעדײַטונג פֿון'ם פֿאַרשטאָרבענעם. וועגען פּרץ'ן און זײַן שאַפֿען דאַרפֿען און וועלען געשריבען ווערען גאַנצע ביכער, גאַנצע בענד... איצט, פֿון דער בימה אַראָב, ווילל איך ניט אַזוי רעדען וועגען דער געוואַלדיגער אַבֿדה, וואָס די יודישע קונסט און ליטעראַטור האָבען געליטען — ווי וועגען דעם גרויסען אָנווער, וואָס מיר, יודישע אינטעליגענטען גופֿא,

* אַ רעדע געהאַלטען אויפֿ'ן פּרץ-אָוונט דעם 1-טען אַפּריל אין דער ליטעראַריש-וויסענשאַפֿטליכער געזעלשאַפֿט אין פּעטראָגראַד.

י. ל. פּרץ אין זיין געבורטס־שטאָט זאַמאָשץ אין יאָהר 1913.

האָבען דורך פּרצ'ס טויט געליטען, וועגען אונזער אייגען אומגליק, וועגען אונזער אייגענעם טרויער... וואָרום פּרץ איז נישט נאָר אַ גרויסער דיכטער געווען, די הויפּט־פיגור אין אונזער יונגער יודישער ליטעראַטור — ער איז געווען דער תּמצית און דער סימבאָל פון אונזערע שטרעבונגען; די נצחונות פון זיין גייסט זיינען געווען אויך אונזערע נצחונות, און די עטאַפּען פון פּרצ'ס שאַפען זיינען אויך די עטאַפּען אין דער ענטוויקלונג פון דער יודישער אינטעליגענץ פאַר די לעצטע 3—4 צעהנדליגער יאָהרען. פּרץ איז נישט געווען קיין מענש פון אַ שטרענגען פּראָגראַם, פון פעסטגעשטעלטע דאָקטרינעס און פאַרטיגע „שלחן ערוכ'ס"; ער איז אויך ניט געווען קיין מענש פון גרויסע אידעען — נאָר פון גרויסע „אָפּענבאַרונגען" און אַנטפּלעקונגען... דאָס, וואָס ס'האָט געצאַנקט קוים בעוואוסט און קוים בעמערקט אין די בעהאַלטענע ווינקעלעך פון דער נשמה ביי דער יודישער אינטעליגענץ, דאָס האָט אויפגעלויכטען מיט אַ העלען פלאַם אין פּרצ'ס פּאָעטישער נשמה. און אָט אַזוי איז די דאָזיגע פלאַמענדיגע נשמה — אומבעוואוסט, אינטואיטיוו, דורכן רוח־הקדש פון פּאָעטישער בעגייסטערונג, געוואָרען דער עמוד האש, וואָס האָט בעלויכטען דעם וועג, איבער וועלכען די נשמה פון דער יודישער אינטעליגענץ האָט געבלאָנדזשעט און אַבגערירט גלות...

* *
*

פּרץ איז אַרויסגעטרעטען אין דער מיט פון די זיבעציגער יאָהרען, ווען די אידעאַלען פון דער השכלה זיינען נאָך געווען אין זייער רעכטען גלאַנץ. אַלץ איז נאָך דעמאָלט געווען אַזוי קלאָר און בולט, אַזוי איינפאַך און פּשוט. אַלץ איז געווען „על פּי שׂכל הישר" איינגעטיילט אין צוויי מחנות: דאָס קלוגע, דאָס נוצליכע און דאָס בלענדענד שענע האָט גערוהט אונטער די פליגלען פון דער השכלה, אין די געצעלטען פון בילדונג; דאָס שעדליכע, דאָס אומגעלומפּערט־נאַרישע און העסליך־נידערטרעכטיגע — האָט געקיניגט און געוועלטיגט דאָרט, ביי די „מורדי אור", ביי די אַלטפרענקישע... דאָס השכליישע אויג האָט תּופס געווען נאָר צוויי ריכטונגען — די ברייט און די לענג, האָט געוואוסט נאָר פון צוויי פאַרבען — העל־וויס און נאַכט־שוואַרץ, האָט געהאַט אַ השׂגה נאָר פון צוויי „ערכין": נוצליך און שעדליך...

פּרץ איז לאַנג געטריי געבליבען דער געטין פון זיינע יונגע חלומות, דער השכלה בת השמים. וואָרום דאָרט, אין די פאַרוואָרפענע פּוילישע שטעטלעך, וואו פּרץ איז אויפגעוואַקסען, האָבען די שטראַלען פון דער השכלה אָנגעהויבען צו שיינען צום שפּעטסטען, ערשט אין יענע טעג, ווען אין ליטע און אפילו אין וואָהלין האָבען די דאָזיגע שטראַלען שוין זייער חן אָנגעוואוירען... און דער יונגער פּרץ האָט געשלידערט זיינע

שאַרפֿע און שפּיציגע פֿײַלען אין יענער מחנה, וואו „דער גולם" האָט געוועלטיגט. עס האָט געהילעכט פֿון זײַן געלעכטער איבער דעם אַלטפרענקישען גולם, וואָס איז שוין מיט שפּינוועבס בעדעקט, און מען טאָר דאָס שפּינוועבס נישט ריהרען, דאָס איז דאָך הײליגער שפּינוועבס... „און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און וואַקסט, און מען טאָר עס נישט ריהרען: טו עפּעס". מיט'ן שאַרפֿסטען געוועהר — מיט שפּאָט און מיט געלעכטער, האָט פּרץ דער משׂכּיל, דער קולטור-קעמפֿער, מלחמה געפֿיהרט מיט'ן „שטרײַמעל", וואָס געוועלטיגט איבערן יודישען לעבען...

אמת, פּרץ איז שוין דעמאָלט צו פֿיל דיכטער געווען, בכדי זיך צו בעגנוגען נאָר מיט צוגעשפּיצטע פֿײַלען און בײַסענדיגע סאַטירעס. ער גיט אײַך מוסטערהאַפֿטע רעאַליסטישע בילדער פֿון דעם לעבען צווישען די ברייטע שיכטען פֿונ'ם פֿאָלק; ער שרײַבט זײַנע „רײַזע בילדער" און פֿיל אַנדערע, וואו עס פֿיהלט זיך די השפּעה פֿון געוויסע דעמאָקראַטיש-פֿאָלקסטימליכע שטרעמונגען, וואָס האָבען דעמאָלט געוועלטיגט אין דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור. פּרץ איז אָבער צו אײַגענאַרטיג, צו שטורמיש געווען — לאַנג אין פֿרעמדע הדרים צו געהן, און ער האָט סוף כּל סוף די אַלטע השׂכּליש-ראַציאָנאַליסטישע קייטען צעריסען... שוין אין „מאָניש", וואָס געהערט צום ערשטען עטאַפּ פֿון פּרץ'ס שאַפֿען, זײַנען אַזוי מאָדנע צונויפֿגעפֿלאָכטען צוויי גאַנץ פֿרעמדע וועלטען, צוויי לחלוטין פֿאַרשיידענע סטילען: הרכ'ן אַלטען נוסח מיט זײַן ריין רעאַליסטיש-ראַציאָנאַליסטישער טענדענץ רײַסען זיך שטיפֿעריש הורך טענער פֿון אַ גאַנץ אַנדערע, ראָמאַנטיש-פֿאַנטאַסטישער וועלט. ביסלעכווײַז, אַלץ מעהר און מעהר פֿאַרטיפֿט זיך פּרץ'ס שאַפֿען. פֿונ'ם איבערפֿלאַכליכען דרויסען, פֿון דעם אויבערשטען השׂכּלישען שטח, פֿונ'ם א ר ו ם — הדרינגט פּרץ'ס קינסטלערישע אויג אַרײַן אינעווייניג, אינ'ם תוך, אין די טיפֿען פֿון דער מענשליכער נשמה. נישט דער „בית", נאָר די אינעווייניגסטע איבערלעבונגען פֿון דער נשמה, איהר וואונדערבאַר-רײַכע וועלט — ציהט אויף זיך די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקײַט פֿונ'ם דיכטער...

אין פּרץ'ס „מעשׂה'לעך" ווערט אַלץ בולט'ער דער עקעל פֿונ'ם דיכטער צום וואָכענדיגען, צום אַלטעגליכען, צו די קלײנליכקײַטען פֿונ'ם לעבען, וואָס זויגען איהם דעם זאַפֿט פֿון דעם מענשענ'ס נשמה, בעדעקען זי מיט שפּינוועבס, פֿאַרקרימען און פֿאַרדויקערן דעם מענשענס פּערזענליכקײַט, מאַכען זי קליין און נישטיג... דער דיכטער זעהט אַרום זיך נאָר אַ „געמויזעכטס", און איהם עקעלט דערפֿון, וואָס די קלײניגקע בעשעפֿענישען, וואָס קראַבלען זיך דאָרט, זײַנען אַזוי בײַ זיך זיכער, אַז „דאָס געמויזעכטס איז דער ים הגדול", און „דאָס גרינע הײַטעל — דער הימעל". דער דיכטער זעהט אַרום זיך אַ „טויטע שטאָט", ווײַל די מענשען ווייסען נישט פֿון טויט, זיי קאָנען נישט שטאַרבען, וואָרום זיי לעבען נישט, אַלע חושים זײַנען

י. צינבערג. — צעריסענדיקייט.

אין די שרין פון לאַנג אָבגעשטאָרבען... גאַנצע מענשען, מיט'ן גרויסען אימפעט, מיט'ן גלייַכען הקען און מיט'ן מוט און חשק צו שטרעבען אַרויף אין די ליכטיגע הימלען — בעגעגענט דער דיכטער נאָר „אין פליגעל פאַר משוגעים“, אין הולדויז; גאָר די, וואָס מען האַלט פאַר משוגעים, חלומ'ען וועגען אַ שענער צייַט, וועגען „משיח'ס צייַטען“...

אַלץ מעהר און מעהר טרעט אָב אָן אַ זייַט אין פרצ'ס שאַפען דאָס רעאַליסטיש־ראַציאָנאַליסטיש'ע, און אַלץ בולט'ער טרעט אַרויס דער ראָמאַנטיש־סימבאָלישער שטריך. דער פאַרטראַכטער און איין זיך פאַרטיפטער ראָמאַנטיקער האָט צום סוף אין פרצ'ן אינגאַנצען גובר געווען דעם סקעפּטיקער, דעם ראַציאָנאַליסט. דער סאַרקאַסטישער שמייכעל איבער דעם אָבגעלעבטען, איבער דעם אַבערגלויבישען, וואָס האָט די העזה סותר צו זייַן דעם פשוט'ען, אַלטעגליכען שכל, אַט דער דאָזיגער שמייכעל פון געלאַסענער זעלבסטצופרידענקייַט — האָט געמוזט אָבטרעטען זייַן אָרט דעם אומרוהיגען, מיסטיש־התלהבישען דראַנג נאָך דעם שענעם אומבעקאַנטען, אָבער דאָך ערוואַרטעטען, נאָך דעם, וואָס איז נישט בהן, נאָר וואָס דאַרף זייַן, און מוז זייַן, און וועגען וואָס עס חלומ'ט די מענשהייַט איהרע שענסטע, גאָלדענע חלומות...

דער שוואַצלאָקיגער משכיל מאָניש, וואָס בעקומט השכלה־ספרים בייַם דייַטשעל און פאַרליבט זיך, אַגב, אין זייַן שענער טאָכטער — איז נעלם געוואָרען; אין זייַן אָרט פאַרנעמט ביי פרצ'ן „דאָס קראַנקע יונגעל“, וואָס וויל, אַז די שול, אַט די אַלטיודישע און אַלטמאָדישע שול, „זי זאָל אויך זייַן הויך, זי זאָל זאָל אויך שפּאַרען אין הימעל אַרייַן, און זי מוז זייַן העכער, ווייַל זי שטעהט נידעריגער! און אַ גאָלדענעם דאַך זאָל זי האָבען, און קריסטאַלענע פענסטער“.

* *
*

און אָט דאָס טרוימען און גלוסטען נאָך גאַנצע, האַרמאָניש=שטאַרקע מענשען האָט פּרץ׳ן געמאַכט פֿאַר דעם בעגייסטערטען דיכטער פון חסידות. דאָס, צו וואָס פּרץ האָט אין די יונגע יאָהרען, בעת ער איז נאָך געגאַנגען אין דעם השכּלישען חדר, זיך פֿאַרהאַלטען מיט אַ שמייכעל פון בטול — דאָס איז שפּעטער געוואָרען פֿאַרן דיכטער דער סימבאָל, די פּאָעטישע פֿאַרקערפּערונג פון דערהויבענעם און שענעם...

פּרץ׳ס חסידישע נאָוועלען און לעגענדען, אין וועלכע זיין גרויס=ליריש=אימפּרעסיאָניסטיש טאַלענט האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצען גלאַנץ, טראָגען אויף זיך דעם גייסט פון אמת׳ן ראָמאַנטיזם, דאָך רופען זיי אונז נישט צוריק צום פֿאַרגאַנגענעם, צום אָבגעלעבטען. די אייגענאַרטיגע, אין זיך אָבגעשלאָסענע, האַרמאָניש=גאַנצע חסידישע וועלט, איז פֿאַר פּרץ׳ן ניט דאָס עמבלעם פֿון פֿאַרגאַנגענעם, פֿונ׳ם שענעם עבר, נאָר אַ שען פּאָעטיש בילד פֿונ׳ם ליכטיגען עתיד; דאָס איז אַ פּראָטעסט קעגען דעם טרויעריגען היינט, קעגען דעם, וואָס איז, און אַ רוף צו דעם, וואָס דאַרף זיין און מוז זיין. פּרץ האָט אין זיין שענער נאָוועלע „אויף אַ זומער וואוינונג״ אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט, ווי שטאַרק אין דעם וואָלענדיגען שטאָט=יודען, אין דעם יודען פֿון אַ גאַנץ יאָהר ׳עס איז אָבגעשטאָרבען דער חוש פון ברידערליכער אַחדות און פֿאַרבינדונג מיט דער לעבענדיגער, בליהענדיגער נאַטור. און אָט דער פֿרעמדקייט און אָבגעזונדערטקייט שטעלט אונז פּרץ אַקעגען די פּאָעטישע האַרמאָניע צווישען דעם מענשען מיט דער נאַטור, דעם גרויסען נצחון פֿון דער טיף פיהלענדער מענשליכער פּערזענליכקייט, וואָס איז משפּיע מיט איהר אינעווייניגסטען פֿייער און ליכט אויף אַליץ, וואָס רינגעלט זי אַרום — זי בעלעבט אַליץ און הייליגט אַליץ...

„און אויף די לאָנקעס — דערצעהלט דאָס מלמד׳ל ביי פּרץ׳ן און „צווישען צוויי בערג״ — מיט די פֿלעמעלעך האָבען זיך אַרומגעדרעהט כּתות און כּתות פֿון חסידים... די אַטלעסנע און אַפילו די לוסטיגענע קאַפּאָטעס האָבען געבלאַנקט ווי די שפּיגעל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פֿלעמלעך, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון צווישען די גרעזלעך, האָבען זיך געכאַפּט און געצעפּעט אָן די שפּיגעלדיגע בגדי יום=טוב. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצען אַרום יעדען חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפט... און אַלע כּתות חסידים האָבען געקוקט מיט וואונדערליך דאָר=שטיגע אויגען אַרויף צום רבינ׳ס גאַניקעל... און די דאָרשטיגע אויגען, האָב איך געזעהן ממש בחוש, זויגען פֿון גאַניקעל, פון רבינ׳ס פּנים, די ליכט, און וואָס מעהר ליכט זיי האָבען געזויגען, העכער געזונגען האָבען זיי... אַליץ העכער און העכער... אַליץ לוסטיגער, אַליץ הייליגער... און יעדע כּתה

האָט זיך געזונגען איהר ניגון, נאָר אין דער לופט האָבען זיך די אַלע ניגונים מיט אַלע קולות אויסגעמיישט, און צום רבינ'ס גאַניקעל איז צוגעקומען איין זמר, איין ניגון... גלייך אַלע זינגען איין זמר. און אַלע זינגען — דער הימעל זינגט, די גלגלים זינגען, און די ערד פון אונטען זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — אַלץ זינגט"...

די שווערע לאַסט פון דעם פאַרגליווערטען און לאַנג אָבגעשטאָרבענעם, אָט פון דעם „אַלטוואַרג", ווי עס הייסט ביי פּרצ'ן, וואָס דריקט איבער דעם פרישען שפּראָצענדען לעבען — שטעלט אונז דער דיכטער אַנטקעגען דעם טיפען, בעגייסטערטען דראַנג, דעם פייערדיגען עקסטאַז פון די, פון דרויסען רוהיגע און גרויסע אין זייער תמימות'דיגער פשטות, צדיקים פון ביאַלע און פון נעמירוב...

פּרץ נעמט דעם בטלן, דעם מקובל, וואָס די ראַציאָנאַליסטישע השכלה־צייט האָט איהם געמאַכט צו שפּאָט און צו געלעכטער — און ער ווערט ביי איהם די הויפטפיגור פון איינער פון זיינע טיפסטע זאַכען — די „מקובלים". אָט די ערצעהלונג, וואו עס ווערט אַזוי גאוניש געשילדערט, ווי און אויף וואָס פאַר אַן אופן עס הערען זיך אין די טיפע טיפענישען פון דעם מענשענס נשמה אָבקלאַנגען פון דער וועלט־מעלאָדיע, ווי די דאָזיגע געטליכע מעלאָדיע קלינגט ניט נאָר אָהן ווערטער, נאָר אויך אָהן טענער. „עס האָט אינעווייניג געשפּילט — דערצעהלט דער מקובל — נאָך בעסער, נאָך איידעלער מיט מיט נאָך מעהר רוחניות... און אַלץ אָהן אַ קול, אָהן אַ שום קול — סאַמע רוחניות..."

פולשטענדיגע התפשטות הגשמיות! אויסגעלייזט איז דאָס געטליכע אין דערהויבענע פונ'ם וואָכענדיגען און אַלטעגליכען!...

פּרץ געהט ווייטער און אַנטפּלעקט זיין אַלטע וואונד. ער איז זיך מתודה פאַר זיינע אַלטע זינד, פאַר די זינד פון זיין דור, דעם פאַרגאַנגענעם דור... מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ אַנטבלויזט ער אין לאה פון דער „גאָלדענער קייט" זיין אַלטען אָבגאָט, די געטין, וועלכער ער האָט אַזוי געטריי געדינט אין די יונגע יאָהרען...

שטאָלץ און פול מיט פאַראַכטונג צו די פאַנאַטיקער, די „מורדי אור", טרעט אַרויס דעם צדיק'ס אייניקעל לאה:

„פינסטערער עולם, האַלט!\
אַ וואַרע מאַכט!\
לאָז הורך די מענשען פון ליכט,\
וואָס געהען אין ווייטען\
וועג צום ליכט.

און טיף צעבראָכען און נידערגעשלאָגען קעהרט זיך לאה דערנאָך צוריק אַהיים. איהר צעבלוטיגט האַרץ ווייס שוין, אַז\
קלאָר איז שני —

און שניי איז קאַלט, שנײ איז טויט!
און מיט טרערען און געבעט ווענדט זי זיך צום פֿאָטער:
נישט אַזוי טאַטע...
זאָג: חרטה האָט מײַן האַרץ,
זאָג, אַז איך גלויב אין איהם,
אַז איך ליג בײַ זײַנע פֿיס,
אַז איך וואַש מיט טרערען זײ —
אַז איך וואַרף מיך פֿאַר איהם אין שטויב...

אָבער ניט נאָר אין דעם דיכטערס ודוי בעשטעהט דער הויפּטווערט פֿון דעם דאָזיגען ווערק, וואו די גרויסע טראַגעדיע פֿון דעם מענשליכען גײַסט אין זײַנע אונערמידליכע שטרעבונגען צום דערהויבענעם און שענעם איז געשילדערט אין אַזוינע העכסט נאַציאָנאַלע פֿאָרמען... די מלחמה צווישען דעם, וואָס איז, און דעם, וואָס דאַרף זײַן, צווישען דעם „וואָכען טאָג“ און דעם „שבת“, אָט די מלחמה, וואָס איז טראַגיש און מוז טראַגיש זײַן — איז אַזוי פּאָעטיש און „אויסטערליש שען“ פֿאַרקערפּערט אין דער טיפֿער דראַמע, וואָס עס לעבען איבער די צוויי גלענצענדסטע גלידער פֿון דער „גאָלדענער קייט“: דער אַלטער צדיק ר׳ שלמה, פֿאַר וועלכען עס לײַכט ווי אַ שטערן איין איינציגער געדאַנק: „אויסגעלייזט פֿון פּײַן און שרעק מוז ווערען די וועלט“, און זײַן אייניקעל, די תמימות׳דיג שענע מרים׳ל, וואָס שפּינט וואָכעדיג אירע גאָלדענע חלומות און טאַנצט גליקליך פֿאַרשעמט איהר כלה־טאַנץ...

די „גאָלדענע קייט“ האָט פֿעהלערן, ווי אַ האַרמאָנישע גאַנצעס, נאָר פֿיל בילדער און סצענעס, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען און דורכגעשטראַלט פֿון תפֿלישער שטימונג און שענסטען פּאָעטישען פּאַטאָס — געהערען צו די גלענצענדסטע בלעטער פֿון אונזער שענער ליטעראַטור.

שען און פּראַכטפֿול איז בײַ פּרצ׳ן די עפּאָפּייע פֿון חסידות, דאָך איז דאָס נישט קיין גרענעץ, קיין סוף, נאָר איין עטאַפּ, אַ מדרגה אין פּרצ׳ס שאַפֿען. פּרצ׳ס צדיקים, די הויפּט־נגורען פֿון זײַן „חסידיש“, דאָס זײַנען אמת׳ע אַריסטאָקראַטען פֿון גײַסט, געבוירענע הערשער און פֿיהרער פֿון פֿאָלק. פּרץ שטײַגט נאָך העכער, ער מאַכט דעם ווײַטערדיגען טריט און געדט צום פֿאָלק גופא — ער שאַפֿט זײַנע „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען“.

אַן אומרוהיג־זוכענדער אויף זײַנע פֿריהערדיגע מדרגות, ווערט פּרץ עפּיש רוהיג אין זײַנע וואונדערבאַרע „געשיכטען“, וואו דער דיכטער בעהעפֿט זיך מיט דעם פֿאָלקסטימליכען, פֿאַראײנט זיך מיט׳ן פֿאָלקס־גײַסט, מיט זײַן פּאָעטישען שאַפֿען און זײַן אייגענאַרטיגען ריטם.

אויף׳ן אָרט פֿון „באָנציע שווייג“ מיט זײַנע קליינליכע השגות, וואָס אַפֿילו פֿאַרן בית־דין של מעלה חלומ׳ט ער נאָר וועגען „בולקע מיט פּוטער“ — טרעטען אַרויס גאַנץ אַנדערע שוויײַגערס, די „שטומע נשמות“

סאַטיע דער פֿישער און אַבֿרמיל־באַס. זייערע לידער אָהן ווערטער שפּאַלטען די הימלען, מלאכים שטעהען פֿאַרגאַפֿט, און דער שטורמישער ברויזענדיגער ים ווערט שטיל, ווי אַ שעפּעלע...

פֿון די טיפֿענישען פֿון דעם פֿאָלקס־גייסט האָט דער דיכטער אַרויסגעשעפּט גאַנצע קוואַלען פֿון לעבענס־ענערגיע, גאַנצע אוצרות פֿון פֿעסטען גלויבען. און בעגייסטערט האָט ער געשאַפֿען זיין שענע, ליכטיגע לעגענדע וועגען ג אַ נ צ ע מענשען, וועגען „שבת'דיגע, יום־טוב'דיגע, נשמה־יתרה'דיגע יודען!“

דער דיכטער האָט אונז אַנטפּלעקט אַ נייַע שענע וועלט; ער האָט אונז בעוויזען, אַז אין פֿאַראייניגונג און פֿאַרבינדונג מיט די ברייטע פֿאָלקס־שיכטען, מיט'ן גייסט פֿון פֿאָלק — איז אַ סוף צו דער צעשפּאָלטענקייט, צו דער איינזאַמקייט פֿון דער נשמה פֿונ'ם יודישען אינטעליגענט.

און בעת אונזער דיכטער האָט די העכסטע מדרגות דערגרייכט און פֿאַר דער שמאַכטענדער נשמה פֿון דער אינטעליגענץ די קוואַלען פֿון לעבען אַנטפּלעקט — איז פּלוצלינג אַ שטורעם אויסגעבראָכען, וואָס האָט אונזער גאַנצען נאַציאָנאַלען בנין געמאַכט ציטערן... סאַטיע דער פֿישער און אַבֿרמיל־באַס זיינען אָהן אַ היים געבליבען, זייער געטליך ליד אָהן ווערטער האָט מען געמאַכט צו שפּאָט און צו געלעכטער, און זייערע קינדער איבער דער וועלט צעזייהט.... און דעם דיכטערס האַרץ האָט געבראָכען... אויך זיין ליד איז פֿאַרשטומט געוואָרען, און דער בלוטיגער שטורעם האָט אין דער שטאָק־פֿינסטערער נאַכט איינעם פֿון אונזערע גלענצענדסטע שטערן אויסגעלאָשען...

אַלטער קאַציזנע.

פּרץ...

שבת־חול־המועד און אַ זוניגער פֿריהלינג־פֿריהמאָרגען. מיר האָבען געהאַט אַזוי װעניג ליכטיגע פֿריהלינג־טעג הײַ־יאָהר! איך שטעה בײַ דער אַרבייט, װעלכע נעמט אָב בײַ מיר מײַן שבת מיט מײַן יום־טוב און האַט מיך פֿאַר מײַן װאָכעדיגקײַט. װען מײַן האַרץ בענקט נאָך שבת און יום־טוב, האָב איך מײַן אײנציגען אויסװעג צו דער גײַסטיגער פֿײַערליכקײַט. איך װעל מיך הײַנט װאָס פֿריהער אָבפֿאַרטיגען מיט מײַן אַרבייט און װעל אַװעק צו פּרצ'ן.

דער געדאַנק בערוהיגט מיך אַ ביסעל. די אַרבייט דריקט שוין נישט אַזוי: מײַן געדאַנק און דאָס האַרץ זײַנען מיר פֿאַרנומען מיט בענקשאַפֿט צו פּרצ'ן. און װען איך פֿאַרבענק זיך צו פּרצ'ן, דערפֿיהל איך אין מײַן האַרצען אַ שטילע, אײַנגעװאָרצעלטע װאונד.

זינט דער מענש האָט אין מײַן האַרצען אַרײַנגעקוקט מיט דער עהרליכער דרייסטקײַט פֿון אַ פֿרײַנד און מיר געהאָלפֿען דעם לעבענס װעהטאָגען צו פֿאַרטראָגען, און זינט פֿאַר מײַן אויג האָט זיך אַנטפּלעקט די ענגע שטעג צו זײַן נשמה, די שטעג, װעלכע ער האָט שטאָלץ פֿאַרצוימט פֿאַר לײַטישע אויגען, אַז קיינער זאָל צוזאַמען מיט זײַן גלאַנץ אויך זײַנע װאונדען נישט דערזעהן, — זינט יענער שעה האָב איך פּרצ'ס טויט אין מײַן האַרצען געטראָגען, װי איך טראָג אין מײַן האַרצען מײַן אייגענעם טויט. און װען מײַן האַרץ פֿלעגט בענקען נאָך פּרצ'ן, איז עס גרייט געװען אויפֿצונעמען דעם שרעקליכען גאַסט.

איך שטעה און איך אַרבייט. מײַן פֿרוי רעדט אין טעלעפֿאָן, זי שרײַט אויס נישט מיט איהר קול:

— װאָס רעדט איהר!

מײַן האַרץ האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַרײַנצולאָזען דעם שרעקליכען גאַסט... איז ער אַרײַן...

———————

איך בין אַמאָל אין אַ שבת פֿאַרנאַכט צו איהם אַרויפֿגעקומען אויף דער צעגליאַנע 1. די דינסט האָט מיך אַרײַנגעלאָזט און שטיל אָנגעזאָגט, אַז די הויזלײַט זײַנען זיך צעגאַנגען, און אַז דער „אַלטער“ שלאָפֿט בײַ זיך אין צימער. איך בין שטיל אַרײַן אין זײַן טונקעלן קאַבינעט און זיך געזעצט אין אַ װינקעל, בײַם פֿענסטער. אין אַ צװייטען װינקעל, קעגענאיבער איז ער געלעגען אויף דער אָטאָמאַנע, די פֿיס אַײַנגעצויגען, אײַנגעהילט אין אַ פּלעד און רעגעלמעסיג און שװער געעטעמט. זײַן קאַבינעט, אָנגעפֿילט מיט דעמערונג, האָט געהאַט דעם אויסזעהן פֿון אַ קליינעם, סיסטעמלאָזען מוזיי. פֿון די װענט קוקען אַראָב טונקעלע געמעלען, פֿון די װינקלען —

י. ל. פרץ און זיין פרוי.

טונקעלע סקולפּטורן־קעפּ. שטרוקס אָפּאָרטען גלאָצען מיט די ווײַסע בּרייטע בּרעגען. אַ גאָלדענע פּען, אַ זילבּערנער טינטער, אַ לאָרבּערקראַנץ — געשאַנקען צו זײַן פֿופֿציגיאָהריגען יובּיליי — איך האָבּ זיי געזעהן, ווײַל איך האָבּ געוואוסט, וואו זיי שטעהען און הענגען.

און ער אַליין, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט עס אַליין אין דערהיים איבּערגעלאָזט, און וואָס די שפּילצײַג האָבּען איהם דערעסען, האָט זיך פֿאַרקליבּען אין אַ ווינקעל אויף דער אָטאָמאַנע, איינגעקנוילט, אײַנגעהילט זיך אין דער מאַמעס פֿאַטשיילע און אײַנגעשלאָפֿען.

מאָדנע אומבּעהאָלפֿען און עלענד און קליין האָט אויסגעזעהן זײַן שלאָפֿענדיגע פֿיגור.

הינטערן פֿענסטער, אין אָווענט־בּלאַסקײַט, שנײַדט זיך אַרײַן דער קוימען פֿון אַ קעגענאיבּערדיגער פֿאַבּריק. די פֿאַבּריק איז אינעווייניג אָנגעצונדען, בּעלויכטען. מען זעהט, ווי דאָרט שימערט די טרײַבּ־ראָד, ווי עס ציטערן די אָנגעצויגענע רימענס —

פּרצ'ס מעפֿיסטאָפֿעל, דער סימבּאָל פֿון דער וואָכעדיגקײַט, וואָס רייצט איהם שוין העכער צוואַנציג יאָהר אַלע שבּת פֿאַר נאַכט דורך די דאָזיגע שויבּען.

— דיכטער, דיכטער, דער שבּת איז שוין אויס! מאָרגען אײַל אונטער דײַן דינסט מיט'ן פֿריהשטיק און שפּאַן אין דער גמינע. זעה, נישט צו פֿאַרשפּעטיגען. מען קאָן נאָך, הלילה, קומען פֿון פֿריהמאָרגען אַ קבֿר דינגען, און דו וועסט דערבּײַ נישט זײַן. ווער וועט פֿאַרדינגען? פֿאַרוואַלטער איבּער די קבֿרים!

איך קוק צו דער גאַס אַרויס, און טרויעריג זײַנען מײַנע געדאַנקען. איך טראַכט וועגען פֿאָלק און וועגען זײַן דיכטער...

אויף דער ענגער און שמוציגער צעגליאַנער גאַס איז איצט עפּעס גאָר קיין יודען נישט צו זעהן.

איך האָבּ אַ געפֿיהל, אַז דאָס פֿאָלק איז זיך צעלאָפֿען. אָבּגעגעבּען דעם דיכטער דאָס זײַניגע, בּעזאָרגט איהם מיט אַ טינטער און מיט אַ פּען און זיך צעלאָפֿען, פֿאַרגעסען אָן איהם.

— וואָס? פּרץ? עס פֿעהלט איהם, הלילה, בּרויט? האָט אַ בּכּבֿודיגע שטעל אין דער גמינע, פֿאַרוואַלטעט איבּערן גאַנצען בּית־הקבֿרות. און אַלע פֿאַר איהם: פֿאַניע פּרץ...

מילא — איז עס דאָס פֿאָלק.

וואו זײַנען אָבּער די פֿרײַנד? פֿאַרוואָס זעהט מען זיי נישט אַרויסקומען אַהער צו פּרצ'ן? פֿאַר די פּאָר יאָהר, וואָס איך בּין אין וואַרשע און וואָס איך קום אַרויף צו איהם, קאָן איך זיך נאָך נישט צוגעוועהנען צו דעם, וואָס חוץ דינעזאָנען, בּײַ דער פּאַפּיראָסען־פֿאַבּריקאַציע, טרעף איך קיינמאָל קיין איינציגען נאָהענטען מענשען נישט בּײַ איהם. פּרץ לעבּט

די יודישע וועלט.

אין גרויס איינזאַמקײַט, און אין דער שעה, ווען דינעזאָן איז אויך נישטאָ דערבײַ, פֿיהל איך מיך פֿאַר דעם וועלטער פֿון זײַן איינזאַמקײַט. איך הער: פּרץ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָבגעזיפֿצט און בעוועגט זיך שווער אויף זײַן געלעגער. ער האָט מיך בעמערקט בײַם פֿענסטער.

— ווער איז דאָס? — הייזעריגליך פֿון שלאָף, איז זײַן שטים האַרט, ווי געשלאָגענער, ציטערנדיגער בלעך...

— איך, קאַציזנע.

— שלים־מזל! וואָס זיצט איהר אין דער פֿינסטער?

פּרץ האָט מיך אָפּט גערופֿען שלים־מזל. דאָס האָט ער מיך אויף זײַן שטייגער געצערטעלט.

די דינסט צינדט אָן דעם לאָמפּ, און פּרץ, אַרומשפּאַנענדיג איבערן צימער מיט אַ שווערען, בעיאָהרענטען טריט, בייזערט זיך אויף דער קעלט און בעקלאָגט זיך אויף זײַן דירה.

— קאַלט, נישט צו דערהייצען.

— איהר וואוינט דאָך שוין איבער צוואַנציג יאָהר אין דער דירה.

— געווען זעהר אַ וואַרימע דירה. אויסגעקיהלט. פֿאַר די לעצטע פּאָר יאָהר אויסגעקיהלט זיך.

צו דעם הענגענדיגען נאַפֿט־לאָמפּ האָט ער אויך טענות. ברענט פֿינסטער.

און כאָטש דער פֿאַקט מיט דער אויסגעקיהלטער דירה לעגט זיך אויפֿ'ן שכל, דאָך שניידען מיר זײַנע ווערטער, ווי מיט מעסערס. עפּעס גראָד איצט, אויף דער עלטער, איז איהם די דירה אויסגעקיהלט געוואָרען...

איך האָב מורא איהם אַרײַנצוקוקען אין די אויגען, ער זאָל פֿון מײַן פּנים די שווערע געדאַנקען נישט איבערלעזען. ער האָט זעהר אַ קלוג אויג צו דעם...

אָבער זײַנע אייגענע געדאַנקען פֿאַרנעמען זיך גאָר אין אַן אַנדערער פֿרעהליכער ריכטונג.

— מען דאַרף זיך אַריבערציהען אין אַן אַנדער דירה. שוין צײַט לעבען ווי אַ מענש. נישט אַזוי ענג, נישט אין אַזאַ שמוציגער גאַס. און דער נאַפֿט־לאָמפּ מאַכט אַ טויט. בעסער גאַז אָדער עלעקטרי...

פּרץ, ווען ער פֿיהלט זיך שלעכט, פֿאַרמאָגט ער אַ ריין קינדישע אייגענשאַפֿט זיך אָבצוגעבען מיט דער פֿאַנטאַזיע פֿון מעגליכער בעקוועמליכקײַט. ער פֿאַנטאַזירט שוין איצט, ווי אַזוי ער וועט זיך נוקם זײַן אָן די אַלטע מעבעל, ווי אַזוי ער וועט פֿאַרדרוקען ערגעץ אָט די אַלטע אָטאָמאַנע, וואָס האָט איהם אַזוי געטרײַ געדינט די גאַנצע צוואַנציג יאָהר... אין קלײנינקײַטען, ווי אין גרויסע זאַכען איז ער מעהר צוגעבונדען צו דער צוקונפֿט, ווי צו דער פֿאַרגאַנגענהײַט מיט איהרע געדעכעניִשען. דאָס

לעבֿען ציהט איהם אויף דער קייט פֿון דאָרשט און מאַכֿט שנעלער זײַנע טריט...

איז דאָך אָבער אַ קשיא: וואו נעמט מען געלט אויף צו פֿאַרווירקליכֿען די פּלענער מיט אַ נײַער דירה?

ווערען די פֿאַנטאַזיעס געדעקט מיט אַנדערע, מיט געלט־פּלענער. די גמינע לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכֿט פֿאַנטאַזירען, זי גיט איהר בעשטימטען געהאַלט. בלײַבט ליטעראַטור.

לעגט פּרץ גרויסע האָפֿענונגען אויף זײַנע פּאַרלעגער, אויף פּאַרלעזונגען, אויף נײַע ווערק. אַ טור איבער רוסלאַנד, ווען עס זאָל זיך געפֿינען דער פּאַסענדער אימפּרעסאַריאָ... אַ צווייטער טור איבער אַמעריקע.... און פּרץ איז פֿאַרזאָרגט אויפ'ן גאַנצען לעבען. איין קליינינקײַט: די גמינע גיט אורלויב נאָר אויף עטליכֿע וואָכֿען אין יאָהר. און די קורצע צײַט פֿאַרלויפֿט אין קורירען זיך אין אויסלאַנד: דאָס ביסעל געזונט איז נישט בעפֿרידיגענדיג.

אַזוי צעלויפֿט זיך פּרץ'עס פֿאַנטאַזיע און שטויסט זיך אָן אָן דער ווירקליכֿקײַט און הויבט אָן פֿון דאָס נײַ.

זײַן אומשפּאַנען איבערן צימער איז שוין נערוועז. אויף זײַן שווערן טריט רופֿען זיך אָב די שטוביגע כּלים.

פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָב קעגען מיר און זײַן האַרט געשניצט און טונקעל געזיכֿט צעשמייכֿעלט זיך מיט אַ פֿרײַנדליכֿער ביזקײַט. ער קרימט מיר איבער.

— שלים־מזל! וואָס ט'איהר זיך פֿאַראומערט? אײַער טיי ווערט קאַלט.

איך געדענק שוין נישט, צי אין חלום האָב איך דאָס געזעהן, צי אויפ'ן וואָהר האָב איך גע'חלומ'ט, נאָר אין יענער צײַט בין איך איבערגעקומען דעם טויט פֿון מײַן פֿרײַנד מיט אַלע זײַנע שרעקען און טרויעריגע איינצעלהײַטען. שפּעטער האָט מען מיר דערמאָנט, איך האָב פּאַר נאָהענטע מײַן שוואַכֿקײַט פֿאַרטרויט: איך וואָלט נישט וועלען זײַן אין וואַרשע, בעת פּרץ וועט שטאַרבען.

ווען מען וואָלט געפֿרעגט בײַ אַ טויטען, צי וויל ער צוריק לעבעדיג ווערען, וואָלט ער זיך אָבגעזאָגט איבער דעמזעלביגען טעם: ער וואָלט נישט וועלען נאָך אַמאָל איבערקומען דעם טויט. און איך האָב די וואונד פֿון פּרץ'ס טויט שוין דאַן אין מײַן האַרצען געטראָגען.

ווען איך בין נאָך יענע שרעקען אַרויפֿגעקומען צו איהם און דערזעהן זײַן אָבגעפֿרישט געזיכֿט, זײַן בעוועגליכֿע פיגור, זײַנע שוואַרצע לאַכֿענדיגע אויגען — פּרץ'ן אין זײַן פֿולער מונטערקײַט — איז ער מיר געווען, ווי פֿון יענער וועלט געשאָנקען. ווי אין אַ שטײַפֿען פּאַנצער פֿון

שוואַרצגעוואָרענעם אַלטען זילבער איז זײַן קאַפּריזער, שטאַרקער קאָפּ געזעסען. און דער דאָזיגער שוואַרץ־גראָהער זילבער — ער איז איהם נעשטאַנען צום געזיכט, איז אָבער עלטער פאַר זײַן געזיכט.

דאַן זײַנען, הוץ די הויז־לײַט, געזעסען נאָך איינינע בעקאַנטע אין זײַן קאַבּינעט, און פּרץ, נישט רוהענדיג אַ מינוט, האָט אַלע אַרומיגע אָנגעשטעקט מיט זײַן מונטערקײַט.

ער האָט געכאַפּט התפּעלות פון זײַן נײַעם ווערק, וואָס איז אין די לעצטע עטליכע פריהמאָרגענס, פאַר זײַן געהן אין דער גמינע, פון אונטער זײַן פּען אַרויס.

ער האָט אונז דאָס ווערק געלעזען שטעלען־ווײַז. עס איז געווען אַ פײַן ווערק; אָבער פּרץ אין זײַן קינדישער התפּעלות איז געווען אַ פײַן ווערק פאַר זיך, און איך האָב מיך געקוויקט מיט די ביידע.

זאָגט אויף פּרץ'ן אונטער די אויגען, וואָס אין קאָרט שטעהט. גיט דאָס איהם צו וויסען — איהם וועט נישט אַרען. אָבער ווײַזט נישט אָן קיין הסרונות אין פּרצ'ס אַ ווערק, ווען ער איז פון דעם נתפּעל. איהר וועט בעליידיגען אַ שפּילענדיג קינד. איהר וועט בעגעהן אַן עבירה.

לאָקערנדיג נאָך בעוועגונג, נאָך אַרבייט, האָט ער נאָכ'ן לעזען זיך גענומען צום מײַסטערן: איבערהענגען די בילדער אין אַן אַנדער אָרדענונג, איבערשטעלען די מעבעל אין זײַן קאַבּינעט. ער האָט דערפיהלט אַן ענגשאַפט. געוואָלט זיך מאַכען פרײַער, בעקוועמער, די ווענט האָבען איהם געשטערט.

מיט'ן האַמער אין דער האַנט און מיט אַן אויסדרוק פון אַ געניטען טאָג־אַרבייטער, איז איהם נאָכגעגאַנגען יאַנעק, זײַ איינ'קעל, אַ יונגעל מיט אַ בלייך אין די שוואַרצע אויגען און מיט אַ טונקעלער הויט אויפ'ן געשניצטען פּנים — געראָטען אין זיידען.

יאַנעק האָט זיך סקעפּטיש בעצויגען צום זיידענס מײַסטערישע פעהיגקײַטען און צום זיידענס געשטעלטע מיינונגען. האַקען צוועקעס אין דער וואַנט — דאָס איז שוין יאַנעקס אַרבייט. דער זיידע וויל איבערהענגען די דאָזיגע צוויי בילדלעך אויף יענעם שמאָלען אָרט, נעבען דעם ביכערשראַנק? דער זיידע ווייס דען, וואָס ער וויל? פאַר אַכטאָגען זײַנען זיי דאָך דאָרטען געהאַנגען, האָט דער זיידע זיי פון דאָרטען אַראָבגעריסען.

און דער זיידע מיט'ן איינינקעל רײַסען זיך און קריגען זיך, כאַפּען זיך ראַנגלען און קומען צו אַן אויסגלײַך.

אין יענעם אָוונט האָבען אַלע שטוביגע הפצים אויפגעלעבט, זייער אָרט פאַרלאָזען און זיך אַרומגעדרעהט איבערן צימער אין גרויס אונאָרדענונג. ווי אין „בײַ נאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק“, האָט אַליך אַ נשמה בעקומען און מיטגעשפּילט, מיטגעטאַנצט מיט דעם דיכטערס שטימונג.

די שטוב, ווי רוסישע יודען זאָגען, איז געגאַנגען „כאָדאָראָם“.

אויף אַ טיש, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען דאָרט, וואו ס'איז

א. קאַציזנע. — פּרץ...

שטענדיג די אָטאָמאַנע געשטאַנען, האָבֿן מיר זיך געפֿונען זאַלבעדריט און געקלאַפּט צוועקעס אין דער וואַנט.

פֿרוי פּרץ האָט אויף אונז פֿון צווייטען צימער געשריען, אַז זי האָט שוין קאָפּ־שמערצען, און אַז מיר האָבֿן צעלעכֿערט אַלע ווענט. און מיר האָבֿן פֿאַררעטעריש צוגעשמייכֿעלט, ווײַל זי האָט רעכֿט געהאַט. אָט האָבֿן מיר אַראָבֿגענומען אַ גרויס בילד פֿון דער וואַנט, און מיר האַלטען זיך מיט דעם אין גרויס פֿאַרלעגענהײַט. אויפֿ'ן אָרט פֿון דעם בילד האָט זיך אַנטפּלעקט אַ היפּשע צאָהל לעכֿער אין דער וואַנט פֿון פּרצ'ס פֿריהערדיגע אָפּעראַציעס. מיט וואָס פֿאַרמאַסקירט מען זיי?

יאַנעק פּרובֿט שרעקען דעם עולם:

— באַבֿציאַ אידזיע!

איין מאָמענט האָט מיך אָבֿער פֿון דער דאָזיגער פֿריהליכֿער שטימונג אַרויסגעשלאָגען.

יאַנעק איז פֿלינק פֿון טיש אַראָבֿגעשפּרונגען. איך — פֿון לייטער צו דערלאַנגען פּרצ'ן די האַנט, העלפֿען איהם אַראָבֿשפּרינגען. האָט ער מײַן האַנט אָבֿגעשטויסען: ער איז אַליין אַראָבֿגעשפּרונגען. ער איז אָבֿער געשפּרונגען ווי אַן אַלטער מאַן, שווער, האַמעטנע, מיט אַ קרעכֿץ. און נאָך דעם איז געווען אַ היפּשע ווײַלע אויף זײַן געזיכֿט צו לעזען, אַז אין דעם דאָזיגען שפּרונג האָט ער זײַנע יאָהרען דערפֿיהלט און אויך זײַן אָנגעגריפֿען האַרץ. די מונטערקײַט האָט זיך אָבֿגעטאָן פֿון איהם און מיט איהר זײַן יונג אויסזעהן. זײַן טונקעלע גראָבֿע אונטערשטע ליפּ איז איהם שווער אָבֿגעהאַנגען אונטער די וואָנסען. ער האָט געהאַט אַ בעליידיגטען אויסדרוק. דער עלטער האָט איהם בעליידיגט.

פּרץ האָט די קאַלטע הענט געריבֿען און מיר פּראָפֿעסאָריש ערקלערט, פֿאַרוואָס בײַ עלטערע לײַט פֿונקציאָנירען נישט נאָרמאַל די געפֿליטען. ערקלערט — און פֿרעהל׳ך־קלינגענדיג געענדיגט:

— פֿאַרשטאַנען?

— נאָך ווי!... הערט, פּרץ, פֿאָהרט אַרויס פֿון וואַרשע. צו וואָס טויג עס אײַך? די שטאָטישע בעקוועמליכֿקײַטען, די גמינע... דאָס איז דאָך אַלץ, ווי איהר זאָגט: וואַנצען. און עס נעמט בײַ אײַך אָבֿ אַ שטיק לעבֿען. אַ שטיק געזונט.

— שאַפֿט'ס מיר פֿופֿציג טויזענט רובֿל.

— איהר וועט נישט אַרונטערלאָזען?

— קיין פֿעניג נישט. נאַריש מענש! שוין נישט די יאָהרען דערבײַ. פֿון פֿיל געוועהנהײַטען איז שווער זיך צו ענטזאַגען. דאָס קאָנט איהר נאָר לעבֿען, ווי עס מאַכֿט זיך. איך האָבֿ אַמאָל אויך געקאָנט. אויף דרײַסיג רובֿל אַ חודש האָבֿ איך מיט פֿאַמיליע געלעבֿט אין וואַרשע.

— אָבֿער די גמינע! זי נעמט דאָך בײַ אײַך צו אַזויפֿיל צײַט.

די יודישע װעלט.

— איך האָב היַינטיגע װאָך געאַרבייט ביַים שריַיב־טיש פֿון פֿריַיטאָג פֿאַרנאַכט ביז שבת אין דער פֿריה.

— און װען װעט איהר זיך נעמען צו אײַער פֿילאָזאָפֿיש װערק ?

— סוף זומער, װאָרשיַינליך. נאָכ'ן קור. כ'װעל אָנזאַמלען כּחות.

דאָס דאָזיגע פֿילאָזאָפֿישע װערק האָט געזאָלט אױפֿקלערען זיַין גאַנצע װעלט־אָנשױאונג, װעלכע האָט טיף איהרע װאָרצלען געלאָזט אין דער אוראַלטער יודישקיַיט און איהר קרוין דערהױבען ביז צו דעם װיַיטסטען איבער־נאַציאָנאַליזם.

פֿעסט, װי אַן אַלטער דעמב, איז פּרץ'עס גײַסט אין דער דאָזיגער אָנשױאונג געזעסען, און איהר שאָטען האָט געשיצט יעדען זיַין געשריבענעם װאָרט, יעדען זיַין אַרױסגעזאָגטען געדאַנק און אַרומגענומען זיַין גאַנצע גײַסטיגע לעבענס־טעטיגקיַיט.

פּרץ האָט זיך געקאָנט סותר זיַין אין קלײניגקײַטען. אױף דעם איז ער געװען שטימונגס־דיכטער. דאָס איז אָבער געװען בלױז די אַמפּעריַי פֿון בלעטער־גערױש ביַי אַ ציַיטװיַיליגען װינטעל. דער דעמב איז אָבער געשטאַנען פֿעסט און זיכער. אַ מיַיסטער־װערק פֿון זיַין ליבען נאָמען.

פּרץ צעשמײכעלט זיך. אָט האָב איך איהם דערמאָנט אָן דער גמינע.

— הערט אַ מעשׂה: קומט אַריַין אַ יונגער הער מיט אַ בעיאָהרענטער דאַמע, װענדען זיך צו מיר װעגען אַ פּלאַץ פֿאַר אַ פֿאַמיליען־קבֿר. װיַיזט זיך אַרױס, אַז די דאַמע איז דעם יונגען מאַנס שטיפֿמוטער. זי איז טױב. און אין געגענװאַרט פֿון דער טױבער שטיפֿמוטער פּרובֿט ער, דער יונגער, אינטעליגענטער הער, ביַי מיר פּועל'ן, אַז פֿון דעם פֿאַמיליען־פּלאַץ זאָל דער שטיפֿמוטערס קבֿר אױסגעטײלט װערען. אַ פֿרעמד גליד, הײסט עס. ביַים לעבען מוזען זײ ליַידען, נאָכ'ן טױט װילען זײ די אַרױסטריַיבען פֿון זײער משפּחה. און זי, די טױבע, זי הערט נישט, זי קוקט זיך נאָר צו פֿאַרדעכטיג, װי איהר שטיפֿזוהן רעדט אַזױ העפֿליך ערנסט װעגען דער זאַך. ס'איז צו זעהן אױף איהר פּנים: זי פֿאַרשטעהט אױסגעצײכענט, אַז מען װיל זי דאָ אָבנאַרען.

———————

געװיס האָט ער נישט געטאָרט װאױנען און אַרבײטען אין װאַרשע. איך רעד װעגען זיַין נאָהענטער טעטיגקײַט. ער האָט מיט דעם געגװאַלדיגט זיַין נאַטור. ער האָט געשריבען, גערעדט, װי פֿאַר אינטעליגענץ און געטראָגען זיַין װאָרט צום פֿאָלק. אױף צו װיסען, װער עס האָט איהם אױפֿגענומען און אױפֿגעהיט דאַרף מען קענען װאַרשעװער אינטעליגענץ און װאַרשעװער „פֿאָלק”.

װאַרשע איז אַ שטאָט, װאו דער יודישער גלות האָט הן אין די יודישע, הן אין די קריסטליכע הערצער די טיפֿסטע שפּורען איבערגעלאָזט.

א. קאַציזנע. — פּרץ...

דער קריסט זעהט אין דעם יודען זײַן אַמאָליגען מאַשעק, זײַן גע־האַסטען, אַמאָל נוצליכען, איצט שעדליכען מה־יפית־זשידעק. דער קריסט שעמט זיך נישט צו לאָזען הענגען אַן אָפּיציעלען מאַגיסטראַט־צעטעל אויפ׳ן גאָרטען נאָך ביז מיט צװײ יאָהר צוריק, אַז: הינט און יודען אין לאַנגער קלײדונג װערען אַהין נישט אַרײַנגעלאָזט. דער יוד, װידער, האָט די דאָזיגע לאַנגע קלײדונג, פאַר װעלכער ער װערט פון גאָרטען געטריבען, נישט אויסגעטאָן, נאָר רעפאָרמירט עטװאָס. איז עס, אפשר, אַ צײכען פון שטאָלצער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיגקײַט? אַזוי גלײַך, װי פאַרן רבי׳ן, בויגט זיך דער דאָזיגער יוד פאַר זײַן פאַרפּױלישטען ברודער, דעם אַסימילאַטאָר, און פאַרן פּאָלאַק אַלײן און זאָגט מיט זײַן גאַנצען געבויגענעם, לאַנג־פּאָלעדיגען װעזען:

— אַ הײמישער, אַן אײגענער מאַשעק, פּריץ־לעבען. מאָגסט מיט מיר געשעפט מאַכען.

דאָס איז דערהויפּט דאָס „פּאָלק“.

און טוט אַזאַ יודישער יונגער־מאַן אויס די לאַנגע קאַפּאָטע מיט׳ן קאַשקעטעל און קריכט ער שוין אַרײַן אין אײראָפּעאישע קלײדער —

דאַן איז זײַן גלײַכער װעג צו די פּאָלאַקען און פּױלענטום, װאָס פון זײערטװעגען האָט ער זיך מיט זײַנע יודישע מלבושים צעשײדט.

און אַזוי האָט זיך אין װאַרשע די פּױליש־יודישע אינטעליגענץ געבילדעט פון פריהער אָדער פון אַמאָל געװעזענע מאַשקעס, „קאַפּאָ־טיאַזשעס“.

די דאָזיגע אינטעליגענץ, װעלכע איז דורכגעדרונגען בלױז מיט פּױ־לישע טראַדיציעס, אָדער, װען נאָך נישט לאַנג די קאַפּאָטע פאַרלאַזען, מיט גרױס דרך־ארץ און פאַרגעטערונג פון די פּױלישע טראַדיציעס, — די דאָזיגע אינטעליגענץ איז, לויט איהר מהות, דער גרעסטער קעמפער קעגען אַלץ, װאָס טראָגט דעם צײכען פון יודישקײַט. אײנאײנעם מיט משה־רבינו׳ס גלױבען, גראָבע יודישע ראַסען־נעז און די נידעריגסטע נױ־גונגען פון פאַרקריפּעלטען יודישען גלות־גײַסט: פאַרראַטען אפילו דאָס אײגענע פּאָלק, אַבי דעם פּריץ צוליב צו טון.

מיט קלײנע אויסנאַמען איז דאָס די גאַנצע װאַרשעװער אינטעלי־גענץ. נישט פּרץ איז זײער לעהרער און נישט זײ זײַנע צוהערער. איז פאַראַן אין װאַרשע אַ ציוניסטישע אינטעליגענץ — אויך קעמפער קעגען פּרצ׳ס זאַך און פּאַקטישע מיטהעלפער פון אַסימילאַציע. בלײַבט אַ קלײן הײַפעלע יודיש־געשטימטע אינטעליגענץ, װאָס צוליב איהר דאַרף פּרץ קײן אודיטאָריע נישט דינגען. ער קאָן זײ אײַנלאַדען צו זיך אין קאַבינעט: עס װעט קײן ענגשאַפט נישט זײַן.

מען זאָגט: פּרץ איז פאַרעהרט געװען. נישט אמת. זײַן פּערזאָן

האָט אימפּאָנירט. אָט דער פֿעסטער, נישט הויכער בעיאָהרענטער מאַן מיט יונגענדליך־שנעלע, נאָר בעיאָהרענט־קליינע טריט, מיט אַ שטאַרקער ליניע פֿון יעדער האַסטיגער קאָפּ־בעוועגונג. מיט זײַן גײַסטרײַכען גרויסען געזיכט און קלוגע, טיף־מענשליכע אויגען — ער האָט געצוואונגען יעדען דעם וועג איהם אָבטרעטען, די אויגען אַראָבלאָזען מיט אַ געדאַנק: זײַן גײַסט איז ריינער פֿאַר מײַנעם. ער האָט געצוואונגען אויך די פּריצים פֿון דער פֿאַרפּויליִשטער גמינע זיך צו פֿאַרנייגען פֿאַר איהם מיט אַ קאַלטער, פֿײַנדליכער העפֿלכקײַט.

אָבער זײַן רוהם! פּרץ'ס רוהם האָט זיך געהויבט און געצויגען פֿון די ווײַטע פּראָווינצען, פֿון ליטע, פֿון רוסלאַנד, פֿון אַמעריקע. צו איהם פֿלעגען קלאַנגען דערגעהן, אָבער זײַן אויג האָט זעלטען געהאַט דאָס פֿאַרגעניגען צו זעהן די פֿאַרעהרונג. ער האָט געוואוינט אין וואַרשע.

———

אַ קעסטעל־אָווענט אין „הזמיר“. פּרץ האָט עס צוגעטראַכט און געקרוינט מיט'ן דאָזיגען נאָמען. דער תּוך פֿון דעם אָווענט דערמאָנט אָן עפּעס גאָר אַן אוראַלטען גריכישען פֿאָלקס־אוניווערסיטעט. ער בעשטעהט דערין, וואָס יעדער איינציגער, וועלכער האָט עפּעס אַ פֿראַגע צו שטעלען, שרײַבט זי אָן אויף אַ פּאַפּירל און וואַרפֿט זי אַרײַן אין בריף־קעסטעל פֿון „הזמיר“. פֿון די פֿראַגען ווערט אַ לייסטער צוזאַמענגעשטעלט, און איין מאָל אין דער וואָך בײַ דעם אָנטייל פֿון אַ גאַנצער פֿאַרזאַמלונג, ווערען די דאָזיגע פֿראַגען בעהאַנדעלט, ברייט דעמאָקראַטיש און יודישליך, ווי עס פּאַסט פֿאַר פּרץ'ס אידיטאָריע. סיסטעמלויז — ווי דער דיכטער אין אַלע זײַנע קלייניגקײַטען. דער הזמיר־זאַל איז לאַנג און שמאָל, מיט אַ נידעריגען סופיט, ווײַל ער געפינט זיך אויפ'ן העכסטען שטאָק. עס דערמאָנט אָן אַ וואַגאָן, אָדער אָן אַ קאַיוטע אין אַ דאַמפּער. די טריבונע — בײַ דער לאַנגער וואַנט, צווישען די פֿענסטער, אַזוי, אַז דער רעדנער האָט פֿאַר זיך גאָר אַ קליינעם עולם און פֿון ביידע זײַטען גאָר אַ גרויסען. יודישליך־אומבעקוועם. אַ גלות־אוידיטאָריע, וואו עס ווערט געלערנט כּלה־תּורה אויף איין פֿוס.

אַן ענגשאַפֿט אין זאַל און אַ היץ. יונגע לײַט און פֿרײַלענס. צום מיינסט ליטווישע האַלבע אינטעליגענטען, אַרבייטער און קאָנטאָר־מענשען. וואו נישט וואו אַ חסידיש קאַשקעטעל, וואו נישט וואו אַ פּאָר ברילען און לאַנגע פּרעטענדירענדיגע האָר. און, פֿאַרמאַכסטו די אויגען — רוישט עס אַ ים. קיין אוידיטאָריע זעהסטו נישט. אומבעדײַטענדע געזיכט־שטריכען צווינגען נישט דאָס אויג צו פֿיקסירען.

דאָס הײַפֿעלע היימישע אינטעליגענץ האָט זיך שוין צוזעצט נאָהענט בײַ דער טריבונע. דער פֿאָרזיצענדער, ד"ר ל., לייענט פֿון דער טריבונע אַראָב דעם לייסטער פֿראַגען.

א. קאַציזנע. — פּרץ...

פּרץ זיצט נעבן דעם פּאָרזיצענדען שווער אָן טיש אָנגעלעהנט און בעטראַכט מיט מידע אויגען די אוידיטאָריע.

— וואָס איז אַזוינס גאָטהײַט? — לייענט דער פּאָרזיצענדער פון לייסטער אַרויס און מאַכט נאָך דער פראַגע אַ פּויזע.

— וואָס איז אַזוינס יודישקײַט?

— ווי דאַרף מען רעאַגירען אויף דער שמד־בעוועגונג?

— וואָס טוט מען צו בויך־וועהטאָג?

אַ הירזשערײַ אין זאַל.

בײַ פּרצ'ן פאַלט אָב די אונטערשטע גראָבע ליפּ. דער מידער בליק ערוואַכט אָבער מיט געלעכטער.

איך לאַך „מיט יאַשטשערקעס“. פאַר מיר איז דער מיאוסער חויץ סימפּטאָמאַטיש.

עס ווערט דעבאַטירט „צו דער אָרדענונג“ — צו פאַרמעקען די דאָ־זיגע פראַגע.

איינער נעמט זיך אָן פּרצ'ס כבוד, משמעות, פּרובט צו ערקלערן, אַז די פראַגע האָט געקאָנט געשטעלט ווערען מיט אַן ערנסטען מיין און דאַרף דעריבער בעהאַנדעלט ווערען.

פּרץ לאַכט.

אַ צווייטער זאָגט פאַרקערט, מוסר'ט דעם אַנאָנימען פראַגע־שטע־לער.

פּרץ לאַכט.

אַ דריטער פאַלט אויפ'ן שכל, אַז מען מוז פעסט שטעלען די גע־ביטען, אויף וועלכע עס קאָנען געשטעלט ווערען פראַגען.

פּרץ ווערט ערנסט.

די פראַגע איז אָבגעוואָרפען. דער פּאָרזיצענדער לעזט ווײַטער:

— די יודישע ליטעראַטור און דער יודישער אַרבייטער.

— שוין נישט קיין פראַגע, נאָר אַ טעמע.

מען פרעגט: ווער האָט זי געשטעלט?

נישטאָ קיין טאַטע.

מיט דער אַלגעמיינער הילף ווערט זי פאָרמולירט אין אַ פראַגע.

ווײַטער:

— וואָס מיינט פּרץ מיט זײַן „בײַנאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק?“

— וואָס מיינט פּרץ מיט זײַנע פינטעלעך?...

———

אַז פּרץ דאַרף רעדען — דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך. נישט אָנפרעגענדיג, נאָר שמייכלענדיג צו איהם, פאַרשרײַבט איהם דער פאָרזיצענדער צום וואָרט.

— ווער נאָך?

רעדנער פֿאַרשרײַבֿען זיך קאַרג.

דער פֿאָרזיצענדער כֿאַפּט מיט׳ן אויג איינעם אַן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך בֿעהאַלטען אין אַ ווינקעל.

— סטײַטש, ה. X?

— איך וויס? — קוועטשט דער אינטעליגענט מיט די פּלײצעס — פֿאַרשרײַבֿט מיך אויך.

דאָס איז צו דער פֿראַגע וועגען גאָטהײַט.

פּרץ האָט עמיצען בֿעמערקט אַרײַנקומען אין זאַל.

— אָן זעה איך אַ רעדנער...

פּרץ נעמט דאָס וואָרט.

ער איז שטרענג-ערנסט. ער וואָרענט זײַן אודיטאָריע, אַז ער האָט פֿיל געטראַכֿט וועגען דער פּראַגע.

די ערשטע פֿראַזען קומען לאַנגזאַם און שווער. עס פּיהלט זיך די אָנשטרענגונג, מיט וועלכֿער פּרץ מיהט זיך די טעמפּע מידיגקײַט פֿון זײַן טאָגיגער אַרבֿייט אַראָבֿצו־וואַרפֿען. זײַן שטים קלינגט הילכֿיג האַרט — אַ האַמער אָן בֿלעך.

אָבֿער עס לויפֿען פֿאַרבֿײַ די ערשטע פּאָר מינוט, און עס אַנטפּלעקט זיך פּרץ אין זײַן רעדע וועגען גאָטהײַט, אַנטפּלעקט זיך, ווי אַ פּרעכֿטיגע ערשײַנונג.

פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונזער מאַמע־לשון אַזאַ גלענצענדע פֿליסיגקײַט, אַזאַ אויסדרוקס־קראַפֿט אין קורצען אַפּאָריזם, אַזאַ שטאַרקער און האַסטיגער ריטם? פֿראַזען צינדען זיך אָן, בֿײַטען זיך, ווי פּײַערלעך אויפ׳ן שוואַרצען עקראַן פֿון צוהערערס מח. לויטערע, צײַטיגע געדאַנקען, פּאַרענדיגטע, אָבֿגעטאָקטע אין קורצע פֿראַזען, ווי סקולפּטור־מיניאַטורען פֿון גרויסע אידעען. בֿליצען פֿון טיפֿ־זין, אוממיטעלבֿאַר געבֿוירענע נאָר וואָס אונטער דער צונג — די מאַכֿען דעם אײַנדרוק פֿון נבֿיאות. און אויפ׳ן גאַנצען וועג פֿון דער רעדע זײַנען ווי בֿלומען צעוואָרפֿען פּרעכֿטיגע בֿילדער־פֿאָרמען — פּרישע, אַז די פּאַרבֿ איז נאָך פּײַכֿט. איך הער פּרצ׳ן רעדען וועגען גאָטהײַט, און מיר דוכֿט: איך האָבֿ איהם שוין לאַנג געהערט רעדען די זעלבֿיגע רייד. און וועגען וואָס ער זאָל נישט רעדען און ווען ער זאָל נישט רעדען — האָט נאָר זײַן וואָרט אַ שייכֿות צו גײַסטיגע וועלטען — רעדט פּרץ וועגען זיך, וועגען זײַן וועלט־אַנשויאונג, וועלכֿע שטאַמט אַרויס פֿון דער אוראַלטער יודישקײַט, לויפּט דורך די פּאַרגאַנגענהײַט און געגענוואַרט, ווי אַ דאָרנדיגען וועג און פֿאַרלויפּט אין דער ווײַטעסטער איבער־נאַציאָנאַליסטישער צוקונפֿט. פּאַרקערפּערן זיך זײַנע העכֿסטע עטישע אידעאַלען אין זײַנע בֿעגריפֿען פון יודישקײַט. ווערט בֿײַ איהם די צוקונפֿטס־וועלט יודיש. זעהט ער יודיש־דענקענדיגע גײַסטער אין דעם פֿילאָסאָף בֿערגסאָן, אין ראַבֿינדראַ־נאַט־טאַגאָרע. זײַנען

א. קאַציזנע. — פּרץ...

דאָס איינצעלנע שטימען פֿון גײַסטיגער נאָהענטקײַט. די גאַנצע וועלט אָבער איז בעהערשט פֿון נישט־יודישען געדאַנק. די וועלט האָט איהם אין קאַמף פֿאַרשטופּט אין אַן ענגען ווינקעל. פּרץ גלויבט אָבער אין זײַן געוועהר. ער גלויבט, אַז דער י ו ד י ש ע ר געדאַנק מוז ווידער די וועלט בעהערשען. די צוקונפֿטס־וועלט וועט זײַן י ו ד י ש, ווײַל אין יודישקײַט, ווי פּרץ בענעמט עס, ליגט דער קערן פֿון אייביגער וואָרהײַט.

— ווען אַלע גוים וועלען ווערען יודען — דאַן וועט דער אַנטי־סעמיטיזם אויפֿהערען.

נישט קיין פּאַראַדאָקס, נישט קיין רייד פֿון אַ פּאַרצײַטיגען יודען. אין פּרצ'ס מויל זײַנען דאָס ווערטער פֿון אַ ג ר ו י ס ע ן יודען.

נישט־יודיש ערצויגען איז מײַן געדאַנק. איך קאָן נישט פּרצ'ן פֿאַרשטעהן, ווי איך וואָלט עס געוואָלט, נאָר ווען איך הער פּרצ'ן רעדען וועגען אַ וויכטיגער פֿראַגע, ווען ער רעדט פֿון ז י ך אַרויס, פֿון זײַן וועלט־אָנשויאונג, דאַן פֿיהל איך און איך זעה פֿאַר זיך איינעם פֿון יענע געצעהלטע גרויסע גײַסטער, וועלכע האָבען דורך דעם לאַנגען היסטאָרישען וועג געטראָגען פֿאַר דער צוקונפֿט די עטיק פֿון משה־רבינו. נישט זעכציג יאָהר קוקען פֿון פּרצ'ס אויגען אַרויס — זעקס הונדערט יאָהר און מעהר. דער גאַנצער הייליגער פֿלאַם פֿון אַ קדוש, וועלכער געהט מיט זײַן גלויבען אין שײַטערהויפֿען אַרײַן, די גאַנצע מיט בלוט געשריבענע, נאָר אין וואָרט נישט אויסגעדריקטע טראַגעדיע פֿון י ו ד י ש ע ן ג ע ד אַ נ ק, פֿון דעם מלך אין קייטען — זיי לייען איך פֿון פּרצ'ס אויגען אַרויס, זיי הער איך אין זײַן וואָרט קלינגען. ער שטרעקט אויס זײַן האַנט און טרעפֿט אָן דער פֿרײַנדליך אויסגעשטרעקטער האַנט פֿון יהודה־הלוי, דורך איהם נאָך טיפֿער אין דורות אַרײַן, און עס ציהט זיך די גאָלדענע קייט...

דער דאָזיגער פּרץ האָט איצט גערעדט וועגען גאָטהײַט. אין דער פֿאַרכישופֿטער שטילקײַט פֿון זאַל האָט זײַן האַרטע שטים פֿון גײַסטיגען פֿלאַם געשמידט ווערטער. און פֿײַן און ליכטיג איז געווען זײַן בעגײַסטערט גרויס געזיכט.

זײַנע רייד האָבען בעצויבערט מיט זייער פֿאָרם און פֿאַרבלענדט מיט זייער בליץ. אָבער דער וועג פֿון זײַנע געדאַנקען איז געבליבען האַלב פֿאַרהוילען. אַ טיפֿער געדאַנק קאָן זיך, בכלל, נישט איפּדרעקען ביז צום גרונד. פּרצ'ס געדאַנק אָבער האָט נאָך די איינגעשאַפּט אַרויסצוזעצען פֿון דער פֿינסטערער טיפֿעניש, ווי אַ בעלויכטענער טורעם. איין טורעם, אַ צווייטער, אַ דריטער. איינער פֿאַרן צווייטען העכער און פּרעכטיגער. און פֿון איינעם צום צווייטען איז קיין בריקעל נישטאָ. פּרץ איז פֿיל איהם צו בויען. איהם איז קלאָר דאָס, וואָס פֿאַר דער אודיטאָריע בלײַבט אומקלאָר. זײַן געדאַנק קאָן שוועבען. דער צוהערער מוז קריכען צופֿוס. און די

די יודישע וועלט.

דאָזיגע איינגעשאַפּט, ווי אויך זיין טיפּקייט שטערט פּרץ'ן זיך פֿולקום אויפֿצוקלערן, זיך מאַכֿען פּאָפּולער פֿאַר'ן צוהערער.

רעכֿט פֿאַרשטאַנען, שלעכֿט פֿאַרשטאַנען — דער עולם איז אָבֿער דאָך אונטערן צויבער פֿון זיין וואָרט. און ווען ער ענדיגט זיין רעדע, בֿרעכֿען זיך די ווענט פֿון אַפּלאָדיסמענטען. פּרץ גיט זיך אַ האַסטיגען נויג מיט'ן קאָפּ אַלס דאַנק און זעצט זיך אַן אויפֿגערודערטער פֿון גרויסען עקסטאַז און נאָך נישט פֿיהלענדיג קיין מידקייט.

עס בייטען זיך רעדנער אויף דער טריבונע.

עס פֿאַלען געדאַנקען קלוגע, פּראַקטישע, בּילער-געדאַנקען, בעל-הבתישע, בטלנישע און טעמפּע.

פּרץ'ס רייד ווערען פֿיל מאָל איבערגעבויגט און אויסגעטייטשט און פֿאַרבעסערט. אין משך פֿון העכֿער אַ שעה ווערט עפּענטליך דעמאָנסטרירט דאָס נישט בענעמען פּרץ'ן אין זיין גאַנצער גרייס. די פּרץ-שטימונג איז שוין אַרויסגעטריבען. עס הערשט אַ טעמפּע לאַנגווייליגקייט. דער לעצטער רעדנער פֿאַרטיגט זיך אָב, ווי ער קאָן, מיט דער פֿראַגע וועגען גאָטהייט.

שטעהט אויף דער אָרדענונג די צווייטע.

— ווער פֿאַרשרייבט זיך צום וואָרט?

שטיל...

— פּרץ! פּרץ! — רוישט שוין אין זאַל ווי אין אַ צעלאָזענער קינדער-שולע.

פּרץ האָט ערשט זיין מידקייט דערפֿיהלט.

איך זעה דאָס אין זיין בליק, מיט וועלכֿען ער בעשענקט די אודיטאָריע.

——————

פּרץ'ס אודיטאָריע... צוויי עפּיזאָדען, וועלכֿע איך האָב שמאַרצליך בייגעוואוינט.

אין אַ הייסער זומער-נאַכֿט האָב איך איהם בעגלייט אויפֿ'ן שפּאַציר. פֿרוי פּרץ האָט זיך קורירט אין אָטוואָצק, און דער דיכֿטער האָט נישט געהיט זיין רעזשי'ם, אַריינגעשפּאַצירט שפּעט אין דער נאַכֿט אַריין.

נישט לאַנג פֿאַר דעם האָט פּרץ „אָבגעטאָן אַן אַקט": ער האָט אָנגענומען דעם אַנגאַזשעמאַן אין אַ גרויסער פֿאָלקס-צייטונג, צו וואָס גוטע פֿריינד האָבען איהם נישט צוגערעדט. ער איז נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק פֿון דער דאָזיגער טאַט און האָט איצט געהאַלטען אין אויפֿווייזען פֿאַר מיר, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ גלייכֿע זאַך, נאָר אַ גלענצענדע אידעע: די צייטונג איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט. זי רעדט פֿאַר אַ פֿערטיל מיליאָן לעזער. וואָס דאַרף מען בעסערס, ווי פּרעדיגען פֿאַר אַזאַ קאָלאָסאַלער אודיטאָריע? דער דיכֿטער האָט גערעדט און דער דיכֿטער האָט רעכֿט געהאַט. איך האָב אַיינגעשטימט. מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסען קאַפֿע.

אַ גרויסער קאַפע און אַ גוטער ציגאַר — דאָס זײַנען פּרצ'ס געצעהלטע לוקסוסען. איבער איינעם פון די טישען בעלעגערט מיט צײַטונגען און זשורנאַלען האָבען מיר בעמערקט אַראָפּהענגען אַ הױכען ייִדישען שטערן. דער שטערן איז אונז בעקאַנט געווען. ער האָט געהערט צו איינעם פון פּרצ'ס נײַע רעדאַקטאָרען.

אַ פֿרײַנדליכע בעגעגעניש. אונטער דער איידעלער מוזיק פון „אַזאָס טויט", צווישען צוויי זופּען קאַווע, האָט זיך געהויבען אַ רוהיגער, זאַל־ליכער שמועס. איך האָב מיך ווייניג געמישט אין געשפּרעך. איך האָב זיך צוגעקוקט צו פּרצ'ן מיט זײַן רעדאַקטאָר. און, קוקענדיג דעם צווייטען פון דער פֿײַנסטער זײַט, האָב איך מיך דאָך אונאָנגענעם געפיהלט בײַם געדאַנק, אַז ער איז איצט אין אַ געוויסען זין פּרצ'ס בעל־הבית. מײַנע געפיהלען האָבען אַן אָבקלאַנג געפונען שוין דאַן, ווען מיר זײַנען אַרויס פון קאַפע. דער געשפּרעך האָט זיך איצט דער עיקר געדרעהט אַרום ציטונגס־אַרבייט, און דער רעדאַקטאָר מאַכט אין מײַן זײַט, העפליך און פּאָרזיכטיג, די דאָזיגע בעמערקונג:

— פּרצ'ס פעליעטאָנען?... יאָ, פּרץ שרײַבט זעהר גוט און זעהר פײַן.... ער פאַרגעסט אָבער אמאָל, זאָל ער מיר מוחל זײַן, פאַר וועלכען לעזער ער שרײַבט. פאַרן פאָלק וואָלט געווען בעסער... צו שרײַבען צוגענגליכער, פאַרשטענדליכער, פּאָפּולערער...

— אַ פערטיל מיליאָן לעזער! קלינגט מיר אָב פּרצ'ס פריהערדיגע בעגײַסטערונג.

יאָ, דער רעדאַקטאָר האָט רעכט, געוויס האָט ער רעכט.. אָבער קעגען פּרצ'ן... איז ער אומגערעכט...

פּרץ איז געגאַנגען אין דער מיט און האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. און מיט אַ געפיהל פון פאַרביטערטקײַט האָב איך געשווינד פאַרנומען דעם פּלאַץ אין דער מיט, צווישען פּרצ'ן מיט'ן רעדאַקטאָר און מיט'ן זעל־ביגען געפיהל האָב איך זיך געמיהט אויפקלערן, דערווײַזען, אַז פּרץ דאַרף נישט שרײַבען אַנדערש, ווי ער קאָן.

איך האָב זיך אין פּרצ'ס געגענוואַרט אָנגענומען זײַן קריוודע. נאַאיוו. און ער האָט געשוויגען. מעהר נישט — איך האָב בעמערקט אויף אַ בעלויכטענעם אָרט — די אונטערשטע ליפּ איז איהם אָבגעהאַנגען.

———————

עס געהט אַ וואָרט: פּרץ איז אַ שטימונגס־מענש. דאָס מוז בעגרע־ניצט ווערען. פּרץ איז אַ מענש מיט שטימונגען. די שטימונגען ברענגען מיט זייערע פאָרמען פאַר פּרצ'ס וואָרט. אָבער זײַן געדאַנק קאָנען די שטימונגען נישט בעהערשען, נישט פאַרבײַגען. זײַן געדאַנק איז שטאָל, די שטימונגען — וואָלקען־רויך.

אין זײַן װײַכן, צעבײַלטען הוט, אין דער ברײטער פעלערינע און מיט׳ן ציגאַר אין מויל, שפּאַצירט ער דאָרט אום און האָט אַן אויסזעהן פון אַן אַלטען שליאַכטיטש.

— ס׳טײַטש, פּרץ! װאַרשע קאָכט דאָך מיט אײַך: איהר זײַנט געװאָרען קלעריקאַל!

פּרץ נעמט אַרויס דעם ציגאַר פון מויל און צעלאַכט זיך. זײַן גראָבע טונקעלע אונטערשטע ליפּ הענגט איהם אָפּ, װי בײַ אַן אַלטען סאַטיר. איך געדענק: דער גאָרטען איז דאַן פול געװען מיט האַרבסט־זון, האַרבסט־פאַרבען און שפּאַצירענדיגע. קײן לאַנגע קאַפּאָטעס נישט

אָנצוזעהן. זיי האָט מען נאָך דאַן אין סאַקסישען גאָרטען נישט אַרײַנגעלאָזט. איך געדענק: איך האָב געזאָגט פּרצ׳ן, אַז איך האָב ליב די דאָזיגע רײַכע פֿאַרבען, אין וועלכע די בוימער און די בלומען-טעפּיכער זײַנען אָנגעקליידט, אַז איך האָב ליב די דאָזיגע לויטערקײַט פֿון דער לופֿט, דעם שווערען זיפּץ פֿון ווינט, וואָס לויפֿט פּלוצלונג דורך אין דער הויך איבער די בוימער.

ער האָט נישט מיטגעפֿיהלט.

— אָט די דאָזיגע פֿאַרבען פֿון טויט, אָט דעם זיפּץ פֿון גסיסה — ווי קאָן מען עס ליבען?

די הויפּט-אַליי איז געווען פּראַכטפֿול אין יענער שעה. אין אַ ראַם פֿון בלאַסען און פֿון רויטען גאָלד און פֿון זוניגען און שאָטענדיגען פּורפּור און פֿון געפֿלעקטער גרינס און פֿון נאָך פֿיל פֿאַרבען-שאַטירונגען, וואָס זײַנען אַזוי אָנגענעם, ווײַל דאָס אויג קאָן זיי נישט צעהלען — אין דער דאָזיגער רײַכער ראַם איז געזעסען אַ רײַך און פּלאַציג געמעל. אונטען דער פּלאַץ מיט שפּאַצירענדיגע אַרום שפּרינג-ברונים. העכער די מעטריש-אויסגעשפּינטע טונקעלע צוויי-שטאָקיגע קאָלאָנאַדע פֿון טויער. און נאָך העכער האָט זיך אין לויטערן הימעל צעלעגט, ווי אַ שווערער ווײַסער וואָלקען מיט גאָלדענע קעפּ, די שווערע ביזאַנטיק פֿון רוסישען סאָבאָר מיט פֿיל גאָלד און פּורפּור אויף איהרע פּראָנט-געמעלען.

צום פֿולען פּראַכט האָט דער גאָרטען מיט׳ן הימעל מיט דער לויטערער לופֿט אינאיינעם פּלוצלונג און שטיל געבוירען אַ נידעריגען רוהיגען טאָן פֿון זעלטענער לויטערקײַט. ווי אַ זינגענדיגער ווינט האָט ער אָנגעפֿילט די לופֿט. און אַ היפּשע ווײַלע זײַנען מיר געווען אונטער זײַן צויבער, איידער מיר האָבען פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קלינגט דער גרויסער גלאָק פֿון סאָבאָר.

מיר האָבען זיך צופֿרידען איבערגעבליקט.

עטליכע בעקאַנטע זײַנען מיר איצט אין גאָרטען געווען אַרום פּרצ׳ן, און ער האָט אונז פֿאַרצעהלט:

— ביז דרײַצען יאָהר האָט ער פֿאַר די אויגען נישט אָנגעזעהן קיין גרינע לאָנקע, און נאָך אַ צײַט שפּעטער איז איהם פֿרעמד געווען די פֿרײַע נאַטור. און איך דאַן, ווען ער האָט שוין געהאַט געשריבען, האָט ער די נאַטור נישט געזעהן און נישט געקאָנט אָנשרײַבען קיין לאַנדשאַפֿט. ערשט שפּעטער, ווען ער איז אין אויסלאַנד געווען, געזעהן די שווייצער בערג, די נאַטור אין איהר מאַכט, דאַן האָט ער זיך אויסגעלערנט בענעמען זי. דאָס מעכטיגע האָט איהם געעפֿענט די אויגען אויפֿ׳ן איינפֿאַכען.

רעדענדיג וועגען געשריבענעם לאַנדשאַפֿט, האָט ער געזאָגט:

— דער לאַנדשאַפֿט אין ערצעהלונג קאָן אידעאַליזירט ווערען, ער

קאָן אָבער נישט זײַן קיין אויסגעטראַכטער. ער מוז ווערען אַראָבגע־צייכענט פון דער ווירקליכקייט.

ער האָט אונז פאַרצעהלט, אַז דעם „אַלטען מאַרק“ מיט'ן קלויסטער, מיט דער שול האָט ער געצייכענט אין טשענסטאָכאָוו. און אַז אויך די היגע „לאַזענקעס“ און דעם דאָזיגען סאַקסישען גאָרטען, וואו מיר שפּאַצירען איצט, האָט ער אויסגענוצט פאַר נאַטור־שילדערונג.

די „דרײַ הופּות“ שפּילען זיך אָב בײַ איהם אין סאַקסישען גאָרטען.

די „דרײַ הופות“ און דער סאַקסישער! אַ יודישע מלוכה אין אַ גאָרטען, וואו מען לאָזט קיין יודען נישט אַרײַן!...

געהענדיג אין דער אַליי, בעמערקען מיר אָן דער זײַט אַ גרופּע יונגע לײַט, וואָס קוקען זיך אום און שמייכלען אין אונזער זײַט. פון דער דאָזיגער גרופּע טיילען זיך אָב אַ פּאָר בחורים'לעך און דערנעהענטערן זיך צו אונז: אַ דעפּוטאַציע.

איין בחור'ל, אַ געלער, אַ געשפּרענקעלטער, צעשמייכעלט זיך ביז די אויערן און געהט צו האַרט צו פּרצ'ן.

און, פינטלענדיג מיט די אויגען, בראָקט ער אָב פאַר איהם פאָלגענדע אײַנגע'הזרטע פראַזע:

— פּאַניע פּרץ! די יודישע פּראָלעטאַרישע יוגענד שענקט אײַך פאַר אײַערע ימים־נוראים'דיגע פּעליעטאָנען דאָס דאָזיגע סידורל.

און, מיט די ווערטער, דערלאַנגט ער פּרצ'ן אַן אַלט, צעריסען סידורל.

— אַ שענעם דאַנק! ענטפערט פּרץ אָב און נעמט דאָס סידורל צו. דער געלער בחור טרעט אָב מיט אַ צופרידענעם מיאוסען שמייכעל.

שטום זײַנען מיר אַהיים געגאַנגען. איך בין געווען צופרידען, ווען די ביזאַנטיק איז געבליבען הינטער אונז און ווען דער גלאָק האָט אויפגעהערט קלינגען.

———————

איך פלעג אָבזיצען בײַ פּרצ'ן שעה'ן־ווײַז שווײַגענדיג, ווי דער חסיד בײַם רבי'ן. אַמאָל מיד, אַמאָל צעבראָכען, פלעג איך מיך אַרויסרײַסען צו פּרצ'ן, בענקענדיג נאָך אַ געמיטליך וואָרט. — ערשט וואו! פּרץ איז פאַרפּאַנצערט קעגען יעדען פּײַל פון געמיטליכקייט.

אונטער דער מאַסקע פון בייזען קאַפּריז אָדער ברוטאַלער זאָרגלויזיגקייט האָט זיך פאַרבאָרגען דער אמת'ער פּרץ און וויל נישט אַרויסקוקען. עס טוט מיר וועה דאָס האַרץ. איך ווייס דאָך, ווער עס האָט איהם אַזוי טיף אין זיך פאַרטריבען. דאָס איז דאָך יענער יונגער מאַן מיט זײַן טויבער שטיפמוטער, וואָס זײַנען געקומען אַ קבר דינגען, און וואָס פאַרלויפען איהם דעם וועג אין דער גמינע, ווי אויסער דער גמינע, אָנ־נעמענדיג פאַרשיידענע געשטאַלטען. ווי אַרבייטענדיג אין אַ שמוציגער

פרצ׳ס פאַטער.

פרצ׳ס באָבע.

לאַבאָראַטאָריע, טראָגט פּרצ'ס גײַסט אַ לעדערנעם פאַרטוך, און אָפּטמאָל, ווען ער פאַרגעסט פון געמיטליכקײַט, אַ לענגערע צײַט דעם דאָזיגן פאַרטוך אויסצוטון, קאָן זיך דוכטן: אַזאַ גראָבע הויט איז אויף איהם. דאַן זײַן איך און איך שווײַג. מיר ווילט זיך איהם זאָגן אַ טרייסט־וואָרט — קאָן איך נישט. דריקט מיך דאָס שווײַגן, צערעד איך זיך מיט אַ געמאַלטען אינטערעס וועגן אַזעלכעס, וואָס גערהט מיר ווייניג אָן. איך פּרוב זײַן שאַרפזיניג, וויציג און בין צופרידען, ווען איך בעקום פון זײַן שטייןהאַרטען פּנים אַ שמייכעל אַרויס. עס מאַכט מיך אָבער מיד. איך פאַרליר זיך אין מײַנע אויגען. אָט האָב איך שוין אויך אָנגעטאָן אַ לעדערנעם פאַרטוך און טאַנץ מיט פּרצ'ן אַ געשפּרעך־טאַנץ, וואָס מיר דאַרפען עס ביידע נישט. ער איז עלטער, האַרטער, געדולדיגער. איך בין נאָך שוואַך. דער לעדערנער פאַרטוך רײַבט מיר אָן וואונדען אויף דער נשמה.

בעסער שווײַגען. פּרץ לאָזט מיך צורוה.

מאַכט זיך דאָך אָבער אַמאָל, די לעצטע צײַט נישט אָפט, אַז פּרץ וואַרפט אַראָב פון זיך דעם פאַרטוך.

ווי אַ שנעקע קריכט אַרויס פון איהר שיסעלע, ווען זי איבערצײַגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו בעהאַלטען, אַזוי איז דאַן פּרץ. און מערקווירדיג: פאַרפאַנצערט זעה איך פּרצ'ן שטעהענדיג און געהענדיג, פעסט אויף די פיס, גרייט צום קאַמף.

אָהן פאַנצער — ליגענדיג.

פאַר די לעצטע פאַר יאָהר האָט איהם געקאָנט אַזוי אַוועקלעגען, דוכט מיר, איין איינציגער מענש — דער ליבהאַרציגער אַנ—סקי. זײַן נאָהענטסטער פרײַנד, דינעזאָן, איז שטענדיג געווען נעבען איהם און די געוועהנהײַט האָט אַרײַנגעברענגט איהר וואָכעדיגקײַט.

דינעזאָן האָט געדאַרפט אַרויספאָהרען פון וואַרשע, אַז פּרץ זאָל דערפיהלען, ווער איהם פעהלט, און שרײַבען „אויף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?“ אָבער אַנ—סקי איז געווען אַ זעלטענער גאַסט און ער פלעגט דעם יום־טוב אַראָבברענגען.

מיט אַ בעזונדערער פרעכטיגקײַט האָט זיך, ווי אַ האַרבסטיגע בלום, צעבליהט פאַר מײַנע אויגען אין די לעצטע עטליכע יאָהר די פרײַנדשאַפט צווישען אַנ—סקי און פּרץ—דינעזאָן.

ער פלעגט פלוצלונג אויסוואַקסען אין אונזערע אָרימס — אָט דער ברייט־פלייציגער, ברייט־האַרציגער פרײַנד מיט'ן גראָהען קאָפּ און יונגען פּנים. ווי פון הימעל איז ער אונז אַראָבגעפאַלען דאָ פון פינלאַנד, דאָ פון אויסלאַנד, דאָ גאָר פון אַ יודישען העק, וואו ער האָט געזאַמעלט אַלטע הענגלײַכטער, פאַרצײַטיגע פּרכת'ן, פאַרצײַטיגע מעשיות און לידער. און אָט זיצט ער שוין בײַ אונזער טיש דער ליבער אַלטער אומרוה־אַנ—סקי און „זאָגט“ אונז רב לוי־יצחק בערדיטשעווערס „דודע“. נישט אַנדערש,

ער האָט דעם אַלטען בערדיטשעווערס קרעכצענדיגע שטים ערגעץ אויף א פאַרשטויבטען הייליגען בוידים אויסגעזוכט צווישען שמות:

רבונו של עולם,
רבונו של עולם,
איך וועל דיר א „דו-דו" שפילען...

און אָט פאַרצעהלט אונז רב לוי-יצחק א מעשה. גאָר אַן אַלטע, נישט נאָר די שטים: די שאַרפע נאָז, אָט די דאַרע באַקען, מיט דער גראָ-הער באָרד, מיט'ן קנייטש, מיט'ן קרעכץ...

פרעכטיג פאַרצעהלט אַנ—סקי א יודישע מעשה.

און פרץ גלאַנצט מיט די אויגען, ווי א גליקליך קינד.

אָט רעדט צו איהם די אַלטע יודישקייט פון ליטע, רייסען, פאָדאָליען. עס רעדט צו איהם יענע יודישקייט, צו וועלכער ער איז מיט לייב און זעל צוגעבונדען און פון וועלכע ער איז אָבגעריסען, אָבגעשיידט... אַדאַנק זיין שטעלע ביי די ווארשעווער קברים.

און אָט קומט אַנ—סקי, זאָגט א ניגון, פאַרצעהלט א מעשה, ווי פון יענער זייט סמבטיון, בויט א בריק. און פרץ, דער פוילישער יוד איז שוין דאָרט...

— איך וועל עס אָנשרייבען! — גלאַנצט ער מיט די אויגען, — איך וועל עס אָנשרייבען...

— געזונטערהייט — גיט איהם אַנ—סקי — פאַר וועמען האָב איך עס געזאַמעלט, אַז נישט פאַר דיר?

— פאַרצעהל עפּעס, אַנ—סקי, פאַרצעהל נאָך עפּעס.

פרץ ליגט און שמייכעלט קינדיש, גוט-מוטיג און הערט אַנ—סקי'ס מעשיות. מיר זיצען אַלע אַרום. שטיל, געמיטליך. אָט פאַרצעהלט שוין פרץ אַליין. דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען שטאָף פאַר קינפטיגע ווערק, נאָר גלאַט מעשיות. דאָ ווערט דאָס וואָרט בענוצט ווי אַן איידעל און פיהל-באַר געוועהר צו בעהעפטען זיך מיט'ן חבר. דאָ ווערט אין וואָרט אַנטפּלעקט דאָס האַרץ.

אָט ריהרט פרץ אָן זיין פאַרגאַנגענהייט. א פאַרשלאָסענע וועלט, וואוהין ער לאָזט זעלטען וועמען אַריין. ער דערצעהלט פון מענשען, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, וועלכע ער האָט פיינט געהאַט. איינפאַכע רייד, דוכט זיך. אָבער וואָס פאַר א גרויס געוויכט האָט יעדעס וואָרט אין זיין לויטער-קייט פון ודוי! וואָס פאַר א געוויכט האָט יעדעס אמת וואָרט נאָך דעם, ווי עס זיינען פיל ווערטער ג'עזאָגט און געשריבען געוואָרען, כדי צו פאַר-באָרגען די אמת'ע געפיהלען.

אָט ווי עס קלינגט דאָס איינפאַכע וואָרט:

— אַזוי ליב איך. אַזוי האַס איך. דאָס בין איך. איך עפּען פאַר אייך

מײַן האַרץ, װײַל איהר זענט מיר ליב. איך װיל, איהר זאָלט מיך זעהן אַזױ, װי איך בין, נישט קײן פֿאַרשטעלטען.

אָט אין דער מינוט, איז פֿון דעם זעכציג־יאָהריגען מאַן מיט'ן לעבענס־פֿאַרהאַרטעװעטען געזיכט פֿאַרבליבען נאָר אַ קינד. אַ צאַרט, אומבעהאָלפֿען קינד מיט אַ ליבענדען האַרץ. און זײַן געזיכט איז געװען צאַרט און מיט ליבע פֿול, װי בײַ דעם קינד.

איך האָב איהם ליב געהאַט. און יעדען זעלטענעם מאָל, װען איך פֿלעג זעהן זײַן האַרץ, װי אַן אָפֿענעם אָרון־קודש, האָב איך אין מײַן אײגענעם האַרצען געפֿיהלט דעם נאָהענטען טויט.

———

גרויס צער האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אײנע פֿון אינזערע לעצטע בעגעגענישען.

דאָס איז געװען אין די טעג, װען דער פֿײַנד האָט זיך דערנעהענטערט צו װאַרשע, און אין שטאָט האָט פֿאַרפֿעהלט געלט און ברויט.

פֿאַרזונקען אין מײַן אַלטעגליכער אַרבײט, האָב איך פּרצ'ן אַ לענגערע צײַט נישט געזעהן און די ענדערונגען, װעלכע זײַנען אין איהם פֿאָרגעקומען האָבען מיך איבערראַשט. איך האָב איהם געטראָפֿען אַרומבלאָנקענדיג אײנזאַם איבער די צימערן מיט אַ שװערען געעלטערטען שריט. דאָס פּנים טונקעל, אָבגעצערט, די האָר נידעריג אָבגעשאָרען. פֿרוי פּרץ האָט די מלחמה געטראָפֿען אין אויסלאַנד, און זי איז נאָך נישט צוריקגעקומען. פּרץ האָט מיך געפֿיהרט צום בופֿעט און זיך בעריהמט מיט זײַן בעל־הבית־שקײַט, װאָס זײ פֿיהרען אַלײן: ער, מיט'ן זוהן, מיט דער דינסט. ער האָט זעהר געלויבט די בעבלעך מיט די אַרבעס מיט די איבעריגע קרײַטעכצער, װעלכע האָבען זיך געפֿונען זעקלעכװײַז אין בופֿעט. ער האָט געלויבט זײער אײגענעם געבעקס. פֿלײש עסט מען װעניג. אַ טײַערער ביסען.

װען די דינסט איז אַרײַן, האָט ער בײַ איהר אָבגענומען רעכענונג, פֿיל געלט זי האָט אויסגעגעבען הײַנט אין דער פֿריה. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין קאָפּיקעס.

איך מײן, ס'איז אַ שפּאַס. פּרץ האָט זײַן גאַנץ לעבען פֿײַנט געהאַט געלט צו צעהלען. אַרויסגענומען פֿון טאַש מיט'ן פולען הויפֿען — נאַ!

— צו װאָס האָט איהר זיך אַזױ נידעריג אָבגעשױרען? עס שטעהט אײַך נישט.

— מען זאָל נישט דאַרפֿען אַלע װאָך זיך שערען. עס קאָסט טײַער.

— אַזױ קאַרג געװאָרען?

— פּרובט זײַן נישט קאַרג. די גמינע צאָהלט אַ העלפֿט. פֿון די פֿאַרלעגער מײַנע — קײן קאָפּיקע... געפֿעהלט אײַך אַנ—סקי? געשיקט געלט פֿאַר מיר און פֿאַר דינעזאָנען. טאָמער נויטיגט מען זיך.

— פֿיהלט איהר זיך גוט אין דער דאָזיגער לאַגע?

— אויסגעצייכענט.

ער האָט געמיינט ערנסט. איהם איז געפֿעלען, ווי אַ נײַעס, דאָס גאַנצע זאָרגען פֿאַר זיך, דאָס האַלב ראָבינזאָן־לעבען מיט די בעבלעך און אַרבעס אין בופֿעט. איהם איז געפֿעלען, ווי אַ נײַעס, דאָס אָבזאָגען זיך פֿון זײַנע אַלטע געוועהנהײַטען, פֿון קאַפֿע און סיגאַר. איהם איז געפֿעלען דאָס אויסקומען מיט׳ן געצעהלטען גראָשען.

איך האָב אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, אַז די שלעכטע צײַט וועט איהר נוץ ברענגען. זי וועט איסלערנען פּרצ׳ן צו לעבען אַנדערש. און ער וועט זיך אַרויסווײַזען אומגערעכט, אַז ס׳איז שוין נישט די יאָהרען דערבײַ צו ענדערן דאָס לעבען. דאָס, וואָס זײַן גוטער ווילען איז נישט בײַגעשטאַנען, האָט מיטגעבראַכט די צײַט.

— פֿאַרוואָס זעהט איהר אָבער אויס אַזוי שלעכט? אוי, אײַערע קורץ־געשוירענע האָר, זיי פֿאַרענדערן אײַך!

— וואַנצען!... איך פֿיהל מיך אַמבעסטען. זעהט? — ער האָט מיר געוויזען, ווי עס הענגט אויף איהם, ווי אַ זאַק, די וועסט.

— דאָס איבעריגע איז אַראָבגעפֿאַלען.

בײַ אַ ניכטערן גלאָז טיי מיט׳ן „אייגענעם“ געבעקס האָבען מיר בעריהרט די פֿראַגע וועגען דעם, ווי אַזוי די מלחמה קאָן ווירקען אויף אונזער ליטעראַטור.

ערשט איצט האָבען זיך מיר די אויגען געעפֿענט. איך האָב דערזעהן, ווי מיד און אַלט און צעבראָכען פּרץ פֿיהלט זיך. ער האָט קיין גוטס נישט געוואַרט.

די גרויסע מלחמה־וועהטאָגען האָבען זיך שוין דאַן געלאָזט שטאַרק פֿיהלען. עס איז נאָך אָבער נישט פֿאַרטעמפּט געווען דער געשמאַק צו הקירות, וואָס איז דערוועקט געוואָרען אין אָנהויב פֿון די גרויסע איבער־קעהרענישען.

— אָבער גאַליציען! — האָב איך געפּרובט איהם איבערצײַגען. — אַ פּאָר מיליאָן יודישע יודען קומען אונז צו. דאָס יודישע וואָרט בעקומט אַ ברייטען פֿעלד...

איך האָב שוין פֿאַרשפּרייט מײַן חשק אויף רומעניען, ווען פּרץ האָט מיך אָבגעקיהלט.

לויט זײַנע רעד איז אויסגעקומען, אַז מיר שטעהען אויפ׳ן שוועל פֿון אונטערגאַנג. וואָס איז שייך צו די ערטער, וועלכע דער פֿײַנד וועט פֿאַר־נעמען — דאָרט וועט דאָס יודיש וואָרט אויסגעראָטען ווערען. די דײַטשען וועלען זיך בעציהען צו דעם, ווי צו אַ שטיפֿקינד פֿון זייער מוטער־שפּראַך.

און פּוילען... אַלץ, וואָס האָט בײַ אונז ערשט געהאַלטען אין בליהען, איז צעשטערט געוואָרען... נישטאָ, אויף וואָס צו האָפֿען.

אויף דעם, וואָס עס טוט זיך אין פּוילען, האָט ער געקוקט מיט אַ רוהיגען בליק פֿון אַ בעאָבאַכטער. ער האָט נישט אַפּעלירט צום יושר. אַזוי מוז עס זײַן. דאָס איז קאַמף אויף לעבען און טויט. און אויב פּיהלען פּיהלט ער, אַז עס וועט זיך ענדיגען מיט אונזער טויט, האָט ער דאָך קיין טענות נישט.

נישט מעהר: ער איז דערשלאָגען.

אומזיסט האָב איך איהם געטרייסט מיט דער אַלטער יודישער ליטע. איהם, דעם פּוילישען יודען, האָט עס נישט געטרייסט.

אין דעם דאָזיגען שרעקליכען צושטאַנד האָט ער געזעהן, ווי אין פּלאַם פֿון מלחמה ווערט פֿאַרברענט זײַן גאַנצע פערציג־יאָהריגע אַרבייט, ווי עס צעפּאַלט, ווי די קראָקוועס פֿון אַ ברענענדיגען דאַך, דער יודישער בנין, וועלכען ער האָט מיט זײַנע אייגענע הענט געבויט. און ווען די נאָהענטסטע זאַך, זײַן לעבענס־אַרבייט, איז אומגעקומען, וואָס איז געשעהן מיט זײַן אָנפֿיהרענדער אידעע, מיט יענעם מעכטיגען שטאַם, וואָס האָט אויף זיך און אונטער זיך זײַן גראַנדיעזע וועלט־אָנשויאונג געטראָגען? וואָס איז פֿאַרבליבען פֿון יענעם „מענשען“, אין וועמענס נאָמען פּרץ האָט געהאָפֿט און געדענקט אין געבויט זײַן צוקונפֿט־וועלט?

ער האָט איהם איצט דערזעהן פֿאַר זיך אין זײַן אמת׳ער געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי וועניג פֿאַרענדערט פֿון אַמראָל׳ס צײַטען אָן; דערזעהן און... בעטראַכטען דעם שוועל פֿון גײַסטיגען אונטערגאַנג.

איך האָב דעם לעצטען געדאַנק זיך ערשט שפּעטער אויפֿגעקלערט. אין דער הייסער מינוט האָב איך אין גרויסען וועהטאָג געפֿיהלט: פּרץ האָט זײַן לעבען פֿאַרשפּילט, זײַן אַרבייט איז צו נישט! און אַזוי גרויס איז געווען מײַן וועהטאָג, אַז, צוזאַמען מיט אַ אינעווייניגסטען פּראָטעסט און האָפֿענונגס־געשריי, האָב איך דאָך געפֿיהלט און געזעהן פֿאַר זיך דאָס, וואָס ער פּיהלט און וואָס ער זעהט:

דער יודישער בנין צעפּאַלט אין פּלאַם. אַ באַרג אַש וועט פֿון אונז בלײַבען!

איך האָב פּרצ׳ס קערפּערליכען טויט שוין פֿריהער איבערגעלעבט. אָבער שרעקליכער איז געווען די דאָזיגע גײַסטיגע קאַטאַסטראָפֿע.

———————

שווער איז מיר געווען אַרויפֿצוקומען צו איהם נאָך יענעם אָווענט. איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי זײַן פֿאַרצווייפֿלונג שטײַגט.

ענדליך האָב איך מיך אָנגענומען מיט מוט. נאָך דער טרויעריגער בעגעגעניש איז שוין פֿאַרלאָפֿען אַ פּאָר הדשים.

פֿרוי פּרץ איז נאָך אַלץ נישט געווען אין דער היים. מיך האָט איבערגעשראָקען די שטילקייט אין זײַן וואוינונג. די דינסט האָט מיר געזאָגט, אַז דער „אַלטער“ נעמט איצט אַ וואַנע. איך האָב געוואַרט. פֿון

די יודישע וועלט.

באַדע־צימער האָט זיך פון צײַט צו צײַט געהערט זײַן קרעכץ. און צי איך האָב שלעכט געהערט, נאָר אויסגעוויזען האָט זיך מיר, אַז בײַ קיין פאַרערגערונג אין זײַן צושטאַנד האַלט עס נישט.

ענדליך איז ער אַרויס, אײַנגעהילט אין אַ ווײַסן באָד־כאַלאַט.

— אַ—אַ! קאַציזנע! ס׳מאַכט איהר?

נאָך דער ערשטער בעוועגונג פון זײַן קאָפּ האָב איך שוין געוואַרט אויף דער דאָזיגער מונטערקײַט אין זײַן שטים.

— קומט אין שלאָפצימער! — האָט ער מיך בעפוילענדיג מיטגערופען. עס האָט זיך איהם צעעפענט דער כאַלאַט אויף דער האָריגער ברוסט. ער איז געווען אָהן וועש און פריש, ווי אַ גריך פון אור־עלטער.

מיט אַ צופרידענעם קרעכץ האָט ער זיך אַזוי אין דער גרייטער בעט אַרײַנגעוואָרפען.

— זעצט זיך, האָט ער מיר געבעטען אויף דער בעט אַרויף. — וואָס הערט זיך?

איך האָב דיזעלביגע פראַגע איהם געשטעלט.

— אויסגעצייכענט. קיין געלט איז, ווי פריהער, נישטאָ. אָבער שרײַבען שרײַבט ער איצט טאָג־טעגליך. אַגב איז ער איצט מיט די היימלויזע בעשעפטיגט.

פון דער מלחמה וויל ער נישט וויסען, לעזט נישט קיין צײַטונג.

. דעם דײַטש הערט ער, „ווי דעם טאַטען".

נעכטען דערנעבען אַ באָמבע געפאַלען. אויפגעטרייסעלט די פענסטער. האָט ער אַוועקגעלעגט די פען, איז צו צום פענסטער, אַרויסגעקוקט וואוהין דער עולם לויפט, ווי דער עולם גלאָצט צום הימעל און צוריק אַוועק צום שרײַב־טיש.

— וואָס שרײַבט איהר איצט?

— איך אַרבייט איבער קהלת. ע, וואָלט איהר וויסען, וואָסערע עמי־הארצים מיר זײַנען! ווי מיר פאַרשטעהען נישט, וואָס מיר לייענען אין אונזערע ספרים! אָט האָב איך שוין געהאַט איין מאָל קהלת אָנגעשריבען, געדרוקט. זעה איך איצט אײַן, ווי שלעכט דאָס איז געווען געמאַכט. מיר פאַרשטעהען נישט דעם ריכטיגען טײַטש... און ווייסט איהר וואָס? לעבען זאָל יודיש. מאַנכעס מאָל ראַטעוועט דאָס מיך אַרויס. איך זאָל קיין יודיש נישט געווען קענען, וואָלטען פאַר מיר פיל העברעאישע אויסדרוקען פאַרבליבען נישט קלאָר. נעמט, צום בײַשפּיל, דאָס וואָרט: הכמה, אַזוי ווי דאָס טרעפט זיך אין קהלת. קלוגשאַפט? — טויג נישט. וויסענשאַפט? — נישט צוגעפאַסט. איך דערמאָן מיך אָבער, ווי דער יוד זאָגט: — איז וואָס איז די חכמה דערפון? — איהר פאַרשטעהט? דער יוד, וואָס האָט, דוכט זיך, נישט פונאַנדערגעקליבען, וואו, אין וואָסער שפּראַך

צו נעמען אַ וואָרט, האָט דאָך דאָס העבּרעאישע וואָרט אויף זײַן פּאַסיגען אָרט געלאָזט. ווײַל ער האָט געפֿיהלט זײַן אַלטע שאַטירונג. מײנען מײנט ער: דעם אויפּטו, די מעלאַניק...

פּרץ רעדט וועגען זײַן אַרבּײט מיט גרויס השק און בּעגײַסטערונג. איך האָב הנאה פֿון זײַן אויפגעבּליהט געזיכט מיט די בּליצענדיגע אויגען. פֿון זײַן פֿאַרוואַקסען בּרוסט און פרישען לײַב, וואָס וואַרפען זיך אין אומרוה פֿון צעשפּרײטען כאַלאַט אַרויס. איך האָב הנאה פֿון זײַנע רײד. ער רעדט וועגען שלמה המלך. אין אַ דויערנדיגען שאַפֿונגס־עקסטאַז, האָט ער אויפגעדיכטעט שלמה מיט זײַן גאַנצער עפּאָכע און איצט לאָזט איהם דער קלוגער עגאָאיסטישער מלך צורוה נישט.

— אַי, איז דאָס אַ שלמה! אַי, אַ שלמה, זאָל ער....

מײַן בּעמערקונג, אַז שלמה איז ווי נישט פֿון יודישער מאָראַל אַרויס, ווענדט ער אָב.

— פֿאַרקעהרט, ער איז זעהר מאָראַליש. זײַן גאַנצע טיראַנישע טעטיגקײַט, מיט דער פֿיל־פּרעסערײַ, מיט די פֿיל ווײַבּער, מיט'ן גאַנצען חאוילטאַג, וואָס איז געלעגען, ווי אַ שווערער לאַסט אויפ'ן פֿאָלק, זײַן גאַנצען דאָזיגען אַרט לעבּען פֿאַרטײדיגט ער פֿון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט.

פּרץ שטעלט זיך פֿאָר, אַז די זקנים פֿון פֿאָלק פֿלעגען זיך פֿאַרזאַמלען צום מלכ'ס הויף מיט טענות, אַז דער מלך מיט זײַן אַרט לעבּען איז צו לאַסט פֿאַרן פֿאָלק און קעגען דעם ווילען פֿון בּעשעפּער. און שלמה פֿלעגט אין קורצע אַפֿאָריזמען אָבּווענדען זײערע טענות, דערווײַזענדיג, אַז ער, דער מלך, האָט דאָס רעכט צו פֿאָרשען דאָס לעבּען אויף אַלע געבּיטען, און הערך דעם געדענקען אָן זײַן שעפּער. אַזוי אַרום איז ערטערווײַז אויסגעוואַקסען קהלת.

די שפּעטערדיגע רעדאַקטאָרען פֿון דעם דאָזיגען ספר האָבּען זיך דערשראָקען פֿאַר זײַן אינהאַלט און ערטערווײַז איבּערגעדרעהט די פּסוקים.

האָט איצט פּרץ די אַרבּײט צו שפּירירען.

— אַי שלמה! אַי שלמה! — איז ער ענטציקט.

אין שאָטען פֿון זילבּער, אין שאָטען פֿון ווײסען,

ווי גוט איז דײַן וואוילהײַט געניסען...

פֿאַרלירט ער אַ פּרעכטיגע ציטאַטע פֿון זײַן איבּערדיכטונג. ווי נישט עהנליך איז די שפּראַך צו יענעם האַרטען מאַרמאָר, פֿון וועלכען פּרץ פֿלעגט אויסהאַקען זײַן גראַם.

מיר האָבּען זיך געקריגט שוין נישט צום ערשטען מאָל איבּער דער פֿראַגע. איך האָב מיך געהאַלטען בּײַ דער מײנונג, אַז דער דיכטער, ווען ער דרינגט אַרײַן אין אַ געוויסער עפּאָכע, דאַרף ער זי געבּען אין אַ זעלבּשטענדיגער פֿאָרמע. נישט איבּערזעצען די אַלטע ספרים. פּרץ ווידער האַלט זיך אָן דער מײנונג, אַז די העכסטע פֿאָרם איז דער אַלטער פּרימיטיוו.

קהלת אָבער איז נישט אַ ווערק צום איבערזעצען, נאָר צו שפּירען. פּרץ פֿאַרשט אַ שורה נאָך אַ שורה, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. און פֿאַנגט דעם פּאָרים און פֿאַרלירט איהם צוריק.

און בּמילא וואַקסט אונטער זײַן פּעדער אַ זעלבּשטענדיגע גלענצענדע זאַך, וואָס אויב דאָס איז קהלת, איז עס קהלת אין פּרצ'ס אָפּשפּיגלונג.

ווען די ווירקליכקײַט פּלאָגט אונז, קאָנען מיר צו נישט מאַכען איהר געוויכט. וואָס איז דאָס לעבען? אַ חלום. האָט דען דער חלום נישט דעמזעלבּיגען ווערט, ווי די ווירקליכקײַט אַליין, ווען ער מאַכט אונז פֿיהלען אַ רגע טרייסט און רוה?

שרײַבּט דינעזאָן:

— איך קאָן נישט גלויבּען, אַז פּרץ וועט שוין מעהר מײַן טיר נישט עפֿענען! איך וואַרט אַלץ, ער זאָל קומען!

— דינעזאָן! — טרייסט איך איהם און זיך — איהר האָט מיט איהם אַזוי לאַנג צוזאַמען געלעבּט. אויך איך בּין געוועזען צו איהם צוגעבּונדען.

מיר לעבּען דאָך, און דאָס איבּערגעלעבּטע איז אין אונז נישט געשטאָרבּען. און פֿיל האָבּען מיר איבּערגעלעבּט מיט איהם און דורך איהם און אַדאַנק איהם. דער שײַן פֿון טאָג פֿאָדערט טאַקע ממשות, די נאַכט אָבּער בּרענגט דאָך דעם חלום. דער חלום איז דאָך אויך לעבּען. און אונזער פֿרײַנד וועט אונז געוויס צו חלום קומען, און מיר וועלען ווידער אַמאָל איבּערפֿיהלען, וואָס מיר האָבּען געפֿיהלט. ס'איז דאָך וויכטיג דאָס געפֿיהל, נישט זײַן ממשות.

אויף דעם האָט דינעזאָן געזאָגט:

— הלואי!

איז אָבּער דער חלום דערזעלבּיגער גזלן, ווי די ווירקליכקײַט.

אָט האָבּ איך שוין פּרצ'ן אין חלום געזעהן... גוססן.

מײַן אַמאָליגען שרעק־וועהטאָג, וואָס איך האָבּ איבּערגעלעבּט בּײַ זײַן לעבּען, וואָס איך האָבּ איבּערגעלעבּט בּײַ זײַן טויט, האָבּ איך איצט, נאָך זײַן טויט, ווידער אַמאָל איבּערגעלעבּט. איצט, שוין נאָך אַלעמען, האָט מײַן האַרץ ווידער אַמאָל און גאָר אויף דאָס נײַ פֿאַרלאָרען פּרצ'ן.

אַמאָל, בּײַ אַ שווערען חלום, פֿלעגט מיר פֿאַרבּלײַבּען אַ פּונק פֿון פֿאַרשטאַנד, אַז דאָס אויפֿוואַכען וועט מיך טרייסטען. איצט האָט די וואָר נישט געוואונקען מיט טרייסט אין חלום אַרײַן. און אַז איך האָבּ מיך אויפֿגעכאַפּט, איז מײַן וועהטאָג נישט געלינדערט געוואָרען.

איך האָבּ שוין געזעהן אַ צווייטען חלום: אַ זעלנער איז געקומען פֿון שלאַכט פֿאַרוואונדעט. ער מוז זײַנע אויגען פֿאַרלירען. מען שרײַבּט צו זײַן פֿאָטער. ער וויל דעם פֿאָטער זעהן, איידער ער וועט בּלינד ווערען.

א. קאַציזנע. — פּרץ...

אָט איז דער פֿאָטער געקומען. איך בין דערביי, איך בין ביים בעט. דער אומגליקליכער שטרעקט צו איהם די הענט. ער האָט זיך נישט דערוואַרט. פֿאַר זיין פֿאָטערס קומען בלינד געוואָרען. ער קלאָגט. ער וועט שוין דעם פֿאָטער קיין מאָל נישט זעהן מיט די אויגען. איך קלאָג מיט, איך פֿיהל אַזוי שטאַרק דעם בלינדענס וועהטאָג, ווי איין האַרץ וואָלט ביי אונז געווען. איך כאַפּ מיך אויף — איך וויין. פֿאַרוואָס איז דער וועהטאָג מיט מיר אין דער וואָר אַריין? פֿאַרוואָס. ליגט מיר אין האַרצען דער בלינדער? איך בין עס... ווייל פּרץ איז געשטאָרבען.

ד"ר ה. לאַנדוי.

דער באָספאָר און די דאַרדאַנעלן — און זייער עקאָנאָמישע באַדייטונג פאַר רוסלאַנד.

I

די פראַגע וועגען דעם פרייען אַרויסגאַנג פון שוואַרצען ים אין דעם מיטעל-לענדישען, אָדער קורץ — די דאַרדאַנעלען-פראַגע, וואָס איז פאַרבונדען אויך מיט דער פראַגע וועגען געוועלטיגען איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם דערבייליגענדיגען ראַיאָן, אינטערעסירט די רוסישע געזעלשאַפטליכע מיינונג שוין אַ רעכט לאַנגע צייט. מען קאָן זאָגען, אַז צייט דער בעריהמטער רוסישער פעלדמאַרשאַל פאָטיאָמקין האָט אין דעם לעצטען פערטעל פונ'ם 18-טען יאָהרהונדערט פאַרנומען די טערקישע פראָווינצען, וואָס טראָגען איצונד דעם שם-הכולל „ניי-רוסלאַנד", איז די בעצייכענטע פראַגע שטענדיג געשטאַנען אויף דער טאַגעס-אָרדנונג, פריהער — פון דער רוסישער מלוכה-פּאָליטיק, שפּעטער אויך — פון די נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע אינטערעסען, וואָס עס האָט זיך געשטעלט די רוסישע געזעלשאַפט. גאָר אין די לעצטע יאָהרען, בעזונדערס זינט דעם איטאַליעניש-טערקישען (1911) און דעם באַלקאַן-קריג (1912—1913), איז די דאַרדאַנעלען-פראַגע געוואָרען דער ברענפּונקט, אין וועלכען עס האָבען זיך קאָנצענטרירט די שטרעבונגען פון די רוסישע אימפּעריאַליסטען, און ניט נאָר פון די דאָזיגע. אַפילו אַזעלכע רעאַליסטיש געשטימטע פינאַנסיסטען, ווי פּראָפ. מיגולין און אַנדערע פלעגען ניט אויפהערען צו רעדען וועגען דער נויטווענדיגקייט פאַר רוסלאַנד אויף דעם אָדער יענעם אופן צו קריגען די הערשאַפט איבער דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען, די „שליסלען", אָדער ווי אַנדערע רופען דאָס, די „טויערן פון אונזער הויז". דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס גראָד אין די לעצטע 3—4 יאָהר האָבען אַפילו די, וואָס זיינען נאָר פון אויבען-אויף בעקאַנט מיט די ענינים, איינגעזעהן, ווי גרויס עס איז די בעדייטונג פון די ביידע ים-דורכגוסען פאַרן רוסישען האַנדעל. עס איז גענוג געווען (1912), אַז טערקיי זאָל אויף אַ פּאָר וואָכען פאַרמאַכען איהרע „טויערן", אָדער לכל הפחות בעגרעניצען דעם דורכגאַנג דורך זיי, בכדי אין גאַנץ דרום-רוסלאַנד זאָל ווערען אַ פשוט'ע מהומה. ווי בעת דעם קריג מיט איטאַליען, אַזוי אויך בעת דעם קריג מיט די באַלקאַן-מלוכות פלעגט טערקיי אויס פחד פאַר פיינדליכע קריגס-שיפען צייטענווייז פאַרמינירען דעם באָספאָר אָדער די דאַרדאַנעלען און אויף אַזאַ אופן ניט דורכלאָזען די שיפען, וואָס געהען אָב פון די רוסישע דרום-האַפענס קיין דרום- און מערב-אייראָפּע. ערשט דאַן האָבען די ברייטע שיכטען פון דער רוסישער געזעלשאַפט

זיך איבערצייגט, אַז רוסלאַנד האָט טאַקע מעהר ניט, ווי אַ „פֿענסטער אין אייראָפּע" (דעם באַלטישען ים), אָבער אַ טיר פֿעהלט איהר נאָך. אַ געזונטער מענש פֿיהלט קיין מאָל ניט זיין געזונטקייט. ווערט ער אָבער קראַנק, דאַן זעהט ער, וואָס עס פֿעהלט איהם. כּל זמן די רזה אויף דעם באַלקאַן־האַלבּאינזעל איז ניט געשטערט געוואָרען, און די רוסישע האַנדעלס־שיפֿען פֿלעגען אָהן מניעות דורכגעהן דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען, האָט די פֿראַגע וועגען דער ממשלה איבער די דאָזיגע „טהירען" מעהר אינטערעסירט געלעהרטע היסטאָריקער (און אפשר דיפּלאָמאַטען), איידער ניכטערע סוחרים. איצינד איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש. זינט דעם איטאַליעניש־טערקישען קריג הערט מען ביי אונז אין דער עקאָנאָמישער און פֿינאַנציעלער ליטעראַטור און פּרעסע גיט אויף צו שרייבען וועגען די דאַרדאַנעלען. נאָך אַ חדשים 6 פֿאַר דעם קריג מיט טערקיי, קורץ פֿאַר דער אייראָפּעאישער מלחמה, האָט די דאָזיגע פֿראַגע געהאַט צוגעצויגען צו זיך אויף אַ ווײַלע די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג. אין פֿריהלינג 1914 האָט אַ טערקישע רעגירונגס־דעפּוטאַציע בעזוכט אונזער קייזער אין ליוואַדיע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם בעזוך האָט מען גלייך ביי אונז אָנגעהויבען דעבאַטירען די פֿראַגע, אויף וואָסערע בעדינגונגען רוסלאַנד וואָלט קאָנען תּמיד בלייבען אַ פֿריידליכער שכן פֿון טערקיי. די רעדאַקציע פֿונ׳ם „נייעם עקאָנאָמיסט" איז גלייך אַרויסגעטרעטען מיט אַ שאַרפֿען אַרטיקעל* וועגען דער דאַרדאַנעלען־פֿראַגע. „די גאַנצע איצטיגע און קומענדיגע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פֿון רוסלאַנד באַזירט אויף די געגענדען, וואָס ליגען ביי די האַפֿענס פֿונ׳ם שוואַרצען ים", טענ׳ט פּראָפֿ. מיגולין, און מהאי טעמא — כּל זמן טערקיי בלייבט די בעל־הבית׳טע איבער די „טהירען פֿון אונזער הויז", קאָן וועגען אַ דויערנדיגען שלום צווישען רוסלאַנד און איהר גאָר קיין רייד ניט זיין. אַזוי שאַרף איז געווען אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע שוין פֿאַר דעם קריג דורך איינער פֿון די איינפֿלוסרייכסטע עקאָנאָמישע וואָכענשריפֿטען. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט טערקיי, האָט דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט געקראָגען אַן אָפֿיציעלע הסכמה. שוין אין דעם קייזערליכען מאַניפֿעסט וועגען דעם קריג מיט טערקיי לייענען מיר: „צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען רוסישען פֿאָלק גלויבען מיר פֿעסט, אַז דאָס איצטיגע אומזיניגע זיך אַריינמישען פֿון טערקיי אין דעם קריג וועט דערנעהענטערן איהר שלעכטען סוף און עפֿענען רוסלאַנד דעם וועג צו לייזען יענע אויפֿגאַבען אויף די ברעגעס פֿון שוואַרצען ים, וואָס זיינען איהר געבליבען בירושה פֿון די פֿריהערדיגע דורות". נאָך קלאָרער און בולט׳ער זיינען געווען די אויספֿיהרונגען פֿון די רעגירונגס־פּאַרטרעטער איבער דער דאָזיגער פֿראַגע אין דער „היסטאָרישער" דומע־זיצונג פֿונ׳ם 27־טען יאַנואַר פֿון דעם יאָהר. דער פּאַר־

* „די טערקישע פראגע", — „דער נייער עקאָנאָמיסט" נומ. 18—ו. 1914.

זיצענדער פֿונ׳ם מיניסטאָרען־ראַט גאָרעמיקין האָט גערעדט וועגען „דער ליבּ־טיגער געשיכטליכער צוקונפֿט פֿון רוסלאַנד איף די ברעגעס פֿונ׳ם שוואַר־צען ים ביי די ווענט פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל“, סאַזאָנאָוו — וועגען „דער ליזונג פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אויפֿגאַבען, וואָס זיינען פֿאַרבונדען מיט דעם אַרויסגאַנג פֿון רוסלאַנד צום פֿרייען ים“. אַלזוי, גאָר אָפֿענע קאָרטען, רוסלאַנד וויל און מוז קריגען די ממשלה איבער די „טויערן פֿון איהר הויז“ — דאָס איז פֿאַר איהר אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט. דאָס איז אָבער אויך דער שׂכר, וואָס רוסלאַנד וועט בעקומען פֿאַר איהר געוואַלדיגער כּוחות־אָנ־שטרענגונג אין דעם אייראָפּעאישען קריג.

די מלחמה־אָפּעראַציעס פֿונ׳ם פֿאַראייניגטען ענגליש־פֿראַנצויזישען פֿלאָט אין די דאַרדאַנעלען און פֿונ׳ם רוסישען פֿלאָט נעבען באָספּאָר דער־נעהענטערן די ערפֿילונג פֿון די האָפֿנונגען פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט. זיי וועלען מאַכען די דאָזיגע ניט היינט מאָרגען צו אַ רעאַלען פֿאַקט, און עס איז דעריבער גאָר ניט איבעריג זיך פֿונאַנדערצוקלייבען אין דער פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג האָבען דער באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פֿון רוסלאַנד היינט און וועלכע פּערספּעקטיווען שטעלט דאָס פֿאַרנעמען די דאָזיגע ים־דורכגוסען פֿאַר דער צוקונפֿטיגער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פֿון דער רוסישער מדינה בכלל און פֿון די אַרומיגע געגענדען בפֿרט. מיר וועלען זעהן, אַז ניט אומזיסט איז די רוסישע געזעלשאַפֿט — אָהן אונטערשייד פֿון פּאַרטייען — און צולעצט אויך די רעגירונג, אַזוי ענערגיש אַרויסגעטרעטען אין דער דאָזיגער פֿראַגע. עס איז דאָ, צוליב וואָס זיך צו מיהען.

II

ראשית דבר — אייניגע געאָגראַפֿישע בעמערקונגען. דער עולם רעדט געוועהנליך וועגען די „דאַרדאַנעלען“, פֿאָלגענדיג אין דעם פּרט דער טאָג־פּרעסע. באמת האַנדעלט עס זיך וועגען 2 ים־דורכגוסען, וואָס פֿאַרבינדען דעם שוואַרצען ים מיט׳ן עגעאישען — דעם באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען. דער ערשטער פֿון די דאָזיגע, — וואָס וועגען איהם פֿלעגט דער ברייטער עולם, ביז דער לעצטער צייט גאָר ניט רעדען, פֿאַרבינדט דעם שוואַרצען ים מיט דעם מאַרמאָר־ים. ער האַלט אין דער לענג ניט מעהר ווי 28,5 קילאָ־מעטער, אין דער ברייט פֿון 550 ביז 3300 מעטער, און אין דער טיף פֿון 50 ביז 70 מעטער; אין די שמעלערע טיילען דערגרייכט די טיף ביז 120 מעטער. — די דאַרדאַנעלען פֿאַרבינדען דעם מאַרמאָר ים מיט׳ן עגעאישען, וואָס איז אַ טייל פֿונ׳ם מיטעל־לענדישען ים. זיי זיינען דאָפּעלט אַזוי לאַנג, ווי דער באָספּאָר — 58 קילאָמעטער, אויך אַ סך ברייטער — פֿון 1,3 קילאָמעטער אין דעם ענגסטען טייל ביז 7 קילאָמעטער אין דעם ברייט־סטען; די טיף איז כּמעט די נעמליכע, ווי אינ׳ם באָספּאָר. — אַלזוי, אין

ביידע ים־דורכגוסען קאָנען שווימען די גרעסטע ים־שיפֿען, און אויף אַזאַ אופֿן מאַכען זיי דעם שוואַרצען ים אין געוויסען זין פֿאַר אַ טייל פֿונ'ם מיטעל־לענדישען ים, וואָס רינגעלט אַרום די 3 אַלטע וועלט־טיילען, איראָפּע, אַזיען און אַפֿריקע. דאָס געזאָגטע איבערצייגט אונז, אַז ביידע ים־דורכגוסען האָבען אין עקאָנאָמישען זין — ווי אַ האַנדעלס־וועג פֿון דרום־רוסלאַנד און קאַווקאַז קיין דרום־מערב־איראָפּע, די גלייכע בעדייטונג. קריגט רוסלאַנד די הערשאַפֿט בלויז איבער דעם באָספּאָר, למשל, קאָן זי ניט זיין זיכער, אַז זי וועט שטענדיג האָבען אַ פֿרייען וועג פֿאַר איהרע האַנדעלס־שיפֿען. מהאי טעמא האָבען די פֿאַרשיידענע פּשרה־פּראָיעקטען, וועלכע ווילען פֿאַרטיילען די ממשלה איבער די בעצייכענטע ים־דורכגוסען צווישען אייניגע מלוכות, קיין שום ממשות ניט.

נאָך דער קורצער געאָגראַפֿישער הקדמה קאָנען מיר איבערגעהן צו דעם עצם ענין פֿון אונזער אַרטיקעל — צו דער עקאָנאָמישער בעדייטונג פֿון די „טירען". — בנוגע צו דרום־רוסלאַנד און קאַוקאַז, ד. ה. די געגענדען, וואָס ליגען ביי דעם שוואַרצען און אַזאָווער ים, איז די קאָלאָסאַלע בעדייטונג פֿון די טערקישע ים־דורכגוסען קלאָר פֿאַר אַלעמען. אַפילו די יעניגע, וואָס אינטערעסירען זיך כלל ניט מיט עקאָנאָמישע פֿראַגען און זיינען ניט בעהבינט אין דער סטאַטיסטיק פֿונ'ם רוסישען אויסערן־ און אינערן־האַנדעל, איז ידוע, אַז כמעט דער גאַנצער תבואה־עקספּאָרט פֿון די דרום־רוסישע גובערניעס קיין אויסלאַנד פֿלעגט אין די לעצטע יאָהרען געהן דורך דעם באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען. עס איז גענוג אָנצורופֿען אַזעלכע האַפֿענס, ווי אָדעס, כערסאָן, ראָסטאָוו, מאַריופּאָל, טאַגאַנראָג, באַטום און נאָוואָראָסייסק, בכדי צו קריגען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער בעדייטונג פֿונ'ם שוואַרצען ים פֿאַר דעם רוסישען תבואה־האַנדעל. נאָר איניגע ציפֿערן. פֿון די אין דעם יאָהר 1913 פֿון רוסלאַנד אַרויסגעפֿיהרטע 651 מיליאָן פּוד תבואה אין דעם ווערט פֿון 594 מיל. רובל, פֿאַלען אויף די האַפֿענס פֿון שוואַרצען און אַזאָווער ים 483 מיל. פּוד, וואָס מאַכט אויס איבער 74 פּראָצ. די הויפּט־מינים תבואה, וואָס רוסלאַנד פֿיהרט אַרויס קיין אויסלאַנד — ווייץ און גערשטען — ווערען אַרויסגעפֿיהרט כמעט נאָר פֿון די האַפֿענס ביים שוואַרצען ים. ווען מיר נעמען די ציפֿערן פֿאַר דאָס יאָהר 1912, — זעהען מיר, אַז פֿון 161 מיל. פּוד ווייץ אין דעם ווערט פֿון 192,2 מיל. רובל, וואָס איז אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען בכ"ה פֿון רוסלאַנד אין דעם דאָזיגען יאָהר, — פֿאַלען 147,6 מיל. פּוד, ד. ה. 91,7 פּראָצ. אויף די דרום־האַפֿענס. פֿון 168,7 מיל. פּוד גערשטען אין דעם ווערט פֿון 153,1 מיל. רובל, פֿאַלען אויף די נעמליכע האַפֿענס 144,6 מיל. פּוד, ד. ה. 85,7 פּר. מיר האָבען בכיוון גענומען פֿאַר אַ ביישפּיל דאָס יאָהר 1912, וואָס דעמאָלט איז, ווי בעוואוסט, פֿאָרגעקומען דער באַלקאַן־קריג, וועלכער האָט נאַטירליך זעהר שלעכט געווירקט אויף דעם עקספּאָרט פֿון די דרום־האַפֿענס. מיר זעהען,

אַז אַפֿילו אין אַ מלחמה־יאָהר, ווען טערקײַ פֿלעגט צײַטענווײַז פֿאַרמאַכֿען די „טויערן“ אָדער לכל הפּחות סטראַשען זיי צו פֿאַרמאַכֿען, און דער עקספּאָרט פֿון די דרום־האַפֿענס האָט ניט געקאָנט געהן נאָרמאַל, האָבען דער באָספּאָר אין די דאַרדאַנעלען געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם רוסישען אויסענהאַנדעל, הײַנט אַפּשיטא שוין אין צײַטען פֿון שלום.

אין דעם פֿרײַען אַרויספֿיהר דורך די טערקישע ים־דורכֿגוסען זײַנען אָבער פֿאַראינטערעסירט ניט בלויז די גובערניעס, וואָס ליגען האַרט בײַם ברעג פֿונ׳ם שוואַרצען ים. אויך דער עקאָנאָמישער מצבֿ פֿון די דרום־מערבֿ און די דרום־מזרח גובערניעס, וועלכֿע געהערען צו די פֿרוכֿטבאַרסטע געגענדען פֿון רוסלאַנד און וועלכֿע שטעלען צו דעם גרעסטען טייל פֿון דעם רוסישען לעבענס־מיטעל עקספּאָרט (תּבֿואה, עופֿות, אייער, צוקער וכדומה), העננט אָב כמעט אינגאַנצען פֿון דעם פֿרײַען דורכֿגאַנג דורך דעם באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען. אויך די געגענדען, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע שײַכֿות צום תּבֿואה־עקספּאָרט קײַן אויסלאַנד, לײַדען אומדירעקט פֿון די פֿאַרדרעהעניש פֿון דער טערקישער פּאָליטיק. די שיפֿפֿאָהרט דורך די דאַרדאַנעלען ווירקט אויף די פּרײַזען פֿון אַלע תּבֿואות אין לאַנד גופֿא*, ווירקט אויף אַזאַ אופֿן אויף דעם וואוילשטאַנד פֿון די מיליאָנען ווירטשאַפֿטען פֿון די ערד־בעזיצער און פּויערים, וואָס מוזען פֿאַרקויפֿען זייערע פּראָדוקטען אויף דעם אינעווייניגסטען מאַרק.

אין דעם פֿרײַען טראַנספּאָרט דורך די דאַרדאַנעלען זײַנען אויך פֿאַראינטערעסירט געוויסע צווײַגען פֿון דער רוסישער אינדוסטריע. אַ דירעקטע שײַכֿות צו די טערקישע ים־דורכֿגוסען האָט די רוסישע נאַפֿט־פּראָדוקציע. נעמען מיר ווײַטער, צ. ב., דאָס זעהר אומגינסטיגע פֿאַר דעם עקספּאָרט דורך די דאַרדאַנעלען — יאָהר 1912. פֿון 51,2 מיליאָן פּוד נאַפֿט־פּראָדוקטען, וואָס רוסלאַנד האָט אין דעם יאָהר אַרויסגעפֿיהרט קײַן אויסלאַנד, איז 43 מיל. פּוד, ד. ה. 82 פּראָצ., אַרויס דורך די דאַרדאַנעלען. די נאַפֿט־פּראָדוקציע איז בײַ אונז, דער עיקר, ענטוויקעלט אויף קאַווקאַז. אין געוועהנליכֿע יאָהרען ווערט דורך באַטום און נאָוואָראָסייסק — די 2 גרעסטע האַפֿען־שטעט פֿון

* דאָס פֿאַרמאַכען די דאַרדאַנעלען ווירקט ניט בלויז אויף די תּבֿואה־פּרייזען אין רוסלאַנד, נאָר אויך אויף די וועלט־מאַרק פּרייזען. גלייך ווי טערקיי איז אַריינגעטראָטען אין דעם אייראָפּעאישען קריג, האָבען די אַמעריקאַנישע און אויסטראַלישע עקספּאָרטערן געהעכערט די פּרייזען אויף אַלע תּבֿואות, עס איז אָבער גענוג געווען דער צוטריט פֿונ׳ם ענגליש־פֿראַנצויזישען פֿלאָט צו דער באָמבאַרדירונג פֿון די דאַרדאַנעלן, אַז אין אַלע האַפֿענס פֿונ׳ם מיטעללענדישען ים און אַפֿילו אין די האַפֿענס פֿון צפֿון־אַמעריקע זאָלען אָנהויבען פֿאַלען די פּרייזען אויף תּבֿואה און אויף מעהל. אין די לעצטע וואָכען קריגען פֿאַרשיידענע עקספּאָרט־פֿירמעס פֿון דרום־רוסלאַנד בעשטעלונגען אויף תּבֿואה און מעהל פֿון פֿראַנצויזישע און ענגלישע פֿירמעס, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אָפּעראַציעס בײַ די דאַרדאַנעלען זײַנען נאָך לאַנג ניט געענדיגט.

קאַווקאַז בײַם שוואַרצען ים, —אַרויסגעפֿיהרט אַן ערך 50 מיל. פוד קעראָסין, בענזין, נאַפֿט און פאַרשיידענע אײלען אין בעטרעף פֿון קרוב צו 50 מיל. הכּל. דער דאָזיגער עקספאָרט האָט זעהר אַ גרויסע בעדײַטונג פֿאַר דער גאַנצער רוסישער נאַפֿט־פראָדוקציע, בפרט פֿאַר דער מאַשין־איל־פּראָדוקציע, ווײַל רוסלאַנד אַליין פֿאַרברויכט לפי ערך ניט פיל אייל. נעמען מיר, למשל, דעם צענטראַל־פונקט פֿון דער נאַפט־פראָדוקציע — באַקו. אין יאָהר 1913 איז פֿון דאָרט אַרויסגעפיהרט געוואָרען 19 מיל. פוד מאַשין־אייל, דערפֿון זײַנען איבער 11 מיל. פוד, ד. ה. 60 פּר., אַרויסגעפיהרט געוואָרען דורך באַטום און די טערקישע ים־דורכגוסען קײַן אויסלאַנד.

ניט קיין קלענערע בעדײַטונג האָבען די דאַרדאַנעלען פֿאַר אַנדערע צווײַגען פֿון דער דרום־רוסישער און קאַווקאַזער אינדוסטריע, וואָס די לעצטע יאָהרען ענטוויקעלט זי זיך זעהר שטאַרק. אַזוי איז פֿון די דרום־רוסישע און קאַווקאַזער האַפֿענס אַרויסגעפיהרט געוואָרען אין יאָהר 1912 -- 58,9 מיל. פוד מאַרגאַנעץ, וואָס בעטרעפֿט לגבי דעם גאַנצען עקספאָרט פון דעם מין (61,5 מיל. פוד) 95,7 פראָצ. דורך די דאַרדאַנעלען געהט אויך רויה־אײַזען פֿון דעם צפון־דאָנעצער קאַנט (55 פראָצ.), שטיין־קויהלען, צוקער, צעמענט, שפירט א. אַז. וו. מיר האַלטען פֿאַר א בעריג אַ״נצמודען דעם לעזער דורך פֿאַרשיידענע ציפערטאַבעלען און מיינען, אַז די ביזאַהער געבראַכטע ציפערן גיבען אַ פֿאָרשטעלונג וועגען דער בעדײַטונג פון די דאַרדאַנעלען פֿאַר רוסלאַנד. היות אָבער ווי דעם רוב לעזער פֿון יודישע צײַט־שריפטען קומט, ווי מיר הוכט, זעלטען אויס צו לייענען די אָפיציעלע בעריכטען פון אינזער פינאַנץ־מיניסטעריום איבער דאָס עקאָנאָמישע לעבען פֿון רוסלאַנד, ברענגען מיר דאָ איינ׳גע ציפערן, וועלכע קאָנען געבען דעם עולם אַ פאָרשטעלונג, וואָס פֿאַר אַן אָרט עס פֿאַרנעמט דער האַנדעלס־עקספאָרט פון די דרום־רוסישע האַפֿענס (וועלכער געהט, נאַטירליך, דורך דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען) אין דעם אַלגעמיינעם אַרויספֿיהר פון רוסלאַנד קײַן אויסלאַנד אין דעם משך פֿון די לעצטע 4—5 יאָהר* (דער אַרײַנפיהר דורך די דאַרדאַנעלען האָט לגבי דעם אַלגעמיינעם אַרײַנפיהר אַ פיל קלענערע בעדײַטונג, און דעריבער שטעלען מיר זיך דאָ ניט אָב אויף איהם).

* די ציפערן זיינען גענומען פון דעם יאָהרבוך פונ׳ם פינאַנץ־מיניסטעריום פאַר דאָס יאָהר 1614 ז. 654 און וו.

עס איז אַרויסגעפּיהרט געוואָרען דורך דער אייראָפּאישער גרעניץ

(אין טויזענטער רובעל)

	1909	1910	1911	1912
בס״ה	1.182 358	1.228.816	1.340.580	1.267.779
דערפון דורך די האַפּענס פונ׳ם שוואַרצען ים.	269.106	280.705	321.310	212.575
אַזאָווער ים.	226.111	234.743	189.871	157.261
פון די דרום־האַפּענס בכלל.	495.217	515.448	511.181	369.836
% פונ׳ם גאַנצען אַרויספּאָהר.	42 פראָצ. רונד	42 פראָצ.	38 פראָצ.	29 פראָצ.

דורך דער אַזיאַטישער גרעניץ

(אין טויזענטער רובל)

	1909	1910	1911	1912
בס״ה	193.515	171.449	197.163	201.396
דערפון דורכ׳ן שוואַרצען ים.	133.002	112 239	119.766	110.636
פונ׳ם גאַנצען אַרויספּיהר.	69 פראָצ. רונד	63 פראָצ.	61 פראָצ.	55 פראָצ.

ד"ר. ה. לאַנהוי. — דער באָספאָר און די דאַרדאַנעלען.

פֿאַר 1913 האָבן מיר בלויז סומאַרישע ציפֿער. בס"ה איז אין דעם יאָהר פֿון רוסלאַנד אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען סחורות אויף 1,520 מיל. רוב. דערפֿון דורכ'ן שוואַרצען און אַזאָווער ים אויף רונד — 557 מיל. הובעל אָדער רונד 37 פּראָצ.

פֿאַר נאָרמאַלע קאָנען מיר בעטראַכטען די יאָהרען 1909 און 1910. אין דעם יאָהר 1911 איז דער טראַנספּאָרט פֿון דרום-רוסלאַנד געפֿאַלען אויף 4 פּראָצ. (פֿון 42 אויף 38). דאָ האָט געווירקט דער טערקיש-איטאַליענישער קריג און די ציַיטווײַליגע אומבעשטימטקײַט, וואָס וועט טערקײַ רעכענען פֿאַר מלחמה-קאָנטראַבאַנד. בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש זײַנען אָבער די ציפֿערן פֿאַר 1912 — דעם יאָהר פֿונ'ם באַלקאַן-קריג, ווען דער באָספאָר און די דאַרדאַנעלען זײַנען אַ געוויסע ציַיט געווען לחלוטין פֿאַרמאַכט פֿאַר די רוסישע האַנדעלס-שיפֿען. לגבי דעם נאָרמאַלען יאָהר 1910 איז דער אַרויספֿיהר, וואָס מוז געהן דורך די דאַרדאַנעלען, בלויז אויף דער אייראָפּעאישער גרעניץ, געפֿאַלען אויף 145,6 מיל. רובל, פֿון 42 פּראָצ. אויף 29 פּר. פֿונ'ם גאַנצען עקספּאָרט. דעם 5-טען אַפּריל 1912 — אין דעם מאָמענט, ווען טערקײַ האָט פּלוצים פֿאַרמאַכט איהרע „טויערן“, זײַנען געווען אין ים, לויט די ידיעות פֿון אונזער האַנדעלס-מיניסטעריום, אויפ'ן וועג צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל 40 שיפֿען מיט 8 מיליאָן פּוד משא, און אין די האַפֿענס פֿון דרום-רוסלאַנד מוכן צום אָבזעגלען צום באָספאָר 140 שיפֿען מיט 28 מיל. פּוד משא. פֿאַרשטעהט זיך, ממילא, אַז די בערזען-קאָמיטעטען פֿון די דאָזיגע האַפֿענשטעט האָבען גלײַך געמאַכט אַ גרויסען ויצעקי, און טערקײַ האָט, מחמת די „פֿאָרשטעלונגען“ פֿון דער רוסישער רעגירונג, אין אַ קורצער ציַיט אַרום אָנגעהויבען דורכצולאָזען די רוסישע האַנדעלס-שיפֿען.

אויך פֿאַר אונז יודען האָבען דער באָספאָר און די דאַרדאַנעלען אַ גרויסע בעדײַטונג. ערשטענס, העננט אָב פֿון דעם פֿרײַעם טראַנספּאָרט דורך די דערמאַנטע ים-דורכגוסען דער מצב, דער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פֿון אונזערע קאָלאָניסטען אין דרום-רוסלאַנד. ווי בעוואוסט, ווערען אין די דרומדיגע יודישע קאָלאָניעס 3/4 פֿונ'ם פעלדער-שטח אָבגעגעבען אויף דער קולטור פֿון גערשטען, אַ מין תּבואה, וואָס פֿלעגט ס'רוב אָבגעזעצט ווערען אויף די אויסלענדישע מערק. פֿון די קאָלאָניעס פֿלעגט דער גערשטען אַריבערגעפֿיהרט ווערען אין די האַפֿען-שטעט פֿון שוואַרצען און אַזאָווער ים, און פֿון דאָרטען פֿלעגט עס שוין געשיקט ווערען דורך דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען אויף די גרויסע תּבואה-מערק פֿון דרום-און מערב-אייראָפּע*. מחמת דעם, וואָס די דאַרדאַנעלען זײַנען פֿאַרמאַכט גע-

* פגל. דעריבער דעם אַרטיקעל „אין די דרום—קאָלאָניעס“—פֿון ז. ברונין—אין נר' 2—3 „די יודישע קאָאָפּעראַציע“ פֿאַר הײַנטיגען יאָהר. ז. 16 און ו., ווי אויך דער אַרטיקעל „וועגען דעם מצב פֿון די יודישע קאָלאָניסטען אין דרום-רוסלאַנד“ — אין „די וואָך“—נומ. 11, 1915.

וואָרען היי־יאָהר באַלד נאָכ׳ן שניט־סעזאָן, האָבען אונזערע קאָלאָניסטען געהאַט זעהר פֿיל היזק. צווייטענס, פֿיהלען זעהר שטאַרק די וויכטיגקייט פֿון דעם פֿרייען דורכגאַנג צום מיטעל־לענדישען ים אַלע יודישע תּבֿואה־סוחרים און עקספּאָרטערן פֿון גאַנץ דרום־רוסלאַנד, וועלכע מאַכען אויס אַ גרויסען פּראָצענט פֿון דעם מין מענשען. עס איז אַ דבֿר ידוע, אַז דאָס רובֿ תּבֿואה־עקספּאָרט־פֿירמעס פֿון אָדעס, כערסאָן, ניקאָלאַעוו, מאַריופּאָל און אַפֿילו פֿון ראָסטאָוו און טאַגאַנראָג — — שטעט, וואָס ליגען חוץ לתּחום — געהערען צו יודען. אויף להבא וועט די בעדייטונג פֿון די דאַרדאַנעלען פֿאַר אונז ווערען נאָך גרעסער. באַם נאָר רוסלאַנד וועט קריגען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם דערבייליגענדיגען ראַיאָן, שטעהט פֿאַר גאַנץ דרום־רוסלאַנד, וואָס איז געדיכט בעזעצט פֿון יודען, אַ גלענצענדע צוקונפֿט. אײב אונזער רעכטליכע לאַגע אין רוסלאַנד נאָך דעם קריג וועט ווערען פֿאַרבעסערט, און יודען וועלען זיך אויך קאָנען בעזעצען אין די נייע פּראָווינצען, וואָס טערקיי וועט מוזען אָבטרעטען רוסלאַנד, דאַן וועט דער דאָזיגער קאַנט קאָנען האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אויסבעסערונג פֿון אונזער מצבֿ אין גאַנץ רוסלאַנד.

III

ביז אַהער האָבען מיר גערעדט וועגען דער בעדייטונג פֿונ׳ם באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען פֿאַר דעם רוסישען אויסערן־האַנדעל. די דאָזיגע „טויערן“ שפּילען אָבער אַ גרויסע ראָלע אויך אין דעם אינלענדישען האַנדעל פֿון רוסלאַנד — אין דער אַזוי גערופֿענער „קאַבאָטאַזש־שיפֿפֿאַהרט“*. עס איז בעוואוסט, אַז וואַסער־פּראַכט (איבער ימים און טייכען) קאָסט אַ סך וועלוועלער, ווי באַהן־פּראַכט צווישען די זעלבע פּונקטען. שווערע משׂאות לוינט דעריבער צו פֿיהרען בעסער דורכ׳ן ים אײדער דורך דער יבשה. למשל — שטיינקוילען פֿון צפֿון־דאָנעצער קאַנט קיין פּעטערבורג און אַנדערע האַפֿען־שטעט, וואָס ליגען ביים באַלטישען ים (ריגא, ליבאַו ולדומה), פֿלעגען ס׳רובֿ געהן דורך די האַפֿענס פֿון אַזאָווער אָדער שוואַרצען ים דורך די דאַרדאַנעלען און דעם מיטעל־לענדישען ים אַרום פֿראַנקרייך און דענעמאַרק. דאָס נעמליכע איז צו בעמערקען אויך בנוגע צו די משׂאות, וואָס געהען פֿון דרום־רוסלאַנד צום ווייטען מזרח און אומגעקעהרט. אין דעם פּרט איז די בעדייטונג פֿון די דאַרדאַנעלען פֿאַר רוסלאַנד נאָך גרעסער, ווי פֿאַר דעם עקספּאָרט קיין אויסלאַנד. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז 98 פּראָצ. פֿונ׳ם גאַנצען קוואַנטום (סכום) און 97 פּראָצ. פֿון דעם ווערט פֿון אַלע משׂאות, וואָס זיינען אין דעם יאָהר 1912 געבראַכט געוואָרען דורך דעם ווייטען קאַבאָטאַזש, פֿאַלען אויף דעם שוואַרצען ים און די טערקישע ים־דורכגוסען; פֿאַר דאָס יאָהר 1913 מאַכט

* אונטער „קאַבאָטאַזש“ פֿאַרשטעהט מען דעם פֿאַרקעהר פֿון שיפֿען צווישען די האַפֿענס, אין לאַנד גופֿא; אונטער „ווייטען קאַבאָטאַזש“ די שיפֿפֿאַהרט פֿון איין אינלענדישען ים אין דעם אַנדערן.

דער ווערט פֿון די משׂאות, וואָס זײַנען אויף דעם נעמלעכן אופֿן געפֿירט געוואָרען פֿון דרום־רוסלאַנד און אַנדערע געגענדען, 92 פּראָצ. פֿון דעם גאַנצען קאַבאָטאַזש־מסחר. הגם דער אײַסקעדער פֿון דעם דאָזיגען עקספּאָרט איז ניט בעזונדערס גרויס (אַן ערך פֿון 100 מיל. רובל יעהרליך), בונדעסטוועגען האָט די קאַבאָטאַזש־שיפֿפֿאָהרט אַ גרויסע בעדײַטונג פֿאַרן לאַנד.

IV

די בעדײַטונג פֿונ׳ם באָספּאָר און די דאַרדאַנעלען איז, ווי מיר זעהען שוין בײַ הײַנטיגען טאָג, זעהר גרויס פֿאַר רוסלאַנד. מען קאָן זיך אָבער קוים פֿאָרשטעלען, וועלכע ברייטע פּערספּעקטיווען עס עפֿענען זיך פֿאַר דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פֿון רוסלאַנד בכלל און פֿון דרום־רוסלאַנד און קאַווקאַז בפֿרט נאָכ׳ן פֿאַלען פֿון דײַטשלאַנדס אײַנפֿלוס אין פֿאָדער־אַזיען און נאָכ׳ן קריגען די ממשלה איבער די דערמאָנטע ים־דורכגוסען. עס איז בכלל צו בעמערקען, אַז דרום־רוסלאַנד און קאַווקאַז מיט זייער ווייכען קלימאַט און נאַטירליכע רײַכטימער שטעהט פֿאָר אַ גלענצענדע ענטוויקלונג אין עקאָנאָמישען פּרט. שוין די ניט לאַנג געענדיגטע אײַזען־באַן־ליניע פֿון באַכמאַטש קײַן אָדעס, וואָס פֿאַרקירצט אויף אַ סך דעם וועג פֿון דעם וויכטיגסטען תּבֿואה־ראַיאָן צום אָדעסער האַפֿען, האָט פֿיל צו זאָגען. די לעצטע צײַט האָט די רעגירונג ערלויבט צו בויען עטליכע אײַזענבאַנען אויף קאַווקאַז און פֿון די דרום־האַפֿענס צו דעם וואָלגאַ־ראַיאָן. אײניגע באַנען, וועגען וועלכע מען מאַכט נאָך דערווײַל אונטערזוכונגען, דאַרפֿען פֿאַרבינדען די דרום־רוסישע האַפֿענס מיט די תּבֿואה־געגענדען פֿון סיביר, נאָך אַנדערע ליניעס וועלען פֿאַראייניגען די נעמליכע האַפֿענס מיט טורקעסטאַן און דעם רוסישען מיטעל־אַזיען, בעזונדערס מיט דעם באַוועל־ראַיאָן, וואָס ווערט אַלץ מעהר און מעהר קינסטליך בעוואַסערט. עס איז שוין אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט פֿון אַ קאַנאַל צווישען דער וואָלגע און דעם דאָן, וואָס וועט האָבען אַן אומגעהייערע בעדײַטונג פֿאַר די פּרוכטבאַרע געגענדען, וואָס ליגען בײַ דער וואָלגע און איהרע נעבען־טײַכען. עס איז אויך פֿאַרטיג אַ פּראָיעקט פֿון אַ קאַנאַל, וואָס זאָל פֿאַרבינדען דעם דניעפּר מיט די מערבֿ־דווינע, וועלכער וועט פֿאַראייניגען דעם באַלטישען ים מיט דעם שוואַרצען (אין די מאַטעריאַלען פֿון דער וועג־קאָמיסיע פֿון דער דומע הייסט עס „דער וואַסערוועג ריגע־כערסאָן“). דער גרעסטער טייל פֿון אַלע משׂאות, וואָס וועלען אַרויסגערופֿען ווערען דורך די בעצייכענטע אומשטאַנדען, וועט געהן דורך די דאַרדאַנעלען. די ממשלה איבער די לעצטע וועט רוסלאַנד געבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען איהר האַנדעל מיט גאַנץ פֿאָדער־אַזיען, וואָס קאָן ווערען אַ גוטער אָבזאַץ־מאַרק פֿאַר דער רוסישער אינדוסטריע.

מיט דער הערשאַפֿט איבער ביידע ים־דורכגוסען איז, נאַטירליך, פֿאַרבונדען די ממשלה איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם דערבײַליגענדיגען

ראַיאָן. די האַנדעלס־בעדייטונג פֿון דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען פֿאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַליין איז בעזונדערס גרויס. מען קאָן זאָגען, אַז אַדאַנק דעם באָספאָר איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואָרען דער מרכז, דער צענטראַל־האַנדעלספּונקט פֿון דעם באַלקאַן־האַלב־אינזעל און גאַנץ קליין־אַזיען. די לאַגע אויף דעם גרעניץ צווישען אַזיען און אייראָפּע האָט געמאַכט סטאַמבול צו איינעם פֿון די גרעסטע טראַנזיט־(דורכגאַנג) האַפֿענס פֿון דער וועלט. אין דעם יאָהר 1912 (באַלקאַן־קריג!) האָבען דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפֿען בעזוכט 18318 שיפֿען מיט אַ טאָנאַזש פֿון 15,1 מיל. — דערפֿון אויסלענדישע 12741 — מיט אַ פֿאַרנעם פֿון 14,7 מיליאָן טאָן — ד. ה. 97 פּראָצ.*. דעם ערשטען פּלאַץ פֿאַרנעמט דאָ ענגלאַנד — כמעט 38 פּראָצ. פֿונ'ם גאַנצען טאָנאַזש (5,67 מיל. טאָן) האָט אָנגעהערט דעם ענגלישען פֿלאַג. דעם 2־טען אָרט פֿאַרנעמט גריכענלאַנד — 16 פּראָצ. (2,47 מיל. טאָן), דעם 3־טען עסטרייך־אונגאַרן — 11 פּר. (1,71 מיל. טאָן). רוסלאַנד שטעהט אויף דעם 4־טען אָרט — 9 פּראָצ. (1,36 מיל. טאָן). דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אויך די משאות פֿון רוסלאַנד פֿאַרנעמען דעם 4־טען אָרט אין דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפֿען. אַזוי ווי דער רוסישער האַנדעלס־פֿלאָט איז נאָך דערווייל גאַנץ קליין, ווערט אַ גרויסער טייל פֿון די משאות, וואָס געהען פֿון דרום־רוסלאַנד, געפֿיהרט אויף גריכישע שיפֿען אין דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפֿען. פֿון דעם גאַנצען אויסקעהר פֿון דעם טערקישען אויסענהאַנדעל אין די לעצטע יאָהרען — פֿאַר דעם קריג מיט די באַלקאַן־מלוכות, בעת סאַלאָניקי האָט נאָך געהערט צו טערקיי — פֿלעגט אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל פֿאַלען 25 פּראָצ. אין די יאָהרען 1910/11 איז דורך דעם האַפֿען אַריינגעפֿיהרט געוואָרען אין טערקיי סחורה אויף 119 מיל. רובל, אַרויסגעפֿיהרט איז פֿון דאָרטען אין די נעמליכע יאָהרען געוואָרען אויף 19 מיל. „ בס"ה האָט, אַלזוי, דער האַנדעלס־אויסקעהר פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל בעטראָפֿען 138 מיל. רובל לגבי די 552 מיל. רובל, וואָס עס האָט בעטראָפֿען דער גאַנצער טערקישער האַנדעל אין די זעלביגע יאָהרען.

פֿאַרשטעהט זיך, אַז אין דעם קינפֿטיגען גורל פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז פֿאַראינטערעסירט ניט רוסלאַנד אַליין. די אויבען געבראַכטע ציפֿערן וועגען די שיפֿען, וואָס בעזוכען דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האַפֿען, בעווייזען, אַז אויך אַנדערע אייראָפּעאישע גרויסע מלוכות האָבען אַ שייכות צו דעם האַנדעל מיט טערקיי. בעזונדערס מיינען מיר דערמיט איינעם פֿון אונזערע פֿאַר־בינדעטע אין דעם איצטיגען קריג — ענגלאַנד. לויט טערקישע סטאַטיסטישע

* פגל. „אינדוסטריע און האנדעל" פאר 1914, נומ. 21. כדי די ציפערן זאָלען געבען דעם לעזער א פאָרשטעלונג פון דער בעלעבטקייט פון קאָנסטאנטינאָפּאָל, איז צו בעמערקען, אז דעם גרעסטען רוסישען האפען אויפ'ן שווארצען ים — אָדעס — האָבען אין דעם נעמליכען יאָהר (1912) בעזוכט בלויז 1325 שיפען מיט א טאנאזש פון 2,462 טויזענט.

קוועלען*, וואָס זײַנען אפֿשר ניט אַזוי גענוי, האָט דער האַנדעלס־אויסקער פֿון ענגלאַנד מיט טערקײַ אין די יאָהרען 1910—11 אויסגעמאַכט 22 פּראָצ. פֿון דעם גאַנצען טערקישען אויסען־האַנדעל. דורכדעם דערקלערט זיך צום טייל (אויף די פּאָליטישע טעמים קאָנען מיר דאָ זיך ניט אָבשטעלען) דאָס, וואָס ענגלאַנד איז אין משך פֿון דעם גאַנצען 19־טען יאָהרהונדערט געווען די הויפּט־שטערערין אין דער בעפֿעסטיגונג פֿון רוסלאַנד אויף די ברעגעס פֿון שוואַרצען ים און אויף דעם באַלקאַן־האַלב־אינזעל. עס איז נאַטירליך ניט דאָ דער אָרט זיך ברייטער אָבצושטעלען אויף דער דיפּלאָמאַטישער געשיכטע פֿון דער דאַרדאַנעלען־פֿראַגע **. די, וואָס זיינען נאָר אַ ביסעל בהבֿינט אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע, איז געוויס בעקאַנט, אַז די ערשטע פֿעלקער־רעכטליכע נאָרמירונג פֿון דער דאָזיגער פֿראַגע האָט געבראַכט די לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ פֿון די אייראָפּעאישע מלוכות אינ'ם יאָהר 1841, וועלכע איז צונויפֿגערופֿען געוואָרען לויט ענגלאַנדס איניציאַטיווע. אַז די דאָזיגע קאָנפֿערענץ איז געווען געווענדעט קעגען רוסלאַנד און איהר געהיימען אָבמאַך מיט טערקײַ פֿונ'ם יאָהר 1833, וועלכער האָט רוסלאַנד געגעבען בנוגע צו די דאַרדאַנעלען אַ פּריווילעגירטע שטעלונג לגבי די איבעריגע מלוכות, איז אויך אַ בעוואוסטע זאַך. עס איז גענוג אָנצוּווייַזען אויף אַזוינע בעקאַנטע היסטאָרישע פֿאַקטען, ווי דער קרימער קריג, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט'ן פּאַריזער אָבמאַך פֿונ'ם יאָהר 1856 איבער די טערקישע ים־הורכגוסען (רוסלאַנד איז דאָ בכלל פֿאַרבאָטען צו האַלטען קריגס־שיפֿען אויפ'ן שוואַרצען ים, צו בויען האָרטען פעסטונגען וכדומה), דעם לאָנדאָנער אָבמאַך איבער די דאַרדאַנעלען פֿונ'ם יאָהר 1871 און דעם בערלינער קאָנגרעס פֿונ'ם יאָהר 1878 און אויף דער ראָלע, וואָס די ענגלישע מיניסטאָרען ביקאָנספֿיעלד און סאַליסבורי האָבען געשפּילט אויף די דאָזיגע קאָנפֿערענצען, בכדי צו קריגען אַ בילד פֿון דער ענגלישער פּאָליטיק אין דער פֿראַגע. איצונד, נאַטירליך, שטעהט די זאַך גאַנץ אַנדערש. די ביידע שטאַרקסטע היסטאָרישע געגנער פֿון רוסלאַנד אין איהר מזרח־פּאָליטיק — ענגלאַנד און פֿראַנקרייך — פֿיהרען מיט איהר צוזאַמען אַ קריג אויף קעגען טערקײַ, זייערע שיפֿען און זייערע האַרמאַטען האַלטען ביים פֿאַרטיליגען די טערקישע מאַכט אין אייראָפּע. און בשעת עס וועט קומען די צייט צו רעדען וועגען שלום, איז זעהר מעגליך, אַז רוסלאַנד וועט ניט טרעפֿען

* פֿגל. דעם אויבען ציטירטען נומ. פֿון „אינדוסטריע און האַנדעל“.

** די, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער פֿראַגע, שיקען מיר אָב די פֿאָלגענדע 2 ביכער:

Горяиновъ. Босфоръ и Дарданеллы. Изложеніе вопроса о проливахъ по дипломатической перепискѣ и проч. СПБ, 1907.
Kuntze. Dio Dardanellenfrage—Rostock 1909.

ווייטערדיגע ליטעראַטור איז אָנגעוויזען ביי:

Liszt. Völkerrecht, 6-te Auflage, Berlin 1910.

קיין מניעות צו פאַרנעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ביידע ים־דורכגוסען, אויף וועלכע די רוסישע געזעלשאַפטליכע מיינונג לעגט אַזוי פיל האָפענונגען. וואָס איז שייך צו דער פראַנצויזישער געזעלשאַפטליכער מיינונג און פרעסע, האָט די איינפלוס־רייכסטע האַלב־אָפיציעלע צייטונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג „טאַן" מיט אַ קורצער צייט צוריק, בעת דער רוסישער פלאָט האָט צום ערשטען מאָל באָמבאַרדירט דעם באָספאָר, גאַנץ אָפען ערקלערט, אַז פראַנקרייך וועט לחלוטין ניט שטערען רוסלאַנד צו פאַרנעמען „די שליסלען פון דעם שוואַרצען ים". די ענגלישע פרעסע איז נאָך אין דער פראַגע ניט איינייג. בעת אַ טייל פון דער ענגלישער פרעסע און בפרט די קאָנסערוואַטיווע בלעטער (Spectator, Times) זאָגען זיך אַרויס פאַרן איבערגעבען די ים־דורכגוסען און קאָנסטאַנטינאָפּאָל רוסלאַנד גאָר אָהן בעדינגונגען, טרעטען די ראַדיקאַלע בלעטער (Daily News און אַנד.) אַרויס פאַר די נייטראַליזירונג אָדער אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די דאַרדאַנעלען, הגם אויך די דאָזיגע צייטונגען זיינען מודה, אַז רוסלאַנד האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויסער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָך נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אינטערעסען. וועגען די דאָזיגע אינטערעסען האָבען מיר דאָ בכוון ניט גערעדט, ווייל דאָס געהער בעצם ניט צו דער טעמע פון אונזער מאמר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַוועקמאַכען מיט דער האַנט קען מען דאָס ניט. פאַר אַ געוויסען טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ איז די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און היסטאָריש־רעליגיעזע (די „סימבאָלישע") בעדייטונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל כמעט וויכטיגער, ווי זיין האַנדעלס בעדייטונג *.

נאָך גרעסער איז די פּאָליטישע בעדייטונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די ביידע ים־דורכגוסען. אמת, די דאָזיגע שאלה איז אפילו ענג פאַרבונדען מיט דער עקאָנאָמישער בעדייטונג, וועלכע מיר האָבען דאָ געפּרובט פונאַנדערצוקלייבען. נאָר אויך פונ'ם ריין־פּאָליטישען — אָדער סטראַטעגישען — שטאַנדפּונקט גיט דאָס פאַרנעמען דעם באָספאָר און די דאַרדאַנעלען רוסלאַנד זעהר פיל. האָבענדיג די ממשלה איבער די דאָזיגע ים־דורכגוסען, איז רוסלאַנד זיכער פאַר דעם גאַנצען דרום־קאַנט, וואָס ליגט ביים שוואַרצען ים. עס איז דאַן אויך אפשר איבעריג צו האַלטען דאָרט אַ גרויסען פלאָט. די בעפעסטיגטע דאַרדאַנעלען גיבען רוסלאַנד די מעגליכקייט אָבצושאַפען אַלע אירע פעסטונגען אויפ'ן ברעג פון שוואַרצען ים און וועלען אויך מיליאָנען, הונדערטער מיליאָנען רובל פאַרקלענערן איהר מיליטער- און פלאָט־בודזשעט.

* והראיה די אַרטיקלען פון פּראָפ. יעווגעני טרובעצקאָי און „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי", פאַר די לעצטע 6 מאָנאַטען און אַ רייה פון זיינע לעקציעס, בפרט די לעקציע „די הייליגע סאָפיע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל".

י. עפּרען.

צייט־פראגען.

II

אַ נייער שטראָם.

אין די שווערע נסיונות, וואָס דאָס יודיש פאָלק האָט אויסצושטעהן אין אונזערע טעג, וואָס האָבען אפשר ניט דייער גלייכען אין אונזער גאַנ־צער געשיכטע,

פאַר אונז וויכטיג אָנצומערקען

לכל הפּחות די מעהר־וועניגער וויכטיגע ערשיינונגען אין אונזער כלל־לעבען, וואָס ליגען אויף דעם אויבערפלאַך און וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער נייַ געשאַפענער לאַגע פאַרן יודישען קיבוץ אין רוסלאַנד.

אויף איינער פון די דאָזיגע ערשיינונגען וועלען מיר זיך היינטיגס מאָל אָבשטעלען.

אַז ס'זיינען אָנגעקומען, נאָך דעם „שטורעם־ און דראַנג“־פּעריאָדע, די גראָהע און כמאַרנע טעג, וואָס ציהען זיך שוין כמעט אַ צעהנדליג יאָהרען, און דער תּקיפ'ער בעל־הבית איז געוואָרען דער מושל בכיפה אויף אונזער גאַס, זיין שטייגער און זיינע השגות — די טאָנגעבענדע, די הערשענדע, — וויפיל שפּאָט און חוזק האָט דאָס, נעביך, געקראָגען אויסצוהערען אונזער יוגענד! האָט מען געוואָלט קאָמפּראָמיטירען אַוועלכע עס איז אידעע, אַ געדאַנק, אַן אויפטו — איז גענוג געווען זי צו שטעמפּ־לען מיט „יונגעלשקייט“, כדי קיין איבעריגע ווערטער ניט צו פאַרלירען. אין שטוב־לעבען און אויפ'ן גאַס, אין צדקה און אין פּאָליטיק, אין דער צייטונג און אין דער ליטעראַטור — אומעטום איז די „סאָלידקייט“ און „מיושב'דיגקייט“ געוואָרען דער שם נרדף פאַר קלוגשאַפט און חשיב־זיכטיגקייט.

און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען האָט זיך געצויגען ווי אַ בייזע שלאַק, אָהן גייסט און אָהן ליכט, גראָה און וואָכעדיג. חשוב'ע יודען

פֿון דער פּראָווינץ פֿלעגען זיך צונויפֿקומען אויף אספֿות, געשמאַק געניצען, דערצעהלען אַנעקדאָטען און זיפֿצען איבער די שלעכטע צײַטען. כּלל־טוער האָבען זיך געטומעלט און געסוד׳עט, געבויט פּראָיעקטען און צעשטערט חלומות, און דער שימעל אין דער שטענדיגער בּלאָטע איז, בּרוך השם, אַלץ מעהר געוואַקסען.

אַז ס׳זײַנען אָנגעקומען די גרויזאַמע טעג, און הונדערטער טויזענטער האָבען זיך גענומען ריהרען פֿון די אײַנגעזעסענע ערטער, אַז צעהנדליגער און הונדערטער יודישע קהלות זײַנען חרובֿ און פּאַרוויסט געוואָרען, האָט זיך אונזער בּעל־הבּית פֿאַרלאָרען און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט געבּליבּען שטעהן פֿאַר דעם דאָזיגען קאָלאָסאַלען און אונאויפֿהערליכען מענשען־שטראָם. מיט אַסיפֿות און זיצונגען, מיט אַ קרעכץ און אַ זיפֿץ האָט מען דאָ גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכען. ווי בּרייט דער יודישער גבֿיר האָט ניט געעפֿענט זײַן טײַסטער, און אַגבֿ איז ער, דער גבֿיר פֿון תּחום, כּלל ניט קיין גרויסער בּעלן דערויף, — מיט נדבֿות פֿון יחידים האָט מען די מאַסען־נויט ניט געקאָנט לינדערן. די מאַסען נויט האָט געפֿאָדערט אַ מאַסען־הילף. און בּעת די וואַרשעווער גבֿירים האָבּען נאָך עד היום ניט געקאָנט בּײַ זיך פּועל׳ן עפּעס אַליין צו געבּען און לעבּען נאָך אַלץ אויף קעסט בּײַ פּעטראָגראַד, האָט דער פּשוט׳ער וואַרשעווער יוד, דער פֿאַרדאגה׳טער און פֿאַרצרה׳טער, האָט די אָרימע יודינע פֿון קויש און פֿון קרעמעל, דער יוד פֿון גאַס און פֿון וואַרשטאַט, געטיילט מיט די הימלויזע דעם לעצטען בּיסען, דעם קישען צוקאָפּענס. וויפֿיל ריהרענדע סצענעס פֿון אמת׳ער בּרידערליכער הילף קאָנען אײַך דערצעהלען די וואַקזאַלען און די גאַסען, די בּתּי־מדרשים און די קלויזען פֿון וואַרשע און ווילנע, פֿון מינסק און סמאָרגאָן!

די אַלטע יודישע פֿאָלקס־צדקה, וואָס איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יודישע מנהגים, בּעת דער הײַנטמאָדישער גבֿיר האָט פֿאַרנומען דעם אויבּען־אָן אין יודישען לעבּען, האָט ווידער אויפֿגעלעבּט און בּעוויזען זיך פֿאַר אונז אין אַ פֿרישער קראַפֿט, אין אַ נײַעם גלאַנץ. און וואָס מעהר עס וואַקסט די נויט, אַלץ מעהר ציטערן די זײַלען פֿון דער צדקה־חזקה, וואָס ס׳האָבּען פֿאַרכאַפּט אַ הײַפּעל גבֿירים. שוין איצט איז קלאָר, אַז פֿריהער — שפּעטער וועלען מיר מוזען אָנקומען צו אַ פֿרײַוויליגען פֿאָלקס־שטײַער, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע פֿאָלק, אַלע זײַנע קלאַסען און שיכטען. אַלץ אומבּעדײַטענדער מוז ווערען די ראָלע פֿון יחידים אין דער דאָזיגער פֿאָלקס־אַרבּייט, אַלץ קלענער מוז ווערען דער אײַנפֿלוס פֿון די עלעמענטען, וואָס זײַנען געוועהנט צו די קליינע פֿאָדערונגען, וואָס די צדקה־אַרבּייט שטעלט דער פּערזענליכקײַט פֿונ׳ם מענשען אין נאָרמאַלע צײַטען און בּײַ געוועהנליכע בּעדינגונגען. נאָך מעהר

ווי מאַטעריעלע, פֿאָדערט די איצטיגע צײַט מאָראַלישע קרבנות, געטרײַקייט און איבערגעבענקײַט, גלייבען און ענטוזיאַזם.

אויף אַ נאַטירליכען און ניט פֿאַרמײַדליכען אופֿן קומט פֿאָר פֿאַר אונזערע אויגען אַ פּראָצעס, וואָס מיר בעמערקען ניט זעלטען אין דער געזעלשאַפֿטליכער ענטוויקלונג: ס'ווערען ביסלעכווײַז צוריקגעשטויסען, אויב ניט אַרויסגעשטויסען, אַ זוינע עלעמענטען, וואָס זײַנען ניט בכּח זיך צוצופּאַסען צו די נײַע פֿאַרהעלטענישען, זייער אָרט פֿאַרנעמען יונגערע, זאַפֿטיגערע און לעבענספֿעהיגערע כּחות. איז עס דען אַ חידוש, וואָס אין דער גאַנצער הילפֿס־אַרבייט, וואָס ווערט איצט געפֿיהרט, אין די היימען פֿאַר די אַנטרונענע, אין די קינדער־היימען, אין די געזעלשאַפֿטליכע וואַר־שטאַטען, אין די יורידישע קאָמיסיעס א. אַז. וו. א. אַז. וו., פֿאַרפֿעסטיגט זיך אַלץ מעהר און שלאָגט אַלץ טיפֿערע וואָרצלען די יודישע יוגענד, וואָס טראָגט אַרײַן אין דער אַרבייט יוגענדליכען בּרען, אידעאַליזם, פֿרישקײַט און מונטערקײַט.

קיין מענש, און ווער רעדט נאָך אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, רוימט ניט אָב זײַן אָרט פֿרײַוויליג און אָהן קאַמף. און די העלדען פֿון דער היינטמאָדיש־גבֿירישער צדקה פֿלײַסען זיך מיט אַלע כּחות אײַנצוהאַלטען די פֿון לאַנג אָן פֿאַרנומענע פּאָזיציעס. אומעטום קומען פֿאָר אין דער הילפֿס־אַרבייט און די אינסטיטוציעס, וואָס פֿיהרען זי, מעהר־וועניגער שאַרפֿע רײַבונגען צווישען די אַלטע אַפּוטרופּסים, וואָס שטיצען זיך אויף זייער אַמאָליגען זכות, און די נײַע, יונגע עלעמענטען, וואָס זייער קראַפֿט שטעקט אין דער אַרבייט, אין דער מוט צו אַרבייט. פֿאָרמעל קאָן דאָ אָדער דאָרט אָבהאַלטען אַ נצחון דער צדקה־טוער פֿון אַלטען שניט, דער גבֿיר, דער „מקורבֿ“ צו פֿאַרשיידענע ספֿערען. פּאַקטיש אָבער גליטשט זיך די אַרבייט, דער געזעלשאַפֿטליכער אײַנפֿלוס ביסלעכווײַז אַרויס פֿון זייערע הענט. די אמת'ע בעלי־בּתּים, די אמת'ע פֿיהרער און טוער אין דער קאָלאָסאַלער הילפֿס־אַרבייט ווערט אַלץ מעהר די יוגענד, צי האָט זי די זכיה צו זיצען מיט די חשובֿ'ע גבֿירים אין די קאָמיטעטען, צי האָט מען פֿאַר איהר אַהין דעם וועג פֿאַרצאַמט, און זי מוז זיך בעגעגענען מיט דער אַרבייט אין קאָמיסיעס א. אַז. וו., זיך צופֿרידענשטעלען מיט דער אונטערגעאָרדענטער ראָל, וואָס מען טיילט איהר אײַן.

ווי נישטווערדיג זעהט איצט אויס דער שפּאָטישער געלעכטער פֿונ'ם בײַכיגען בעל־הבית, וואָס פֿלעגט גאָר ניט קאָנען אָנקוקען פֿון דער נאַאיווקײַט, פֿון דער ניט פּראַקטישקײַט פֿון דער יוגענד אונזערער. בעת מיר זעהען זי איצט בײַ דער פֿאָלקס־אַרבייט.

זי האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון געזעלשאַפֿטליכען אידעאַליזם. וועניג איז, ווען די אידעע קאָן אין אַייך, אין אַן אויסערגעוועהנליכען מאָ־

מענט, אָנצינדען אַ העלען פֿלאַם, וואָס פֿלאַקערט אויף און ווערט גיך פֿאַר־לאָשען, וועניג איז דער לעבענס־קרבן, וואָס ווערט געבראַכט אין איין רגע פֿון העכסטען עקסטאַז. אַ העכערע מאָראַלישע מדרגה דערגרייכט דער, וואָס דער שטילער פֿייער פֿון אידעאַליזם ברענט ביי איהם, ווי אַ נר תמיד, וואָס לעשט זיך ניט אויס, וואָס געפֿינט אין זיך ענטוזיאַזם נישט נאָר פֿאַר יום־טובדיגער העלדישקייט, נאָר אויך פֿאַר וואָכעדיגער אַרבייט, וואָס קאָן דיי וואָך צום יום־טוב מאַכען. אַזאַ אידעאַליזם, אַזאַ ענטוזיאַזם האָט איצט אַרויסגעוויזען די יודישע יוגענד. און דאָס זאָגט אונז אָן, אַז דעם אָרט, וועלכען זי האָט איצט פֿאַרנומען אין אונזער געזעלשאַפֿטליכען לעבען, וועט זי ניט אַזוי גיך פֿאַרלאָזען, ווי נאָר ס׳וועט פֿאַרביי דער ערשטער שטורעם. דאָ, אין דער דאָזיגער וואָכעדיגער אַרבייט, ענטוויקעלט זי ביי זיך די אַלע רגילות׳ן, די מעטאָדישקייט, די האַרטנאַקיגקייט, וואָס עס פֿאָדערט די געזעלשאַפֿטליכע אַרבייט פֿון אַ גאַנץ יאָהר.

י. נ—ג.

בריף וועגען פוילען.

I

„א פאלק אהן א אידעאל״—אסימילאטארען און חסידים, נאציאנאלע יודען און סתם יודען.—צוויי קולטור־וועלטען.

צווישען די אלע זלזולים און בלבולים אויף יודען, וואס עס קומט אייך אויס צו הערען, בשעת איהר געפינט זיך אין פוילען, טרעפט אמאל, אז איהר הערט אויך א ווארט אמת, פון ביטערן אמת. אמאל ווירקט דאס אויף אייך ערגער, ווי די שרעקליכסטע זידלעריי.

ס'קומט ניט איין מאל אויס צו הערען פון פאלאקען, אז יודען זיינען א פאלק אהן אידעאל. און איך מוז מודה זיין, אז דער דאזיגער פארוואורף טרעפט מיך שטענדיג א סך שמערצליכער, ווי אלע בעשולדיגונגען קעגען יודען. אין א בלבול — למשל, וועגען דעם, אז אויף יעדען דייטשען אעראפלאן געפינט זיך א יוד פון נאלעווקעס, און דוקא אין א לאנגער קאפאטע, און ער ווייזט דעם דייטש, וואו אראבצו־ווארפען די באמבע — גלויבט ניט אויף א האר אפילו דער מחבר אליין, הגם ער דערצעהלט איהם געוועהנטליך מיט גרויס התפעלות; ווען איהר הערט אבער פון א יונגען גימנאזיסט, וואס וויל אפשר טאקע וויסען, וואס ווילען סוף כל סוף די יודען, וואס זיינען אזוינע בריות אויף שרייען און פילדערן, דעם פארביטערטען אויסדרוק: „טא נאראד בעז אידעאלו“ — ווערט איהר אינעווייניג טיף פארשעמט.

עס איז גאר ניט וויכטיג, וואס דער גימנאזיסט פארשטעהט אונטער דעם ווארט „אידעאל“. אפשר קאן ביי קיין שום פאלק ניט געמאלט זיין קיין פאלקס־אידעאל, אין דעם זין, אז דאס גאנצע פאלק זאל שטרעבען צו איין און דעמזעלבען ציל, זאל האבען איין וועג־ווייזער אין לעבען — איהר פיהלט אבער, אז „עפעס“ איז פאראן אין פוילישען פאלק, וואס בינדט צונויף אלע פאלאקען, מעגען זיי זיין מאריאוויטען אדער ריינע קאטוילי־קען, נאראדאווע דעמאקראטען אדער סאציאליסטען, פריצים — אדער ארבייטער, און אז דאס „עפעס“, וואס דער גימנאזיסט רופט „אידעאל“ — פעהלט ביי די יודען אין פוילען, און דאס פיהלט זיך דערהויפט אין דעם קולטורלעבען פון דעם יודישען קיבוץ אין פוילען.

ווען איהר פרובט זיך פארטיפען אין דעם אינהאלט פון דעם דאזיגען קולטור־לעבען, זעהט איהר, אז די יודישע מאסע איז צעריסען אויף פארשיידענע גרופעס, וואס פיהרען אן איינגעשפארטען קאמף איינע מיט דער אנדערער, און יעדע פון די גרופעס האט זיך איהר אייגענעם בעזונדערן „אידעאל“. און נאך איינס ווארפט זיך אייך אין די אויגען. דער קאמף איז אזוי

האַרטנאַקיג, אַזוי אומבּרחמנות׳דיג טאַקע דערפאַר, ווײַל יעדע גרופּע איז צוגעבּונדען צו איהר אידעאַל מיט דעם גאַנצען כּח פון גלויבּען און איז גרייט צו קעמפען, ממש מקריב זײַן זיך פאַר איהם.

און אין דעם פּרט, דאָס מוז מען מודה זײַן, שטעהען די פּוילישע יודען העכער פאַר אונזערע. דאָס פילפאַרבּיגע און פילזײַטיגע נאַציאָנאַלע לעבּען פון די פּאָלאַקען, דער העלדישער קאַמף, וואָס זיי פיהרען פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום, האָט געווירקט דערויף, אַז אויך די יודען אין פּוילען האָבּען געמוזט פאַרנעמען אַ קלאָרע שטעלונג הן בּנוגע צו פּוילען, הן בּנוגע צום אייגענעם פאָלק. און אַזוי ווי די דאָזיגע פראַגען וועגען דער בּעציהונג צום אייגענעם פאָלק און צום לאַנד זײַנען אין פּוילען ניט אַוועקגעשטעלט אַבּסטראַקט־טעאָרעטיש, ווי בּײַ אונז, נאָר זיי זײַנען בּרענענדיגע פראַגען פון לעבּען, ווערט שוין בּמילא דער ענטפער אויף די פראַגען מעהר ווי אַ פּראָגראַם, מעהר ווי אַ שלאָגוואָרט, עס ווערט דאָס, וואָס מ׳רופט אָן, אפשר ניט גאַנץ פּינקטליך, „אידעאַל“.

און איבּער דעם פיהלט איהר טאַקע, גלײַך ווי איהר קומט קײַן פּוילען, דעם גרויסען חילוק צווישען רוסישען און פּוילישען יוד. דער רוסישער יוד האַלט דערהויפּט ניט פון „אידעאַלען“ אין וואָכעדיגען לעבּען. אידעאַלען בּעהאַלט ער אויף שבּת, און אין דער וואָכען קוקט ער אויף אַלץ „פּראַקטיש“ און פון דעם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט פאַרענטפערט ער אַלע לעבּענס־פראַגען. פּרוּבּט זאָגען אַ ווילנער בּעל־הבּית, וואָס שטעהט „שטאָל און אײַזען“ פאַר רוסיש, — אַז ער איז אַן „אַסימילאַטאָר“, וועט ער אייך פּשוט ניט פאַרשטעהן. פרעגט בּײַ אַ פּשוט׳ען יודען אין מינסק אָדער וויטעבּסק, צי איז ער אַ נאַציאָנאַלער יוד, וועט ער אַפילו ניט וויסען, וואָס איהר פרעגט איהם.

פּרוּבּט זאָגען אַ געוועזענעם עקסטערן און איצט אַ שרײַבּערל פון אַ קאָנטאָר אין בּערדיטשעוו, אַז דאָס, וואָס ער קנאַקט אויף רוסיש מיט אַלע „בּאַרישניעס“ און אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, וועט איהם אפשר גרינגער בּרענגען צו אַ שידוך, נאָר אַז ס׳הופּט אַרויס פאַרדראָס בּײַ דער אַרומיגער בּעפעלקערונג — און איהר וועט זעהן, אַז דער יונגערמאַן וועט אייך אָננעמען פאַר אַ משוגענעם.

אַ גאַנץ אַנדער בּילד זעהט איהר אין פּוילען.

רעדט איהר מיט אַן אַסימילאַטאָר, זעהט איהר, אַז דאָס איז אַ מענש מיט איבּערצײַגונגען, וואָס זײַנען אפשר אַ רעזולטאַט פון טיפע אינעווייניגסטע איבּערלעבּענישען, אַ מענש, וואָס ליבּע צו פּוילען איז בּײַ איהם ניט קיין פראַזע, נאָר אַ טיפער ערנסט, אפשר אַ טיפע אינעווייניגסטע טראַגעדיע. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען דעם ענטפער פון אַ יונגער אַסימילאַנטין פון זעהר אַן אָנגעזעהענער יודיש־אַריסטאָקראַטישער משפּחה אין פּלאָצק. איך האָבּ בּײַ איהר געפרעגט, ווי קאָן זי בּלײַבּען אַזוי פאַנאַטיש

די יודישע וועלט.

איבערגעגעבן דעם פּוילישען פֿאָלק, ווי קאָן זי מקריב זײַן פֿאַר איהם אַלץ, אַפֿילו די ווערדע פֿון יודישען פֿאָלק, די זעלבּסטווערדע, בשעת פֿאָלאַקען שטויסען זי אָפּ פֿון זיך, זיי ווילען גאָר ניט אָננעמען איהר גרויסען קרבן? זי האָט געענטפֿערט שטיל און טרויעריג:

— די ווערדע פֿון יודישען פֿאָלק בּין איך ניט מקריב, ווײַל צו איהם בּינדט מיך לחלוטין גאָרנישט: ניט די שפּראַך, ניט די קולטור, ניט דער לעבּענסשטייגער און ניט די אמונה; און אויבּ איך בּרענג מײַן אייגענע מענשענווערדע פֿאַר אַ קרבּן, דאַרף עס קיינעם ניט וואונדערן. איך בּין פֿאַרליבּט אין פּוילען, אָהן פּוילען קאָן איך ניט לעבּען, און, אויבּ דאָס פּוילישע פֿאָלק נעמט ניט אָן מײַן ליבּע, איז דאָס מײַן אומגליק, אָבּער וואָס איז מען ניט מוחל אַ געליבּטען?

וואָס מעהר איהר וועט טראַכטען איבּער די דאָזיגע ווערטער, אַלץ מעהר וועט איהר פֿאַרשטעהן, מיט וויפֿיל קעפּ העכער ס׳שטעהט די דאָזיגע אַסימילאַנטין פֿון אונזערער אַ קורסיסטין, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ בּרענענדיגער נאַציאָנאַליסטין, כאָטש זי רעדט ניט אויף יודיש, נאָר זי קאָן אויפ׳ן שפּי׳ן־מעסער העבּרעאיש און לעזט אַמאָל דעם „ראַזסוועט“ און פּרצ׳ן אויף רוסיש. וואָס פֿאַר אַן אויבּענאויפֿיגקײַט און פּוסטקײַט אין פֿאַרגלײַך מיט דעם טיפֿען ערנסט פֿון דער יונגער אַסימילאַנטין*.

רעדענדיג וועגען די פּוילישע אַסימילאַטאָרען און פֿאַרגלײַכענדיג זיי מיט אונזערע האַלבּ־אַסימילאַטאָרישע בּעלי־תשובה, וואָס שטעהען נאָך, סוף כל סוף, אויפ׳ן שיידוועג, פֿאַרגעסט מען אָפֿט איין זאַך, אַז אין פּוילען זײַנען די אַסימילאַטאָרען טאַקע דאָס רובֿ פֿאָלאַקען, יעדענפֿאַלס זײַנען דאָס די אַסימילאַטאָרישע מנהיגים , די „עליטע“ פֿון דער אַסימילאַטאָרישער געזעלשאַפֿט. אייגער אָדער דיקשטיין איז באמת מעהר פֿאָלאַק, איידער יוד, און אויבּ ער פֿיהלט אין זיך עפּעס סעמיטישעס, בּעמיהט ער זיך פֿון דעם פּטור צו ווערען, ווײַל איהם זײַנען די פֿאָלאַקען טײַערער, ווי אַריער, און ער וויל ניט, אַז דאָס פּויליש בּלוט זאָל פֿאַראומריינגט ווערען, אַז דער פּוילישער פֿאָלקסטיפּ זאָל אומגעענדערט ווערען, פּונקט אַזוי ווי דאָס חיל ניט דער „עכטער פֿאָלאַק“.

אונזערע יודען אָבּער פֿון איישישאָק און בּערדיטשעוו, ווען אַפֿילו

דער גורל פאַרוואַרפט זיי אין די הויפּטשטעט און דערהויבט זיי ביז צו דער מדרגה פון כּלל־פאַרזאָרגער, בלײַבען זיי אין תּוך די אייגענע ידען, רעדען אויסגעצייכענט יודיש, אַ סך בעסער ווי רוסיש, און האָבען אַ „יודיש האַרץ", ניט נאָר יודיש בלוט, און אויב זיי דערוויטערן זיך פון יודיש, איז עס נאָר, ווײַל זיי זײַנען גרויסע פּראַקטיקער און ווילען ניט, אַז די אומגליקליכע מאַסע, וואָס רק זיי טוען פאַר איהר זאָרגען, זאָל ניט בלײַבען חלילה אָהן „קולטור". אַסימילאַטאָרען זײַנען זיי נאָר אין פּרינציפּ, אָבער אַסימילירט מיט דער רוסישער קולטור, דורכגעדרונגען מיט דעם רוסישען גײַסט זײַנען זיי ניט. און דאָס איז, אַגב, גאָר קיין חידוש ניט, ווײַל אונזערע כּלל־טוער שטאַמען דאָך כּמעט אַלע פון תּחום, ד. ה. פון ליטע, ווײַסרוסלאַנד, אוקראַאינע, וואו די גרויס־רוסישע שפּראַך און גרויס־רוסישע קולטור הערשט נאָר אין דעם אָפיציעלען לעבען, און ניט אין דעם פאָלקסלעבען. אַסימילירען זיך באמת קאָן מען אָבער נאָר מיט אַ פאָלקס־קולטור.

איך האָב געהאַלטען פאַר נויטיג לענגער דערויף זיך אָבצושטעלען, ווײַל צו אָפט קומט אויס זיך טרעפען מיט אַזאַ מין ניט־פאַרשטעהן די אידעאָלאָגיע פון די פוילישע אַסימילאַטאָרען, וואָס ברענגט נאָר שאָדען אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

מיר זעהען, אויף אַזאַ אופן, בײַ די אַסימילאַטאָרען אין פוילען אַ גאַנץ קלאָרען „אידעאַל": דאָס איז פוילען. פוילען איז בײַ זיי אַן אָבגאָט, וואָס פאַר איהם זײַנען זיי גרייט מקריב זײַן אַלץ: זייער ווערדע און דאָס יודישע פאָלק, וואָס זיי בעטראַכטען עס ניט ווי זייערס, נאָר ווי אַ פרעמדס. ס'איז קלאָר, אַז אַ גרופּע מיט אַזאַ מין אידעאַל, וואָס איז דירעקט פײַנדליך דעם יודישען פאָלק, מוז פיהרען אַ קאַמף מיט אַלע די גרופּעס, וואָס האַלטען זיך ווי יודען און שטרעבען אויפצוהאַלטען דעם קיום פון יודען אַלס פאָלק.

זעהט איהר אָבער אין פוילען אַ מאָדנע ערשײַנונג. אַן אַסימילאַטאָר, וואָס פיהרט זײַנע קינדער צום שמד, ווײַל ער וויל זיי בעפרײַען פון דעם לעצטען צוים, וואָס שטערט דער צונויפגיסונג מיט דעם פוילישען פאָלק, אַן אַסימילאַטאָר, וואָס זוכט אַ חתן פאַר זײַן טאָכטער דווקא צווישען די געפאַלענע פוילישע מאַגנאַטען, רעדט זיך צונויף כּמעט אין אַלע געזעלשאַפטליכע פראַגען מיט אַ מקורב פונ'ם גרערער הויף, אַן איבערגעגעבענעם חסיד, וואָס די יודישע אמונה איז בײַ איהם בלי ספק אַן ערנסטער אידעאַל.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

דאָס דערקלערט זיך גאַנץ פּשוט דערמיט, וואָס דער חסיד אין פוילען איז אויך אינגאַנצען ניט געראָטען אין דעם וואָלינער חסיד. דער חסיד אין פוילען איז אַ מענש מיט אַ קלאָרער שטעלונג אין געזעלשאַפטליכע פראַגען.

איך האָב איינמאָל געהערט אַ געשפּרעך פון איינעם פון די „זײַלען" פון דער חסידישער „פּאַרטיי" (אַגב אַ בעגריף, וואָס קאָן בײַ אונז בנוגע

צו חסידים גאָר ניט געמאָלט זײַן), אַן אַלטען יודען מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע. ער איז געשטאַנען, האַלטענדיג די האַנט בײַם האַרצען און גערעדט אַ רעכט יודישליכען פּויליש:

— איך בין אַ פּאָלאַק. איך בין אַ יוד לויט מײַן אמונה, לויט מײַן בּעוואוסטזײַן בין איך אָבער אַ פּאָלאַק, נאָך פון מײַנע עלטער-זיידעס: „יעסטעם פּאָלאַקעם אָד פּראַדזיאַדקוב“...

ס'האָבען מיך די ווערטער ווענינ געריהרט, ווײַל דער אַלטיטשקער וואָלט געמעגט שווערען בײַ אַלץ, וואָס איז איהם הייליג, אַז ער איז אַ פּאָלאַק, וואָלט איהם פּאָרט קיינער ניט געגלויבּט.

ס'איז מיר אָבער אויסגעקומען צו הערען פון אַ גאַנץ גרויסען מקורב פון געדער הויף האַרבּע ווערטער, אָהן פאַלשער לעבּערליכער רעטאָריק, וועלכע האָבען אויף מיר שוין געמאַכט טאַקע גאָר אַ גרויסען רושם. מ'האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, פאַר וואָס דער גערער הויף שטיצט די אַסימילאַטאָרען און ניט די נאַציאָנאַלע יודען.

— דער קיום האומה — האָט מען מיר געזאָגט — אָהן דער אמונה איז אוממעגליך. די נאַציאָנאַלע יודען ווילען פאַרבּײַטען די אמונה אויף העבּרעאיש אָדער יודיש, פאַר דעם קיום האמונה זאָרגען זיי אָבער ניט. די אַסימילאַטאָרען ווילען זיך אַלע שמד'ן — זײַנען זיי אָפענע שונאים פון אונזער אמונה, און זײַנען דעריבּער ניט געפעהרליך; די נאַציאָנאַלע יודען זײַנען פאַרבּאָרגענע שונאים און זײַנען אַ סך געפעהרליכער.

אַזוי קלאָר און דײַטליך האָט פאָרמולירט אַזאַ, דאַכט זיך, פאַרפלאָנטערטען ענין אַ יוד אין אַ שטרײַמעל און מיט געקרײַזעלטע לאַנגע פּאות.

דער דאָזיגער יוד האָט אַ אידעאַל: די יודישע אמונה; פאַר איהר איז ער כּסדר גרייט מקריב זײַן אַלץ, זײַן פּערזענליכע זעלבּסטווערדע, דעם כּבוד פון פאָלק — און די גרייטקײַט זײַנע צו גרויסע קרבּנות מאַכט איהם פאַר אַ חבר מיט דעם אַסימילאַטאָר, זיי קעמפען בשותפות קעגען די נאַציאָנאַלע יודען, וואָס זײַנען פאַר בּיידע גלײַך געפעהרליך, הגם מחמת גאַנץ פאַרשיידענע טעמים.

אַסימילאַטאָרען און חסידים געהערען צו דער אַלטער וועלט, צו דעם פאַרצײַטיגען פּוילען, וואו ס'זײַנען געווען נאָר יודישע פּריצים און רײַכע סוחרים פון איין זײַט, און אַ פינסטערע מאַסע בּעלי-מלאכות, קרעטשמער, הענדלער פון דער צווייטער. די בּיידע גרופּעס געהערען צו דעם פּוילען, וואו ס'האָט געהערשט דאָס שטעטעל און דער דאָרף. די גרויסע שטאָט האָט אָבער אַרײַנגעטראָגען אַ נײַעם שטראָם אין'ם פּויליש-יודישען לעבּען, ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נײַער דור, דער גרויסשטעטישער בּעל-מלאכה, דער אַרבּייטער, דער האַלבּ-אינטעליגענטער אָנגעשטעלטער; ס'איז אויסגעוואַקסען אַ נײַע אינטעליגענץ, די גרויסשטאָט האָט איך צוגעצויגען

כל המינים יודען פון תּהום. וואָס פאַר אַן אָרט האָבען די דאָזיגע נײַע עלעמענטען פאַרנומען אין דעם יודישען קיבוץ אין פוילען? ווי בעציהען זיי זיך צום יודישען פאָלק און צום לאַנד, וואו זיי וואוינען?

מ׳מוז פון אָנהויב אָן בעמערקען, אַז אויב די אַסימילאַטאָריש־חסידישע „קולטור־וועלט“ איז אינגאַנצען קלאָר, ווײַל זי איז און בלײַבט אומפאַר־ענדערט שוין מכּמה דורות, ווײַל זי איז ווי פאַרגליווערט, — האָבען זיך די נײַע שטרעמונגען, וואָס האָבען געלאָזט טיפע וואָרצלען אין דער גרויס־שטאָט, נאָך ניט צונויפגעגאָסען אין איין גרויסען בריטען שטראָם. דאָס זײַנען וואַסערלעך, וואָס שפּריצען אַרויס פון פאַרשיידענע קוואַלען, און ס׳לאָזט זיך דערווײַל נאָך ניט פאָראויסזעהען אויף זיכער, צי וועלען זיי זיך אַלע צונויפגיסען אין איין מעכטיגען קולטור־שטראָם, און צי וועלען די אַלע וואַסערלעך בעווײַזען ניט אויסגעטריקענט צו ווערען פאַר דער צײַט.

דערפאַר וועל איך ניט פּרובען זיך אָבשטעלען אויף די נײַע שטרע־מונגען אין זייער פילפאַרשיידענקײַט און וועל דאָ נאָר אָנמערקען דעם צד השוה פון צוויי ריכטונגען אין דעם פויליש־יודישען קולטור־לעבען.

איך וועל אָנהויבען פון דער גרופּע, וועלכע רופט זיך אַליין אָן — „נאַציאָנאַלע“ יודען.

וואָס איז אַזוינס אַ „נאַציאָנאַלער“ יוד אין פוילען — אויף דעם איז שווער צו ענטפערן קלאָר און בעשטימט. איהר געפינט צווישען די נאַציאָ־נאַלע יודען אַן אָנגעקומענעם „ליטוואַק“. די ערשטע צײַט קנאַקט ער אומעטום אין שטוב און אויפ׳ן גאַס רוסיש, ווײַל וואָס איז, — דעם פּאָ־לאַק שטעהט נישט אָן? הערט ער איהם פאַר אַ דרײַער, ווי ער האָט גע־הערט פאַר אַ דרײַער די ליטווינער אין ווילנע אָדער די אוקראַאינער אין פּאָלטאַווע. דערנאָך, אַז ער ווערט אַ שטיקעל תּושב, הויבט ער אָן, אַ ביסעל צוליב תּכלית און געשעפט און דער עיקר צוליב „פּאָליטיק“, אַרײַנ־פיהרען אין שטוב פויליש, און אויפ׳ן גאַס און אויף פאַרזאַמלונגען שעמט ער זיך שוין רעדען רוסיש און רעדט דערפאַר... יודיש, ווײַל פויליש קען ער נאָך ניט.

איהר טרעפט צווישען דער גרופּע ניט ווייניג אויך פוילישע יודען: אַן אויפגעקומענעם גביר, וואָס איז אין האַרצען אַ פּשוטער יוד און קאָן גיט צוזעהן די עולות פון די פּאָלאַקען און פון די אַסימילאַטאָרען. ער רעדט פויליש, ער שעמט זיך ניט מיט יודיש, דער עיקר אָבער געפעלט איהם דער געדאַנק פון אַן אייגען לאַנד מיט אַן אייגענער שטאָלצער שפּראַך, ווי בײַ לײַטען, ווי בײַ די פּאָלאַקען. דערפאַר איז ער אַ פאַנאַטישער ציוניסט און העבראַיסט, ער האָט אָבער גרויס דרך ארץ פאַר דער פוילישער קול־טור און פוילישער שפּראַך. אַליין רעדט ער אָפט יודיש, נאָר גערנער אין דער עפענטליכקײַט רעדט ער פויליש, און רעדט אַגב גאַנץ שיין; די קינדער אָבער ערציהט ער שוין נאָר אויף פויליש און העבראַיש; צו

יודיש איז ער אין בעסטען פאַל גלייכגילטיג; נאָר איז ער אַ מענש מיט אַ שטיקעל טעמפּעראַמענט און ניט זעהר קיין אויסגערעכענטער, הודפ'ט ער יודיש.

געוועזענע, האַלבּע אַסימילאַטאָרען און געוועזענע חסידים, קורץ און לאַנג געקליידטע, געפינט איהר אויך אין דער גרופּע.

וואָס זשע פאַר אַ „אידעאַל“ פאַראייניגט די דאָזיגע גרופּע? בנוגע צו איהר קאָן מען כמעט ניט געברויכען דאָס וואָרט „אידעאַל“. דער „ליט-וואַק“ האָט אַריינגעטראָגען אין דער גרופּע זיין שמאָלען „פּראַקטיציזם“ און אַ ביסעל זעלבּסטוועררדע, דער פּוילישער יוד אַ ביסעל ראָמאַנטיזם, דערפאַר אָבער אויך אַ היפּש ביסעל פון דעם טראַדיציאָנעלען פּויליש-יודישען מה-יפית; קיין אידעאַל קאָן פון אַזאַ מישמאַש ניט געשאַפען ווערען, און דערפאַר צייכענט זיך טאַקע די גרופּע אויס ניט מיט איהר פּאָזיטיווער שטעלונג צו געוויסע פראַגען, נאָר מיט איהר נעגאַטיווער שטעלונג צו אַנדערע גרופּעס. און ווען מ'זאָל מיך פרעגען, וואָס איז דער אידעאַל פון די „נאַציאָנאַלע“ יודען, וואָלט איך געענטפערט, אַז זייער אידעאַל הייסט ז י מ ח ו י ך לפוילען. און ווען מ'וואָלט מיך פרעגען, וואָס זשע ווילען זיי, צו האָט שטרעבען זיי אין פוילען, — וואָלט איך נאָר געקאָנט ענטפערן, אַז זיי ווילען ניט, זייערע קינדער זאָלען זיך שמד'ן, ווי דאָס ווילען די אַסימילאַטאָרען, זיי ווילען, פאַרקערט, זייערע קינדער זאָלען זיין „גוטע יודען“, ד. ה. זיי זאָלען רעדען העברעאיש און זיין בע'הבינ'ט אין „יודישען וויסען“. זיי ווילען ניט, דער יודישער מסחר אין פּוילען זאָל אונטערגעהן (די אַסימילאַטאָרען, וואָס זיינען, אַגב, דאָס רוב באַנקירען און גרויס-אינדוסטריעלער און פאַרנעמען אין ווירטשאַפטליכען לעבען אַ גאַנץ זיכערע פּאָזיציע, בעווילליגען דעם קרבן אויך), — זיי ווילען עס ניט, ווייל זיי זיינען דאָס רוב אַליין סוחרים. זיי האַלטען נישט שטאַרק פון יודיש, ווייל דאָס איז דאָך די שפּראַך פון המון, וואָס זיי שטעהען העכער פאַר איהם, אָבער פאַר „נאַציאָנאַלע“ רעכט, פאַר „אָנערקענען די יודישע נאַציע“ סתם אין דער וועלט אַריין שטעהען זיי פעלזענפעסט. אמת, זיי זיינען גרייט צו געהן אויף הנחות און האָבען ליב מאַכען „קאָמפּראָמיסען“, טרייבען פּאָליטיק און דערביי חנפ'נען זיך אונטער אַ ביסעל צו די דעמאָקראַטען — פּאָרט עפּעס יודען, כאָטש „יודישיסטען“, און אַ ביסעל צו די אַסימילאַטאָרען — פּאָרט עפּעס געשטעלטע, „אָנגעזעהענע“ מענשען, וואָס מ'קאָן זיי ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנט, און אַ רעכט ביסעל צו די חסידים — אָבער דאָס שוין נאָר מחמת דעם, וואָס זיי האַלטען פאַר אַ גרויסער עולה, אַז חסידים — פרומע יודען זאָלען אונטערהאַלטען מענשען, וואָס „פיהרען צום שמד“...

אַן אויסגעדראָשענע פראַזע במקום „אידעאַל“ — דאָס איז סוף כל סוף דאָס, וואָס די „נאַציאָנאַלע“ יודען פאַרמאָגען.

איז אָבער פאַראַן אין פוילען נאָך אַ גרופּע. דאָס זײַנען סתּם יודען, ניט אַסימילאַטאָרען און ניט חסידים, און ניט „נאַציאָנאַלע“ יודען; מ'הערט זיי זעלטען, נאָר מ'פיהלט זיי אין פוילען אין אַלע ערנסטע מאָמענטען פון יודישען לעבען, בײַ יעדער געלעגענהײַט, ווען דאָס פאָלק טרעט אַרויס אויף דעם איבערפלאַך. ווער זײַנען זיי?

דאָס זײַנען די צעהנדליגער טויזענטער, וואָס זײַנען ערשט דאָ ניט לאַנג נאָכגעגאַנגען נאָך פּרצ'ס לויה, און וואָס האָבען אין פּרצ'ן מעהר געשעצט דעם פאָלקס-רעדנער, דעם לעקטאָר, ווי דעם שרײַבער; דאָס זײַנען געווען אין „יענע יאָהרען“ די, וואָס פלעגען פאַרפלייצען די יודישע גאַסען אַרום דזיקאַ און וואָס האָבען דעמאָלט אויף דער גאַס געשמידט זייער בירגערגעפיהל און זײַנען אויך דעמאָלט געוואָרען אויף לעבען און טויט געטרײַע פרײַנד פון יודיש, ווײַל אויף יודיש האָבען זיי בעקומען די מעגליכקײַט צו בענעמען אַ נײַעם וועלט-אידעאַל, צו ווערען קולטור-מענשען. דאָס זײַנען די אומצעהליגע לעזער פון די יודישע ביבליאָטעקען, דאָס זײַנען די אינטעליגענטע לעזער און פרײַנד פון די יודישע ביכער און זשורנאַלען, דאָס זײַנען די יודישע פיהרערס פון לײַה- און- שפּאָר-קאַסעס, דאָס זײַנען די פיהרער פון פּראָפעסיאָנעלע און קאָנסום-פאַראייגען, פון ליטעראַרישע געזעלשאַפטען און פון האַנדווערקער-קלובען.

אין צאָהל זײַנען זיי גרויס. אין דער גרויסשטאָט שפּילען זיי אַ ראָלע. זעהן זעהט מען זיי אָבער נאָר דעמאָלט, ווען ס'געלינגט זיי צו בעווײַזען זיך אויף דעם איבערפלאַך פון געזעלשאַפטליכען לעבען.

וואָס איז זייער אידעאַל? די, וואָס בילדען דעם גײַסטיגען קערן פון דער גרופּע, האָבען אַ ברייטען און ליכטיגען אידעאַל, פאַר וועלכען זיי זײַנען זיך אויך שטענדיג גרייט מקריב זײַן. די גרופּע אין גאַנצען האָט אָבער אויך אַ אידעאַל. מענשענווערדע, זעלבסטווערדע — דאָס איז איהר אידעאַל; און בנוגע צו פוילען און צום יודישען פאָלק הייסט דאָס: אַכטונג צום לאַנד, צום פוילישען פאָלק און צו זײַן שפּראַך, צו זײַנע שטרעבונגען, אָבער אַכטונג אויך צום אייגענעם פאָלק און צו דער אייגענער שפּראַך, אַ שטרעבונג צו זײַן בירגער פון לאַנד גלײַך מיט אַלע אין אַליך און אומעטום. אויב יודיש איז אַמאָל דאָס שלאַגוואָרט פון דער גרופּע, איז דאָס דערפאַר, ווײַל אין קאַמף פאַר גלײַכע רעכט פאַר יודיש אין עפענטליכען לעבען און אין דער שולע דריקט זיך צום בולט'סטען אויס די שטרעבונג צו פולער גלײַכבערעכטיגונג און דאָס געפיהל פון מענשענווערדע.

קומט אויס, אַז מיר האָבען אין פוילען פיר גרופּעס מיט פיר „אידעאַלען“? און אפשר גאָר פינף. די לעצטע צײַט האָבען בעוויזען סימנים פון לעבען יונגע אַסימילאַטאָרען, ווי מ'רופט זיי, נעאָ-אַסימילאַטאָרען. די פרובען נאָך אָנטאַפּען אַן אייגענעם וועג, זיי זוכען נאָך אַ „אידעאַל“, אפשר וועלען זיי נאָך שאַפען אַ פינפטען „אידעאַל“?

די יודישע וועלט.

קוקט איהר זיך נעהענטער צו צו אַט די אַלע קולטור־שטרעמונגען אין פּויליש־יודישען קיבוץ, זעהט איהר אָבער, אַז איהר האָט צו טון אין תּוך נאָר מיט צוויי אידעאַלען, מיט צוויי קולטור־וועלטען, װאָס פֿיהרען אַ פֿאַרבּיטערטען קאַמף קעגען אַנאַנד. די אַסימילאַטאָריש־חסידישע אַלט־פֿרענקישע קולטור־וועלט — פֿון איין זײַט, און די נײַע גרויסשטעטישע קולטור־וועלט — פֿון דער אַנדערער. דאָס זײַנען צוויי גרויסע מעכטיגע שטראָמען, און יעדעס װאַסערל, פֿון װאָס פֿאַר אַ קוואַל עס זאָל ניט אַרויסרינען, מוז אָדער אויסגעטריקענט װערען אָדער צונויפֿגיסען זיך מיט איינעם פֿון די שטראָמען.

װער פֿון די בּיידע שטראָמען איז שטאַרקער?

שטאַרקער, פֿעסטער, געשלאָסענער איז אפשר איצט נאָך די אַלטע אַסימילאַטאָריש־חסידישע וועלט. זי שטיצט זיך אויף דער שרעקליכער אָבּגעשטאַנענקײַט פֿון דעם פּוילישען שטעטעל.

די אָבּגעשטאַנענקײַט איז מורא'דיג. אין אַ שטעטעל אין לובּלינער גובּערניע האָבּען זיך אַלע יודען מיט'ן רבֿ בּראש אָבּגעזאָגט צו שטעלען פּאָקען. נאָך שטאַרקער איז די מאַכט פֿון מיטעלאַלטער.

מיר איז אויסגעקומען צו זײַן אין אַ שטעטעל אין לובּלינער גובּערניע, װאָס איז אינגאַנצען חרובֿ געמאַכט געוואָרען דורך די עסטרײַכער. דאָס שטעטעל האָט אויסגעזעהן, װי אַ בּית־עולם, און די קוימענס פֿון די אָבּגעבּרענטע הײַזער װי מצבֿות. יודען האָבּען זיך געוואַלגערט אין בּלאָטיגע גריבּער און אין צוויי—דרײַ הײַזלעך, װאָס זײַנען על פּי נס פֿאַרבּליבּען גאַנץ, דער בּית־המדרש, די בּאָד — אַלץ האָבּען די עסטרײַכער אונטערגעצונדען בּײַם פֿאַרלאָזען דאָס שטעטעל. דערצעהלט אַ יוד פֿון די שרעקליכע טעג, װאָס דאָס שטעטעל האָט איבּערגעלעבּט.

— פֿיר טעג זײַנען מיר געלעגען אין די קעלערס, ניט געגעסען, ניט געטרונקען. גראַנאַטען זײַנען געפֿלויגען איבּער די קעפּ... האָט איינער געפּרובּט אַרויסקריכען נאָך װאַסער, האָט איהם גלײַך אַ גראַנאַטע געטראָפֿען.... פֿרײַטאָג האָט מען ניט געקאָנט מאַכען קידוש: האָט דער רבֿ געקראָגען אַ חלה, געמאַכט קידוש פֿאַר דער גאַנצער קהלה, און דער שמש האָט בּײַנאַכט קריכענדיג צעטראָגען איבּער אַלע קעלערס צו שטיקלעך חלה. און װײַטער דערצעהלט ער, װי מ'איז אַרויס פֿון די קעלערס, װען דער פֿײַער האָט זיך איבּערגעטראָגען אונטער די שטאָט, און װי מ'האָט געמוזט צוזעהן די אַכזריות פֿון די עסטרײַכער, װאָס האָבּען דאָס שטעטעל פֿון פֿיר זײַטען אונטערגעצונדען, און זאָגט װידער:

— דעם בּית־המדרש האָבּען מיר כאָטש געוואָלט ראַטעווען, די ספֿרים אַרויסכאַפּען פֿון פֿײַער — האָבּען זיי מיט די בּיקסען געסטראַשעט און ניט געלאָזט. — און איצט, גיט ער צו, זעהט איהר, װי מיר זעהען אויס אָהן

בית־מדרש, ניטאָ וואו צונויפקומען זיך, ניטאָ אַפילו, וואו אָן עצה זיך האַלטען, ניטאָ גאָרניט!

און ער דערצעהלט איך פון נאָך ערגערע צרות, ווי מ'האָט פון שטעטעל געטריבען, וויבער געפּייניגט, ווי אַלט און יונג האָבען זיך אין דער פינסטערער נאַכט איבער ברייטע בלאָטיגע וועגען געשלעפּט, און איהר בעמערקט, אַז רעדען רעדט ער דערפון אָהן צאָרן און כמעט אָהן וועהטאָג, מיט עפּעס אַ מאָדנעם עפּישען טאָן. און פּלוצלונג קומט איך אַ געדאַנק, אַז דער דאָזיגער יוד, וואָס אָהן דעם בית־המדרש איז פאַר איהם „גאָרניט ניטאָ", וואָס איז גרייט איינשטעלען דאָס לעבען, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון קידוש, איז מיט אַן אייזערנער קייט צוגעבונדען צום מיטעלאַלטער. ער לעבט נאָך אינגאַנצען אין דער וועלט פון אינקוויזיציע, ווען מ'האָט פאַר דער אמונה איפ'ן פייער געברענט, אין דער וועלט פון גרויסע און בייזע מלחמות, ווען מ'האָט פרויען געפּייניגט און קינדער געקוילעט...! און אפשר פיהלט ער גאָר ניט דערפאַר אַזוי שטאַרק די גאַנצע גרויזאַמקייט פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט?

אין דער פאַרגליווערטקייט, אין דער אייזערנער קייט ליגט אַ קאָלאָסאַלער כח.

ווער וועט מנצח זיין? דאָס אַלטע צי דאָס נייע?

דאָס אַלטע קאָן גאָר דאַן אָבטרעטען זיין אָרט, ווען ס'וועט געשאַפען ווערען דאָס נייע. דערוויל זיינען פאַראַן אין פוילען נאָר די אַלטע פאָרמען פון דעם יודישען קהל־לעבען — דער סימבאָל פון דעם אַלטען איז — דער בית־המדרש; די נייע פאָרם פון אַ פרייער קהלה, וואָס לעבט מיט דעם מאָדערנעם קולטור־לעבען האָט זיך ערשט אָנגעהויבען צו שאַפען. און כל זמן זי וועט ניט געשאַפען ווערען, וועט דער בית־המדרש בלייבען דער צענטער פון קהל־לעבען.

די נייע פאָרמען וועלען סוף כל סוף מנצח זיין. אָבער דאָס וועט געדויערן לאַנג, און דאָס פאָדערט אַ גרויסע אַרבייט.

אפשר וועט דער סימבאָל פון דעם נייעם פוילישען יודענטום ווערען דער פריידענקער און גרויסער יוד, י. ל. פּרץ? אפשר וועט זיין נאָמען ווערען די פאָן? דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער דענקמאָל אויף זיין קבר.

ליכט און שאטען.

פּרץ איז געשטאָרבען—לעבען זאָל פּרץ! —

א שטים פון א לעהרער.—י. ל. קאַנטאָר.

פּרץ איז געשטאָרבען—לעבען זאַל פּרץ!

פּרץ האָט ניט „שטיל געלעבּט“ און איז ניט „שטיל געשטאָרבען“. מיט אַן אינעװײניגסטען ציטער, מיט אַ װעה־געשריי האָט זיך אָפּגערופען אויף אָט דעם פּלוצלינגדיגען האַרץ־שלאַג דאָס יודישע פאָלק, זײַן גאַנצער אָרגאַניזם, אַלע געזונטע אבֿרים זײַנע, — פון װאַרשע ביז ניו־יאָרק, פון אײשישאָק ביז דער פאַרװאָרפענסטער יודישער סטודענטען־קאָלאָניע אין דער שװייץ, ביז אין די מיליטער־לאַזאַרעטען, ביז אין די קאַלטע פֿײַכטע טראַנשײען, װאו עס לעבען און לײַדען יודישע קינדער... פּרץ איז צװישען די יודישע שרײַבער, צװישען אָט די „גאַנצע שװײַגס“—דער ערשטער, װאָס זײַן טויט האָט אַ רושם געמאַכט אויף דער װעלט! דער פּלוצלונגדיגער אָפּשטעל פון אָט דעם אימפּעט, װאָס האָט אויף זיך געטראָגען דעם נאָמען פּרץ, האָט אונז אַלעמען אַזױװי אַ שטופּ געטאָן מיט אַ האַסטיגקײַט צוריק, צום לעבעדיגען פּרץ׳ן, און מיר האָבען דערפֿילט אַ דאָרשט אױפצוהאַלטען, אויפצוהיטען אָט דאָס בלומיגע לעבען.

אונז איז קלאָר געװאָרען, אַז דער אױסענװײניגסטער טויט פּרץ׳ס דאַרף זײַן אַן עטאַפּ, ניט די לעצטע סטאַנציע אויפ׳ן װעג פון זײַן װאַנדערונג, דאַרף זײַן אַ מיטען־, ניט קײן שלוס־רינג אין דער קייט פון זײַנע צילען.

אונז איז קלאָר געװאָרען, אַז פּרץ׳ס לעבען דאַרף װײַטער געלעבּט װערען, אַז פּרץ׳ס פּאָן דאַרף איבער אונזערע קעפּ װײהען, אונז מוט געבען, און ניט אין מודיי ליגען, װי אַ הייליגע, אָבער אַן אונניצליכע שמ״ע.

װי זאָל עס אָבער דערגרייכט װערען? מיט װאָסערע װעגען זאָלען מיר געהן צו אָט דעם ציל?

מיט אַלע װעגען — מוז זײַן דער ענטפער. אויף אַלע װעגען פון אונזער לעבען אין שאַפען דאַרפען זײַלען שטעהן, און אויף זיי — די מונטערע רופענדיגע אױפשריפט: פּרץ. בעװעגונג איז געװען דאָס ערדישע לעבען פּרץ׳ס — און אויך זײַן אײביג לעבען דאַרף זײַן — אין בעװעגונג און אײביגער בענײַאונג. מען װיל פאַר זײַן שכינה בויען ערגעץ װאו אַ קדש־קדשים, אַ הייליגען רוה־טעמפּעל — זאָל מען בויען! אָבער װיסען זאָל מען, אַז זײַן גײַסט איז נישט צו רוה געבױרען, װיסען זאָל מען, אַז דער שכינה זײַנער װעט ענג זײַן און אומעטיג אינ׳ם גאָלדענעם שטײַגעל, זי װעט פון דאָרט אַװעק און מיט אינז אינאײנעם װאָגלען און װאַנדערן...

פּראָמעטעאוס לײַדט ניט אַזוי פֿונ׳ם רויב־פֿויגעל, וואָס עסט איהם די „איַנגעווייד", ווי פֿונ׳ם צוגעשמידט זײַן צום האַרטען פעלז. לאָזט פּראָמעטעאוס׳ן פרײַ אומגעהן און שפּרייטען צווישען מענשען די געטער־פֿונקען! לאָזט אונז אַרײַננעמען פּרצ׳ן אינ׳ם קרײַז פֿון אונזער לעבעדיגער אַרבּייט! דאָס הייסט: ניט נאָר ערגעץ־וואו אויף אַ מאָנומענט זאָל אויסגעקריצט זײַן דער נאָמען פּרץ, נאָר אומעטום, וואו עס טוט זיך אַן אַרבּייט פֿאַר׳ן פֿאָלק, פֿאַר דער קולטור פֿונ׳ם פֿאָלק, זאָלען די דרײַ ענערגישע בוכשטאַבען פֿון זײַן נאָמען זײַן די עמבלעם, דער פּאַראָל.

אויסגעטײַטשט: פּרצ׳ס נאָמען זאָל פֿאַרבּונדען ווערען ניט מיט אַ זאַך, וואָס ווערט בּעשאַפֿען איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל — און יוצא! נאָר מיט אַן ענין, וואָס האַלט שטענדיג אין ווערען, אין בּענײַען זיך.

נאָך קאָנקרעטער און פּראָזאַאישער: עס זאָל ניט איין מאָל אויפֿגעקליבּען ווערען אַ סומע, וואָס זאָל אונז געבּען די מעגליכקײַט צו שאַפֿען איין בּעשטימטע פּאַראייבּיגונגס־פֿאָרם, וואָס מיר ווילען געפֿינען פּאַסיג, נאָר עס זאָל געשאַפֿען ווערען אַן אָרגאַניזאַציע, אַ שטענדיגע אַנשטאַלט, וואָס זאָל ניט אויפֿהערען צו זוכען מיטלען אויף ווײַטער צו פֿיהרען אָהן אויפֿהער די אַרבּייט אָדער, ווענינסטענס, אַ גרויסען טייל פֿון דער אַרבּייט, וואָס פּרץ אַליין האָט אָנגעהויבּען, און וואָס פּרצ׳ס נאָמען און גײַסט מוז אונז העלפֿען זי דערפֿיהרען בּיז צו די געוואונשענע רעזולטאַטען.

וואָס איז עס פֿאַר אַן אַרבּייט? ליטעראַטור? ניט בּלויז ליטעראַטור. פּרץ איז געווען מעהר ווי אַ געוועהנליכער שריפֿטשטעלער; ער איז געווען אַ קולטור־טוער. דורך ליטעראַטור האָט ער געוואָלט דערגרייכען ניט נאָר ריין ליטעראַרישע צוועקען: ליטעראַטור איז געווען פֿאַר איהם אַ וועג צו קולטור... „בּילדונג!" — דאָס איז פֿון אָנהויבּ אָן געווען דער צוועק, די פּראָגראַם פֿון זײַן ליטעראַרישען שאַפֿען. שוין אין אָנהויבּ אָבּער איז דער בּעגריף „בּילדונג" געווען בּײַ איהם בּרייטער, טיפֿער, ווי בּײַ אַנדערע משכּילים. שפּעטער איז עס נאָך בּרייטער און נאָך טיפֿער געוואָרען, בּיז עס איז צוזאַמענגעפאַלען מיטן בּעגריף קולטור־ענטוויקלונג. פּרץ האָט פֿאַרלאַנגט בּילדונג פֿאַר דער אינטעליגענץ, ניט נאָר פֿאַרן פֿאָלק, און — יודישע, ניט נאָר אַלגעמיינע בּילדונג. „חסידיש", וואָס איז געווען די „פֿינסטערניש" אַליין, איז בּײַ פּרצ׳ן געוואָרען אַ קוואַל פֿון ליכט; די פֿאָלקס־מעשׂיות, אָט די זאַבּאָבּאָנעס און אַבּערגלויבּענישען, זײַנען אונטער פּרצ׳ס פען געוואָרען אַ שטיק גײַסטיגע בּילדונג, אַ מאָראַלישע צוקונפֿטשטרעבּונג. פּרצ׳ס ליטעראַרישע פּראָגראַם, הזר איך נאָך אַמאָל איבּער, איז געווען ניט קיין קונסט־, נאָר אַ קולטור־פּראָגראַם... און אָט דאָס דאַרף זײַן אויך די פּראָגראַם פֿון די, וואָס ווילען פֿאַראייבּיגען

פּרצ'ס נאָמען און ווייטער פֿיהרען זיין אַרבייט. זיי מוזען שאַפֿען אַ שטענדיג זיך בעניַיענדיגען יודישען קולטור־פֿאָנד.

נאָר דאָס וואָרט קולטור איז צו ברייט, צו אומבעשטימט. יעדערער טייטשט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער. דאָס מוז פֿיהרען צו מחלוקת, און געוואונשען איז אַחדות. פּרצ'ס שאַפֿען איז אַזוי פֿילזייטיג, אַז יעדער צד געפֿינט אין איהם עפּעס אַזוינס, וואָס איהם איז ליב; אַפֿילו די, וואָס האָבען ניט בעקומען קיין ברכה פֿון פּרצ'ן, ווילען זיך ניט אָבזאָגען פֿון דער ירושה, וואָס איז פֿון איהם געבליבען: טאָר מען זיי ניט אָבשטויסען. אַרום פּרצ'ס נאָמען מוזען געזאַמעלט ווערען אַלע כּחות, אַלע ענערגיעס, וואָס מיר פֿאַרמאָגען. דערפֿאַר מוז מען פֿון דעם אומבעשטימטען קאָמפּלעקס ווערטען און צילען, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען קולטור, אַרויסנעמען, אויסטיילען יענע צילען און ווערטען, וואָס זיינען פֿאַר אַלעמען קלאָר און רופֿען ניט אַרויס קיין וויכטיגע חילוקי דעות: דאָס זיינען די ווערטען און די צילען, וואָס ליגען אינ'ם וואָרט פֿאָלקס־בילדונג. פֿאָלקסבילדונג — דאָס איז אַ זאַך, וואָס מוז פֿאַראייניגען אַלעמען, וועמען עס איז טייער דער נאָמען פּרץ. איז איינעם פֿרעמד די אַרבייט פֿון פֿאָלקס־בילדונג אינ'ם ברייטסטען זינען פֿונ'ם וואָרט — איז איהם פֿרעמד ניט דער אָדער יענער מאָמענט אין פּרצ'ס שאַפֿען, ניט דער אָדער יענער פֿאַזיס פֿון פּרצ'ס ענטוויקלונג, נאָר פּרץ אַליין: אַזאַ איינער האָט גיט צו טון צווישען די, וואָס פּרצ'ס נאָמען איז פֿאַר זיי אַ פֿאָן; מיט אַזאַ איינעם דאַרפֿען מיר זיך נישט רעכענען. די אָבער, וואָס דאַרפֿען ווערען צו דער אַרבייט צוגעצויגען, וועלען זיכער פֿיהלען די נאָהענטע גייסטיגע קרובֿ'עשאַפֿט, וואָס איז פֿאַראַן צווישען פּרצ'ן אין דער פֿאָלקס־בילדונגס־אַרבייט: פֿאַר זיי וועט עס זיין אַ פֿאַראייניגונגס־, ניט קיין צעשפּאַלטונגס לאָזונג.

אַגבֿ, פֿאָלקסבילדונג איז אַזאַ פֿאַרצווייגטע זאַך, עס זיינען פֿאַראַן אַזויפֿיל מיטלען צו בילדען דאָס פֿאָלק, אַז אין דער ערשטער צייט וועט זעהר ליכט זיין פֿון דעם גרויסען קטיל צילען און מיטלען, וואָס זיינען פֿאַרבונדען מיט דער פֿאָלקס־בילדונגס־אַרבייט, אויסטיילען יענע מיטלען און צילען, וואָס קאָנען אויפֿקלייבען און פֿאַראייניגען אַרום זיך דעם גרעסטען סכום כּחות. און טאָמער וועט זיך שפּעטער אָנהויבען אַ קאַמף אַרום דער אַרבייט, איז אויך אָהן בייז: פּרץ האָט פֿאַר קאַמף נישט מורא געהאַט. קאַמף איז לעבען: פּרץ איז אַליין געווען און געבליבען אַ קעמפֿער. דער עיקר איז, אַז עס זאָל זיין אַן אַרבייט ניט אויף אַ מאָמענט, נאָר אויף דורות, און אַז עס זאָל נישט פֿאַרגליווערט ווערען אויף איין פּינטעל און ניט פֿאַרשטיקט ווערען אין איין ווינקעל. וואָס פֿאַר אַ קאָנקרעטע פּראַקטישע אויפֿגאַבען פּרצ'ס פֿאָנד פֿאַר פֿאָלקס־בילדונג זאָל ניט שטעלען זיך אין דעם איצטיגען מאָמענט, בהסכּם מיט זיינע בעדערפֿענישען, —

ליכט און שאָטען.

מוזען די דאָזיגע אויפֿגאַבען האָבען אין זיך אַ טענדענץ פֿאַרמעהרט און פֿאַרטיפֿט צו ווערען, אַ טענדענץ פֿון לעבענסבעוועגליכקייט און אינעוויי־ניגסטער ענטוויקלונג, — יענע טענדענץ, וועלכע פּרץ אַליין האָט געטראָגען אין זיך. נאָר דאַן וועט עס זיין אַ זאַך, וואָס לעבט און שטרעבט און זוכט מיט אונז אינאיינעם, ד. ה. אַ זאַך, וואָס איז ווערט צו טראָגען אויף זיך פּרצ'ס נאָמען...

טויטע בלומען־קרענץ זיינען ניט קיין צירונג פֿאַר פּרצ'ן: אויף פּרצ'ס קבֿר מוזען וואַקסען בלומען...

אַ ווילנער.

די יודישע וועלט.

אַ שטים פון אַ לעהרער.

אין פעברואַר=בוך „די יוד. וועלט“ איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל פון אַ לעהרער, וואָס קאָן פאַרשאַפען פיל צער. דער מחבר ריהרט אָן אין זיין אַרטיקעל אַזאַ ערנסטע טעמע, אַז פאַרשוויַיגען זי איז ניט מעגליך. ער בעשולדיגט אונזער לעהרערשאַפט אין אָפּגעשטאַנענקייט, קראַנקהאַפטיגער אָפּגעלאָזענקייט און ניט=אָרגאַניזירטקייט. ביז איצט האָבען אונזערע לעהרער ניט געשאַפען ניט קיין אייגענעם אָרגאַן, ניט קיין לעהרער=אָרגאַניזאַציע, ניט קיין צוזאַמענפאָהר, ניט אַפילו קיין ביורא צו רעגולירען דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון דער לעהרערשער אַרבייט; די יודישע לעהרער האָבען ניט בעוויזען אפילו אַרויסצוגעבען פון זיך קיין איין טאַלאַנטפולען מענשען.

איך בין מודה, אַז אין איניגע פרטים איז טאַקע דער ה׳ לעהרער גערעכט, נאָר אין זיין אַרטיקעל איז ניט אָנגעוויזען די עיקר סיבה, פאַרוואָס אונזער לעהרערשאַפט געפינט זיך אין אַזאַ קלאָגעדיגען מצב. בעת מיר רעדען וועגען יודישען פאָלקס=לעהרער, דאַרפען מיר ניט פאַרגעסען אָן דער געשיכטע פון אונזער „פאָלקס=שולע“, וואָס עקסיסטירט שוין אַ האַלבען יאָהרהונדערט און וואָס האָט זיך ענטוויקעלט גאָר אין אַנדערע בעדינגונגען, ווי אַ שטייגער, די לעטישע פאָלקס=שולע, וואָס דער מחבר וויל זי שטעלען אונז פאַר אַ מוסטער. מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען אַז, אין תוך גערעדט, האָבען מיר נאָך כמעט ניט קיין פ אָ ל ק ס=שולע, אַז זי הויבט זיך ערשט אָן צו בעוויַיזען, נאָך מעהר — מיר האָבען נאָך ניט קיין י ו ד י ש ע ן לעהרער. די לעטען, ליטווינער, פאָלאַקען, רוסען — אַלע האָבען ז י י ע ר ע לעהרער, ז י י ע ר ע שולען, נאָר מיר יודען האָבען נאָך דערצו ניט דערלעבט. לערנענדיג מיט די קינדער אויף אַ שפּראַך, וואָס איז זיי פרעמד, אומפאַרשטאַנדליך, איז דער לעהרער אַ יודישער נאָר לויט זיין אמונה, ער איז אַ פ אָ ל ק ס=לעהרער נאָר לויט זיין אַטעסטאַט. ניט לויט זיין עצם מהות. די יודישע פאָלקס=שולע צייכענט זיך אויס נאָר מיט איהר שילד, מיט דעם, וואָס זי האַלט צוויי־ענדיגע ימים=טובים, איגענע און פרעמדע, לויט איהרע קלאַס=זשורנאַלען, וואו עס שטעהען פאַרשריבען די „יענקעלעך“, אָנשטאָט די „איוואַנס“ אָדער „יאַנס“; די דאָזיגע יענקעלעך וואָלטען גאָרנישט אָנגעוואָרען, ווען זייערע נעמען וואָלטען געשטאַנען אין די רייסטערס פון די אַלגעמיינע געמיינדע=שולען. דער יודישער לעהרער האָט קיין מאָל גאָרניט אַ טראַכט געטאָן, אַז די אָפיציעלע שולע אינאיינעם מיט׳ן חדר בילדען אַזאַ ערציהונגס=סיסטעם, וואָס איז אָפּגעריסען פון לעבען. כל זמן די יודישע געזעלשאַפט האָט נאָך ניט געהאַט אַוועקגעשטעלט ביי זיך די אינעווייניגסטע שול=פראַגע, כל זמן דער יידישער לעהרער איז נאָך ניט דערגאַנגען דעם פשוט׳ען אמת, אַז זיין

שולע קאָן גאָרנישט געבען די יעניגע, וואָס גאַרען נאָך אויפקלערונג און קולטור, האָט ער ניט געשפּירט קיין בעדערפעניש צו שאַפען אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. וויבאַלד, אַז דאָס אינעווייניגסטע לעבען פונ'ם לעהרער איז געווען פּוסט, אָהן וואָסערע עס איז שטרעבונגען און נאַציאָנאַלע צילען, איז ער גיך געגאַנגען רוהיג אויפ'ן אויסגעטראָטענעם וועג פון אַ מלוכה־בעאַמטען. אַזאַ לעהרער האָט ניט בעדאַרפט האָבען קיין אייגענעם אָרגאַן — די רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלען האָבען איהם פולקום בעפרידיגט; ער האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין ספּעציעלע בעלעטריסטיק: טשעכאָווס „מענש אין שיידעל" האָט איהם גאַנץ פיין אילוסטרירט; ער האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ: אין דער קרוינישער שול פלעגט איהם בעשטימען די קאַנצעלאַריע פונ'ם לערן־ראַיאָן. אַזאַ לעהרער האָט זיך אויך ניט געקאָנט פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטליכער אַרבייט. אַ לעהרער — אַ בעאַמטער, וואָס רעדט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, האָט זיך ניט געקאָנט צונויפרעדען מיט דער מאַסע. מיר רעדען ניט וועגען איינצעלנע פּערזאָנען, אָבער דער גרעסטער רוב פון די לעהרער, צי איבער אַסימילאַטאָרישע סברות אָדער מחמת קליינבירגערליכע פאָראורטיילען, האָט אויסגעמיטען דעם „אומגליקליכען זשאַרגאָן", און אויף אַזאַ אופן קאָן מען זאָגען, אַז ביז גאָר ניט לאַנג, ביז די יאָהרען 1906—08, זיינען גאָר קיין יודישע לעהרער ניט געווען בנמצא. פאַר דער קורצער צייט פון מיין לעהרערישער פּראַקטיק איז מיר אויסגעקומען צו זיין צווישען לעהרער — ליטווינער, פּאָלאַקען, לעטען, און קיינער פון זיי האָט זיך ניט פאַרהאַלטען מיט אַזאַ אונאויפמערקזאַמקייט צו דער אייגענער מוטער־שפּראַך, ווי אונזער קרוין־לעהרער. ווי מען זאָל זיך ניט בעציהען צום מלמד און צום אַלטמאָדישען „שרייבער", מוז מען מודה זיין, אַז זיי האָבען פאָרט געשפּילט אין אונזער לעבען אַ סך אַ גרעסערע ראָלע, ווי דער לעהרער פון די „קלאַסען".

אַן אמת'ער פאָלקס־לעהרער, וואָס פאַר איהם איז די מוטער־שפּראַך די איינציג מעגליכע למודים־שפּראַך אין דער שולע, האָט זיך בעוויזען ביי אונז גאָר ניט לאַנג, און מאַכען אָט דעם לעהרער וואָסערע עס איז פּראָוואָרפען איז לעת עתה נאָך צו פריה. אייב מען זאָל צוגעהן צו אָט דעם נייעם לעהרער, וואָס שטרעבט צו אַ שולע אויפ'ן „מיאוס'ען זשאַרגאָן", מיט דער מאָס פון ה' לעהרער, וועלען מיר שוין ניט קומען צו אַזעלכע טרויעריגע מסקנות. ווער עס האָט געלייענט מיט קאָפּ דעם „וועסטניק" פון די „מפיצי השכלה", דער האָט אַודאי בעמערקט, (ז. די אַרטיקלען פון די ה"ה וו. ש. קאַזדאַן, קושניר, שולמאַן, ס. לעוויטאַן און אַנד.), אַז די אינעווייניגסטע פראַגען פונ'ם שול־לעבען, וואָס האָבען ניט עקסיסטירט פאַר די קרוינישע לעהרער, רופען אַרויס איצט די שעפערישע כחות ביי די פעהיגערע לעהרער און פיהרען זיי צו ליטעראַרישער אַרבייט. פאַר־אַיאָהרען ווינטער האָט שוין געהאַלטען נאָהענט צום פאַרווירקליכט ווערען דער פּלאַן וועגען אַרויסגעבען

ליכט און שאָטען.

אַן אָרגאַן פאַר לעהרער אויף יודיש, נאָר די קריגס-געשעהענישען האָבען עס פאַרהאַלטען. ווער עס איז די לעצטע צייט געווען אויף לעהרער-בעראַטונגען, ווער עס האָט געאַרבייט אין אונזער אָרעמער און פאַרשטויסענער פּראָווינץ, דעם איז בעוואוסט יענע בעלעבונג, וואָס די נייע יודישע לעהרער טראָגען אַריין אין לעבען, יענע ליכטיגע שטימונג און אויפמונטערונג, וואָס די ברענגען דער גאַנצער יוגענט. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז דער גרעסטער טייל פון די ביבליאָטעקען אין תחום האַלט זיך אויף דער הילף פון די יונגע לעהרער; מען דאַרף אויך געדענקען, אַז דער זשורנאַל „די יודישע וועלט“ ווערט פאַרשפּרייט אין דער פּראָווינץ אויך אַדאַנק דער הילף פון די דאָזיגע לעהרער.

און סוף כל סוף, אויב מען זאָל אַפילו צוגעהן צו דער פראַגע פון דעם שטאַנדפונקט פונ'ם ה' לעהרער, און רעדען וועגען אַלע לעהרער-יודען, ווען מען זאָל אָנרופען „יודישע לעהרער“ אַלע די, וואָס לערנען אונטער'ן שילד פון „דער יודישער פאָלקס-שולע“, וועט זיך אויך ניט אַרויסווייזען אַזאַ שרעקליך בילד, ווי עס האָט געמעלט דער מחבר פונ'ם אַרטיקעל. מיר האָבען ביז 12 אָרטיגע לעהרער-געזעלשאַפטען, וואָס פאַראייניגען אין זיך ווי מען דאַרף משער זיין — ניט ווינציגער פון טויזענט (25 פּראָצ.) לעהרער. אַנדערע שולען פאַרזאָרגען די לעהרער מיט חיונה נישט ערגער ווי די מלוכה-שולען (ז. די טאַבעלען ביי דעם דין וחשבון פון דער חברה „מפיצי השכלה“ און די צעהלונג פון 18-טען יאַנואַר 1911). אונזער לעהרער-מאַסע האָט בלי שום ספק אַרויסגעשטעלט וויכטיגע אַרבייטער אויף דער אַלגעמיינער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, נאָר זיי זעהען זיך דאָרט ניט אַהיים, ווייל זיי זייַנען אַוועק צו פרעמדע, פונקט ווי עס ווערען בטל בששים אַנדערע אַסימילירטע יודישע טאַלענטפולע שריפטשטעלער, וואָס „טאַנצען אויף פרעמדע חתונות“...
ביז די יאָהרען 1906—08 איז צווישען לעהרער און פאָלק קיין שום צונויפבונד ניט געווען. ערשט גאָר די יונגע לעהרער (די יודישיסטען) שעפען זייערע כחות אין פאָלק, אַרבייטען פאַרן פאָלק און געהען צום פאָלק; נאָר די שולע אויף דער אייגענער שפּראַך, וואָס האָט זיך גענומען בעווייזען די לעצטע יאָהרען, קאָן אויפהויבען און לעבעדיג מאַכען דעם לעהרער. ווען מען זאָל נעמען אין אַכט אַלצדינג, וואָס דער י ו ד י ש ע ר ל ע ה ר ע ר האָט בעוויזען אויפצוטון פאַר די לעצטע יאָהרען, קאָנען מיר זיין גאַנץ זיכער אין אונזער נצחון, מיר קאָנען זיין זיכער, אַז או נ ז געהערט די ליכטיגע צוקונפט.

ס. גענריך.

ד"ר י. ל. קאַנטאָר.

דעם יונגען לעזער-דור איז ד"ר ל. קאַנטאָר בעקאַנט בלויז לויט זיין נאָמען כמעט: די לעצטע צייט האָט ער זיך זעהר זעלטען געוויזען אין דער

ליטעראַטור, אין דער געזעלשאַפטליכקייט. מען האָט געוואוסט, אַז ערגעץ וואו זיצט ער, איינער פון אונזערע טאַלענטפולסטע און וויסענרייכסטע שריפטשטעלער — און... שרייבט מעטריקעס. עס האָט פאַרדראָסען, וואָס אַזאַ אוצר פון וויסען ווערט ניט אַנטפּלעקט פאַרן יודישען עולם, וואָס נויטיגט זיך אַזוי גראָד אין פאָזיטיווער וויסענשאַפט; וואָס דער שריפטשטעלער, וואָס געהערט צו די שעפער פון דער מאָדערנער פרעסע ביי יודען, איז איצט אַזוי ווייט פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען; וואָס דער מענש, וואָס וואָלט, בטבע, געדאַרפט צונויפקלייבען אַרום זיך אַ קרייז תּלמידים און אויסאַרבייטען אַ טראַדיציע פון עכטער, זאַכליכער פובליציסטיק, איז אָבגעזונדערט פון אַלעמען, און זיין גייסטיגער פאַרמעגען בלייבט פרוכטלויז ליגען אומגעריהרט. ווער איז געווען שולדיג דערין? צי איז עס געלעגען אין כאַראַקטער פונ'ם מענשען? אין די אומשטאַנדען פון זיין לעבען? אין די תּנאים פון דער צייט אין דער סביבה? על כל פנים, שטעהען מיר איצט פאַרן פרישען קבר מיט אַ ביטערן געפיהל, אַז דאָ איז געגאַנגען לאיבוד אַ גאַנצער אוצר גייסטיגער ענערגיע, וואָס איהר אָנוועהר איז ביי אונזער אָרימער ליטעראַטור און געזעלשאַפטליכקייט נאָך וועהטאָגדיגער... און עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס זיין אויספעהלען איז אין אונזער געזעלשאַפט כמעט ווי ניט בעמערקט געוואָרען, הגם אין דעם פרט איז אַוודאי אַ סך שולדיג די אויסערגעוועהנליכע צייט, וואָס מיר לעבען איבער.

יהודה ליב קאַנטאָר איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1849 אין ווילנע. זיין פאָטער איז געווען שטאָט־חזן. בעקומען די געוועהנליכע אַלט־פרענקישע יודישע ערציהונג, האָט דאָך קאַנטאָר נאָך יונגערהייט אַדאַנק זיין מוטער זיך בעקענט אויך מיט דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער האָט זיך שפּעטער געלערנט אין ראַבינער־שול אין ווילנע און זשיטאָמיר. געענדיגט אין יאָהר 1873 די ראַבינער־שול, איז קאַנטאָר אַוועק קיין בערלין, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט. ער האָט געדרוקט העברעאישע שירים אין „השחר“, אונטערגעשריבען מיט פסעוד. נחום בן עוזר הציוסקי, מנחם אָב און אַנד. אין בערלין איז ער אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה“. אין יאָהר 1879 האָט ער געענדיגט זיין שטודיום און זיך בעזעצט אין פעטערבורג, וואו ער איז געוואָרען באַלד אַן אָנגעזעהענער מיטאַרבייטער אין די יודיש־רוסישע אָרגאַנען. צום יאָהר 1886 געהערט ד״ר קאַנטאָרס וויכטיגסטער ליטעראַרישער אויפטו, וואָס דורכדעם האָט ער געשאַפען אַ נייע תּקופה אין דער געשיכטע פון דער יודישער פרעסע: די גרינדונג פונ'ם ערשטען העברעאישען טאָג־בלאַט „היום“. אין דער וויסטעניש פון די „מאמרים“ מיט דער הייליכער מליצה על טהרת הלשון זיינען די אַרטיקלען און פעליעטאָנען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אינ'ם דאָזיגען בלאַט, באמת געווען ווי אַ דערקוויקענדיגער שטראָם. עס איז דאָ געמאַכט

ליכט און שאָטען.

גערוואָרען דער ערשטער פרוב צו געבען דעם יודישען עולם אויף דער העברעאישער שפראך ידיעות וועגען דער וועלט און וועגען אייגענע פראַגען אויף אַ זאַכליכען שטייגער און מיט פראַקטישע כונות. סוף 1887 האָט ד"ר קאַנטאָר גענומען אויף אַ נאָהענטען אָנטייל אין דעם „יודישען פאָלקס־בלאַט", וואָס איז אַריבער דעמאָלט פון צעדערבוימען צו י. ש. לעווי. אין יאָהר 1890 איז ד"ר קאַנטאָר געוואָרען ראַבינער אין ליבוי. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט ווערט זינט דעמאָלט שוואַכער. ער בעטייליגט זיך נאָך צייטענווייז אין רוסישע און העברעאישע אויסגאַבען. אין די 90־ער יאָהרען געפינען מיר אין די ערשטע כרכים פון „השלח" זיינע אינטערעסאַנטע „מכתבים מרוסיא", אונטערגעשריבען מנחם אב. בעת עס איז געגרינדעט געוואָרען „דער פריינד", האָט ד"ר קאַנטאָר עפטער אָנגעהויבען צו בעווייזען זיך אין דער צייטונג מיט אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אונטערגעשריבען מיט זיין אייגענעם נאָמען אָדער מיט פאַרשיידענע פסעוודאָנימען, ווי „מימקרי" און אַנד. אין זשורנאַל „דאָס לעבען" (ביילאַגע צום „פריינד"), האָט ער אָבגעדרוקט אַ שטודיע וועגען אייזיק מאיר דיק. נאָר מען האָט שוין דאָס געפיהלט, אַז דער מענש, וואָס איז אַן עכטער ליטעראַט לויט זיינע נטיות, איז איצט נאָר אַן אורח אין דער ליטעראַטור. ס'איז אויך ניט בעסער געוואָרען אין דעם פרט, ווען ער איז אין יאָהר 1904 אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ ראַבינער אין ווילנע. ער האָט אין דעם ווילנער ליטעראַרישען קרייז ניט פאַרנומען דעם אָרט, וואָס ער האָט געדאַרפט און געקאָנט פאַרנעמען לויט זיין בילדונג און לויט זיינע פאַרדינסטען פאַר דער ליטעראַטור. אין יאָהר 1908 האָט ד"ר קאַנטאָר פאַרלאָזען ווילנע און איז געוואָרען ראַבינער אין ריגע.

ד"ר י. ל. קאַנטאָר איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע יודישע שריפטשטעלער, סיי פון זיין דור, סיי פונ'ם יונגערן. זיין זכרון איז געווען אַן אומגעוועהנליכער; ער האָט פאַרמאָגט אַן אַלזייטיגען, כמעט ענציקלאָפעדישען וויסען. און ניט נאָר אַ געלערנטער אין דער אַלגעמיינער וויסענשאַפט איז ער געווען, נאָר אויך אַ גרויסער למדן אין אַלט־יודישען זין. פון זיין אַרבייטס־טיש פלעגען כמעט ניט אַראָב די אַלטע פאָליאַנטען פון דער רבנישער ליטעראַטור. ער האָט נאָך אַפילו די לעצטע יאָהרען ליב געהאַט צו „רעדען אין לערנען" מיט רבנים, וואָס פלעגען קומען איהם בעזוכען. וועגען די פראַגען פון תלמודישער וויסענשאַפט האָט ער געגעבען איינינע וויכטיגע אַרבייטען אין דער רוסישער „יעווריסקאַיאַ ענציקלאָפעדיאַ". ווי געזאָגט, איז דער דאָזיגער גאַנצער וויסענס־אוצר געבליבען כמעט ניט אויסגענוצט לטובת די וויסענס־דאָרשטיגע יודישע מאַסען, און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מעהר דעם טרויער איבער דער אבדה, וואָס מיר האָבען געליטען.

—ן.

אינהאַלט:

צום אָנדענק פון י. ל. פרץ.

י. ל. פרץ—אַ בריף צו יעקב דינעזאָן. 3

י. דינעזאָן—עטליכע מאָמענטען פון פרצ׳ס לעצטע טעג. 6

ש. אַנ—סקי—יצחק לייבוש פרץ (ערינערונגען). 16

בעל־מחשבות—י. ל. פרץ ז״ל. 31

ה. בערנעלסאָן—בריף צו דער יונגער יודישער אינטעליגענץ: I י. ל. פרץ. 43

בן־נתן—י. ל. פרצ׳ס פילאָזאָפישע גרונד־געדאַנקען. 49

צ. הירשקאָן—י. ל. פרץ. 57

ליפּמאַן־לעווין—צום אָנדענק פון י. ל. פרץ. 63

ש. ניגער—וועגען פרצ׳ס יודיש. 71

ש. ל. ציטראָן—י. ל. פרץ (עראינערונגען). 95

י. צינבערג—צעריסען די קייט. 104

אַ. קאַציזנע—פרץ... 112

———

ד״ר ה. לאַנדוי—דער באָספאָר און די דאַרדאַנעלען—און זייער עקאָנאָמישע בעדייטונג פאַר רוסלאַנד. 138

י. עפרען—צייט־פראַגען. 151

י. נ—ג.—בריף וועגען פוילען. 156

ליכט און שאָטען. 166

פרץ איז געשטאָרבען — לעבען זאָל פרץ! — אַ ווילנער; די אינעווענינסטע געפאַהר—אַ ווילנער; — אַ שטים פון אַ לעהרער—ס. גענריך;—י. ל. קאַנטאָר—ן.

בילדער: י. ל. פרץ אויפן טויטען־בעט; י. ל. פרץ און זיין פריינד יעקב דינעזאָן; פרץ אין זיין קאַבינעט; י. ל. פרץ לויט אַ מע־דאַליאָן פון קראַטקאָ; פרץ אלס יונגערמאַן; פרץ אין די 90־ער יאָהרען; פרצ׳ס פאָטער; פרצ׳ם באָבע; י. ל. פרץ מיט זיין פרוי; י. ל. פרץ אין זיין געבורטס־שטאָט זאמאָשץ.

רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער ב. א. קלעצקין.


ליטעראטור
און
לעבן

אױף דעם קבר פֿון יצחק ליב פּרץ